B
1066.

KAUFMANN
DÁVID
KÖNYVTÁRA
B. 1066.

Ignatz v. Steinschneider
Ichenhausen (III)
1544 Cf Cat Bodl N 107

# קומט הער איר ורומן ורויאן:

דא ווערט איר הויפש דינג שויאן · איר ווערט עש
מאל ניוואר · איין תְּפִלָּה פֿוס גאנצן יאר · וואל פֿור
טייטשט אונ׳ בשיידליך · דרום קומט אונ׳ קויפֿט
ווידליך · איר ווערט זי זונשט פֿור זויאן · דען זיא
וועשן ניט אויז׳ דען בויאן · אויך איז זי ניט צו טוייער
· אם איין קרונן איז זי אוייער · אונ׳ עטווז נעהר הלט
איראוייך שטארק · גידרוקט צו איכנהויזן אין דעם
מאיק · אין דעם יאר זא מן צילט דרייא הונדרט אונ׳
ויר גֿט העלף׳ אונש דש ויר זי פֿולענדן שיר ·

M.T. AKADEMIA KÖNYVTÁRA

עש

מוזן דאראן ביקענן · אל די אוגן דער וועלט זענן ·
אונ׳ איז וואר און אלי פעל · דש דש לשון הקודש
איז דש זעמיל מעל · פֿון דען אנדרן שפרוכן גאר ·
מן קאן אייאש וואל ווייזן אונ׳ מאכן וואר · אויז דער תורה ווען עש
עטווש געלט · דש דר מיט איז בישאפֿן די וועלט · אונ׳ איז די תורה דינן
ווארדן געבן · אונ׳ אנדרי ספֿרים מיר דר נעבן · אונ׳ איז לויטר אונ׳
ריין אלי שפרוכן און גישענט · דארום מן עש לשון הקודש נענט ·
דרום איז ניט מינדרש דראן · ווער עש פֿור שטיט אונ׳ וואל קאן · אונ׳
דרינן טוט זיין גיבעט · דש ער פֿור גוט יתׄ שטעט · מיר איז אנספֿנגן
אונ׳ אן גיגומן · דען אל די דא זינגשט קומן · אונ׳ ביטן אין אייגר אנדרן
שפרוך · ווען זי שון שרייאן גאר הוך · אבר אז אינונז שטיט אונזר
זאך · זא וינדט מן לנגס אונ׳ גימאך · לוייט די עש וואל פֿור שטינן · ווען
זי שון וועלן זיינן · זי קונן עש גאר בסברא · אונ׳ האבן גישטודירט אין
דער גמרא · אונ׳ אין עשרים וארבע אונ׳ אנדרן ספֿרין · דוך זיין עש
אייטל דברים · דען זי זיין זיך ווערליך שנעלן · וועני דוך מיט איינס
רידן וועלן · זא שטין זיא דא אונ׳ הוינן · אונ׳ ווישן ווידר צו אירנן נוך
צו דוינן · אונ׳ צו פֿור אויז וועלכר דען דקדוק ניט קא · איך וויל גישוויגן
דען דער גימיין מאן · דען זינט מיר זיין ווארדן פֿי טריבן · איז אונש
דש לשון ניט האלב איבר גיבליבן · דארום האב אונזר חכמים דר צו
גיטון · אונ׳ האבן אונש די תפֿלה גישריבן אן · אר דש זעלבין מול דיא
גימיין רוט · דש לשון הקודש באז פֿור שטאנדן גוט · אונ׳ איז אויך דיא
תפֿלה גיוועזן גאר בישיידליך קורץ אונ׳ גוט · און דש מאן נוך אל טאג
מיר דר צו טוט · אונ׳ מכט אין די תפֿילות אור הערבי לשונות · דא
מיט דש מן בעונות · אונטר טויזנטן זינט קם איינן · דער דא וויש
וואז זי איינן · דרום האט איך פֿור אייטל טור · די אין לשון הקודש וועלן
אורן · אונ׳ פֿור שטין דארינן קיין ווארט איך וועלט דוך גערן ווישן
גורט · וואז זי קונן האבן פֿור איין כוונה · רום האבן מיר גימאכט איין

מַסְקָנָה · צו דרוקן די תְּפִלָּה אין טייטשר שפרוך · אונ׳ אנדרי ספרים
מֵיר דר נוך · אבר מערליך אל די טייטשן תפלות די איך האב געזעהן ·
איז ניט אייני אונטר צעהן · די דא איז פור טייטשט וואל · אונ׳ עטליכי
קיין רעכט ווארט צו מול · דען איין ספר צו פור טייטשן הוט פיל זינש
· ניט דש איכש דרום רייד כלומר איך בינש · דען איך בין איין עַם
הארץ איין טרוספא · אויך האב איך די תפלה ניט פור טייטשט אויש
איינם קוספא · זונדר האב מיר אייני אויש געלעזן · די מיך הוט גידוכט
זיא זייא דיא בעשט געוועזן · אונ׳ האב זיא מֵנִיהַ געוועזן פור אן · אונ׳
גימאכט אז גוט אז איכש קן · אונ׳ הוני השם יתעלה זול מיך אונטר וויזן ·
דז איך מיט קיינרלייא ניט זול גרייזן · אונ׳ וויל מיכש גלייך דר וועגן ·
ווש איך ניט קאן דש וויל איך ורעגן · אבר איך וויל פור אויז נעמן דען
פונט · אונ׳ איין איטליכם טון קונט · דש מן ניט אל וועגן קאן פור
טייטשן ווארט בייא ווארט · אונ׳ צו ווילן מוז מן דען דקדוק שלאגן אן
איין אורט · אונ׳ צו ווילן לענגן צו ווילן קורצן · צו ווילן דש הינטרשט
הר פור שטורצן · אונ׳ אופט מוז מן איין ווארט לשון הקודש לושן
בלייבן · דען מן קאנש ניט וואל צו טייטש שרייבן · צו פור אויש
אין דען קרבנות דא וארן · דען עז איז גאר פור ווארן · אונ׳ מן
קונטש ניט וואל פור שטין · אונ׳ זולכר ארטיקל נוך פיל מֵין · אלז דר נוך
עז זיך טוט פוגן · איין איקליכר פור שטענדיגר וייש עז גינוגן · דרום
זול איין איקליכר איינן לְכַף זכות ריכטן · אונ׳ דרום איינן ניט ור ניכטן
· דען עז מושט איינר קונן גאר פיל · דער דא וועלט מכן איין דינג דז
אידרמן גיוויל · אויך זיין וויר אל לייט אונ׳ פעלן · עש איז ניקש שאנד
דען שטעלן · אונ׳ גוט אליין דער איז גירעכט · דען זולן וויר ביטן
אל אונזר טעג אונ׳ נעכט · דש ער אונש
אלן דר לויז מיט קינדר אונ׳ וויבר ·
דז ביט אויך יוסף בר יקר
דער שרייבר :

**מה** טבו אוהליך יעקב וויא גאר גוט זיין דייני גצילט יעקב
דיין רוואונג ישראל אונ׳ איך מיט ויל דיינן גינאדן איך
וויל קומן אין דיין הויז · איך וויל מיך נאייגן צו פאלש
דיינר הייליקייט מיט דיינר בורכט גוט איך האב ליב וואנונג דיינש הויז
· שטאט רוואונג דיינר איר · אונ׳ איך · איך וויל מיך נאייגן · אונ׳ איך וויל
קניאן · אונ׳ איך וויל הויארן בור גוט מיינם שופר · אונ׳ איך זו איך
טו מיין תפלה צו בור דיר גוט זו זול איך האבן איין צייט דיינש גוטן
וילן · גוט אום וילן ויל דיינר גינוד ענטוורט מיר מיט ווארהייט דיינר
הוילף׳ :

**אדון** עולם הער דער וועלט דער דא הוט גיקיניגט אי אל
בשעפניש איז ווארדן בישפן צו דער צייט זו עז ווער
בישאפן אלש נוך זיינר בינער דש זעלבין מול ווער
זיין נמן איין קונין גירופן אונ׳ נוך דעם זו דש אלז צו גיט זו ווערט ער
דוך אליין זיין איין קונין איין בורכטבאר · אונ׳ ער איז אל מול גיוועזן
אונ׳ ער איז נוך אונ׳ ווערט אל מול זיין מיט שונהייט · אונ׳ ער איז
איינר אונ׳ אן וינט קיין אנדרן צו גלייכן צו אים אונ׳ צו בהיפטן · אונ׳
ער איז און אנבאנג אונ׳ און ענדא אונ׳ צו אים איז די שטערק אונ׳ דיא
הערשאפט · אונ׳ ער איז מיין גוט אונ׳ ער לעבט מיין דר לויזער · אונ׳
ער איז שופר מיינש טיילש אין צייט מיינש ליידא · אונ׳ ער איז מיין
וענלן אונ׳ מיין צו וולוכט · אונ׳ גובא מיינש טאיילש אן טאג זו איך אין
אן רוף׳ · אין זיין גיוואלט ביפעלך איך מיין גמויט · אין דער צייט זא
איך שלוף׳ אונ׳ זא איך וואך · אונ׳ מיט מיינם גמויט מיין לייבא גוט איז
מיט מיר אונ׳ ניט איך בורכט מיך ·

**ברוך** אתה · גלובט זיישטו גוט אונזר גוט קונינג דער וועלט
דש ער אונש הוט גיהיילגט מיט זיינן גיבוטן · אונ׳
ער הוט גיבוטן אונש דש וויר זולן וועשן די הענדא ·

**ברוך** אתה · גילובט זיישטו גוט אונזר גוט קונינג דער וועלט דער

דא הוט בישאפֿן דען מענשן מיט ווישהייט · אונ׳ ער הוט בשאפֿן
אין אים נקבר נקבר · חלן חלן · עש איז אופֿן וואר אונ׳ ווישינליך פֿור
שטול דיינר אֵ״ר דש אונ׳ עש ווארד גיאופֿנט איינש פֿון אינן אודר
ווארד פֿור שטופֿפֿט איינש פֿון אינן זו ווער ניט מוגליך צו בלייבן
אונ׳ צו בשטין פֿור דיר · געלובט בישטו גוט דער דא היילט
קראנקהייט אלר קרעטוייער אונ׳ ער טוט וואונדר ·

**אלהי** מיין גוט די זיל די דו הושט געבן אין מיך ראיין
איז זי · דו הושט בישאפֿן זי דו הושט געבלוזן זי
אין מיך · אונ׳ דו הוטשט זי אין מיר אונ׳ ווערשט זי
הרנוך ווידר נעמן פֿון מיר · אונ׳ ווערשט זי ווידר קירן אין מיך לעתיד
לבוא · אל די וייל דש די זיל אין מיר איז זא ביקען איך פֿור דיר גוט
מיין גוט אונ׳ גוט מיינר אילטרן מיינשטר אלר ווערק איין הער אלר
זילן געלובט בישטו גוט דער דא ווידר קירט די זילן אין די טוטן קורפר

געלובט זיישטו גוט אונזר גוט קונין דער וועלט דער דא הוט געבן דעם
האנן ור שטענדיקייט צו פרובן צווישן טאג אונ׳ נאכט ·
געלובט זיישטו גוט אונזר גוט קונין דער וועלט דש ניט ער הוט בשאפֿן
מיך איין גוי **אירך ורויא זגט** איין גויה
געלובט זיישטו גוט אונזר גוט קונין דער וועלט דש ניט ער הוט בישאפֿן
מיך איין קנעכט **אירך ורויא זגט** איין שפחה ·
געלובט זיישטו גוט אונזר גוט קונין דער וועלט דז ניט ער הוט בשאפֿן
מיך איין ורויא **אירך ורויא זגט** דז ער הוט בישפֿן מיך אז
זיין ווילן · געלובט זיישטו גוט אונזר גוט קונין דער וועלט דער
דא מאכט הוך דיא נידרן ·
געלובט זיישטו גוט אונזר גוט איין קונין דער וועלט דער דא מכט זעהן
די בלינדן ·
געלובט זיישטו גוט אונזר גוט איין קונין דער וועלט דער דא קליידט די

נאקנטן ·

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט איין קוינינג דער וועלט דער דא אונטר
לאיינט די דא ואלן

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט קוינינג דער וועלט דער דא אויף׳ ריכט די
גבוקטן ·

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט קוינינג דער וועלט דער דא מאכט לידינג די
גבאנגן ·

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט קוינינג דער וועלט דער דא הוט גשפרייט
די ערדא אויף׳ דש וואשר ·

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט קוינינג דער וועלט דער דא הוט בירייט
טריט דעש מאן ·

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט איין קוינינג דער וועלט דש דו מיר הושט
בשאפן אל מיין בידורפניש ·

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט קוינינג דער וועלט דער דא גורט ישראל
מיט שטערק ·

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט קוינינג דער וועלט דער דא קרוינט ישראל
מיט שונהייט ·

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט קוינינג דער וועלט דער דא גיבט דעם
מידן קראפט ·

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט קוינינג דער וועלט דער דא מאכט איבר
וארן דען שלוף׳ פון מיינן אויגן אונ׳ שלומונג פון מיינן אוינג ברואען ·

יהי רצון · עש זול זיין ווילן צו פור דיר גוט מיין גוט אונ׳ גוט
מיינר פורדרן דז דו זולשט גווינן מיך אין דיינר תורה ·
אונ׳ ביהעפט מיך אן דייני מצות · אונ׳ ניט דו זולשט
ברענגן מיך צו וועגן זונד אונ׳ עבירות אונ׳ אונרעכט אונ׳ ניט צו ור
זוכונג אונ׳ ניט צו שוואכהייט · אונ׳ ניט ער זול גוועלטיגן אן מיר דער
יצר הרע אונ׳ ווער מיך פון איינם בוזן מענשן אונ׳ ביהעפט מיך אן

אונזר ואטר דער אין היאל איז · טו מיט אונש גינוד אום ווילן דיינש
נאמן דער אבֿפר דער דא איז ווארדן גירויסן אויף אנש אונ׳ בשטעטין
צו אונש גאָט אונזר אז דא גשריבן איז אין דער תעלבין צייט איך וויל
ברענגן אייך · אונ׳ אין דער צייט זא איך אייך זאמיל ווען איך וויל אייך
געבן צו נאמן אונ׳ צו לובא אונטר אלן בֿולקרן דער ערדן · זו איך ווידר
קֵיר אייער ווילדיקייט בֿור אייערן אויגן ער הוט גיזאגט גאָט ·
גילובט זיישטו גאָט אונזר גאָט קונין דער וועלט דער אונש הוט גיהייליגט
מיט זיינן מִצְוֹת · אונ׳ ער הוט גיבוטן אונש דש וויר זולן ערבייטן אין
רֵידא דער תּוֹרָה ·

# וְהַעֲרֵב

אונ׳ מאך זוש מן גאָט אונזר גאָט די רֵיד דיינר
תּוֹרָה אין אונזר מונד אונ׳ אין מונדר דיינש
בֿולקש גיזינד ישראל · אונ׳ וויר זולן זיין וויר
אונ׳ אונזר קינדר אונ׳ קינדר דיינש בֿולק גזינד ישראל אל צו מול ווישר
דיין נאמן אונ׳ לערנר דיין תּוֹרָה גילובט זיישטו גאָט דער דא לערנט די
תורה צו דיינם בֿולק ישראל · גילובט זיישטו גאָט אונזר גאָט קונין דער
וועלט דער דא הוט דר ווילט אונש בֿון אל דען בֿולקרן אונ׳ הוט געבן צו
אונש זיין תורה · גילובט זיישטו גאָט דער דא הוט געבן די תורה ·

# וַיְדַבֵּר

אונ׳ ער רידט גאָט צו משה צו זאגן · ריד צו קינדר
ישראל אונ׳ דו זולשט זאגן צו אינן מיין קָרְבָּן מיין
ברוט אוֹפּפֿר צו מיינם בֿוייער אופפֿר גישמאק
מיינר זענפֿטיגונג איר זולט הויטן · צו גינעהן צו מיר אין זיינר צייט ·
אונ׳ דו זולשט זאגן צו אינן · דש איז דש בֿוייער אופפֿר דש איר זולט
גינעהן צו גאָט צוויא שוף יונגי איינש יארש גאנצי אלי טאג צו אופפֿר
שטעטיגליך · דש איין שוף זולשטו בירייטן אם מורגן אונ׳ דש אנדר
שוף זולשטו ברייטן צווישן דען אובנטן · אונ׳ איין ציהנדטייל איינר מוש
זעמיל מעל צו פריזנט גימושט מיט גישטושן אָיל איין וירדטייל איינש
איימרש צו אופפֿר שטעטיגליך · אז דא איז ווארדן גימאכֿט אם בערג

סיני · צו גישאאך געגפּטונג פֿוייער אופּפֿר צו גאָט · אונ׳ זיין גישונג איין
וירדנטייל אייגש אייארש וויין צו איינם שוף אין דער היילינקייט · צו
גישן גישונג וירגן ווי׳ צו גאָט אונ׳ דז אנדר שוף זולשטו בירייטן צווישן
דען אובנטן גלייך אזדער פריזאנט אונ׳ די גישונג דעש מורגן זולשטו
עש מאכן פֿוייער אופּפֿר גישאאך געגפּטינגג צו גאָט ·

דט זאגט מן אם שבת

**וביום** אונ׳ אנטאג דען שַבָּת צווייא שוף יונגי איינש יארש
גאנצי אונ׳ צווי צינהנטייל זעמיל מעל פריזגט גימושט
מיט אָיל אונ׳ זיין גישונג דש זול זיין אופּפֿר אל שבת
אן זיינם שבת און אופּפֿר דש שטעטינליכן אונ׳ איר גישונג ·

דש זאגט מן אל ראש חודש ·

**ובראשי** אונ׳ אן אנפּאנג אוייערר מונעט זולט איר
גינעהן אופּפֿר צו גאָט צווין שטיר יונגי רינדר
אונ׳ איין ווידר אונ׳ זיבן שוף יונגי איינש
יארש גאנצי · אונ׳ דרייא צינהנטייל זעמיל מעל גימושט מיט אָייל צו
איטליכם שטיר · אונ׳ צווייא צינהנטייל זעמיל מעל פריזגט גמושט
מיט אויל צו דעם ווידר דעם איינן · אונ׳ איין צינהנטייל זעמיל
מעל פריזגט גימושט מיט אויל צו איטליכם שוף אופּפֿר גישאאך
געגפּטונג פֿוייער אופּפֿר צו גאָט אונ׳ איר גישונג איין האלבן אייאר וויין
צו איטליכם שטיר אונ׳ איין דריטייל איינש אייארש צום ווידר אונ׳ איין
וירטייל איינש אייארש צו איטליכם שוף · דש איז דש אופּפֿר פֿון
ראש חודש אם ראש חודש צו איטליכם מונעט אים יאר · אונ׳
איין ציקלן גיישן צו חטאת צו גאָט · און דש אופּפֿר דש שטעטינליכן דש
מן אל טאג מאכט זול דש אויך ווערדן גימאכט אונ׳ זיין גישונג ·

**איזהו** וועלכש איז די שטאט דא מן שעכט די קרבנות ·
קָדְשֵׁי קָדָשִׁים איז איר שעכטונג צו צפּון פֿון דעם
מִזְבֵּחַ · דער שטיר אונ׳ דש ציקלן פֿון יום

במוריס איר שעכטונג איז צו צפון אונ׳ מן אנפפינג איר בלוט צו צפון
אין איינם גשיר דש דא גהוריט צום דינשט · אונ׳ איר בלוט זושט מן
שפרענגן צווישן די שטאנגן אונ׳ אויף דען פור האנג אונ׳ אויף דש גילדן
מזבח · איין איינינג גאב פון אינן די זויאט · דש אובריג בלוט דש גוש
מן אויף גרונט ועשט דעש אויישרשטן מזבח צו מערב · העט ערש
אבר ניט דאר געבן עש העט ניכש גזויאט ·

## פרים

די שטיר די דא גאר ווארדן פור ברענט · אונ׳ דיא
ציקליך די דא גאר ווארדן פור ברענט די שעכטט
מן אויך צו צפון · אונ׳ מן אנפפינג איר בלוט אויך
צו צפון אין איינם גשיר דש דא גיהורט צו דעם דינשט · אונ׳ איר בלוט
דש שפרענגט מן אויף דען פורהנג אונ׳ אויף דש גילדן מזבח · איין
איינינג גאב פון אינן די זויאט דש אובריג בלוט דש גוש ער אויף דען
גרונט ועשט פון דעם אויישרשטן מזבח גגן דער זייטן צו מערב ·
העט ערש אבר ניט דאר געבן עז העט ניט גזויאט · אלו ואלו דיזי אונ׳
דיזי · דש מייגט די שטיר אונ׳ די ציקליך די ער אובן גנענט הוט די
ווארדן ור ברענט אויף הויזא דער עשן ·

## חטאת

דש חטאת דש איין גמיין ברוכט אודר איינר
אליין · אונ׳ דש זיין די חטאת דער גמיין די
ציקליך די מן אן אלן ראש חודש אונ׳ אן אלן
ימים טובים ברוכט די שעכט מן אויך צו צפון · אונ׳ אנפפינג איר בלוט
צו צפון · אין איין גשיר דש צו דעם דינשט גיהורט · אונ׳ איר בלוט
בידורפט ויר גובן אויף די ויר איקן דעש מזבח · וויא טעט מן דש
ער גינג אויף אן דער שטאפפיל אונ׳ ער קירט זיך צו דעם אום גנג פון
דעם מזבח · אונ׳ קאם צום אירשטן אן די איק פון דרום אונ׳ מזרח
אונ׳ דר נוך צו מזרח אונ׳ צפון · אונ׳ דר נוך צו צפון אונ׳ מערב · אונ׳
דר נוך צו מערב אונ׳ דרום · דש אובריג בלוט גוש ער אויף דען גרונט
ועשט אן דער זייטן פון דרום · אונ׳ זי ווארדן געשן אינר האלבן

דער אום העננ֗ צו דען מאנש נאמן דער כהנים אין אר֗לייא שפייזא
אין איינם טאג֗ אונ֗ איינר נאכ֗ט ביש מיטר נאכ֗ט ·

**הָעֹלָה**

דש אופפר דש דא איז היילינ֗ דער היי֗ליקייט
שעכ֗טט מן אן דער זייטן צפון אונ֗ אנפפינג֗
איר בלוט אין איין גשיר דש צום דינשט
גהורט צו צפון · אונ֗ איר בלוט בדורפ֗ט מן צו שפרענגן צוואו גובן דער
פיר ווארן · אונ֗ מן מושט עש שינדן אונ֗ צו שטוקן אונ֗ ווארד אל צו
מול פור ברענט אויף דעם פויער ·

**זִבְחֵי**

דיא שעכ֗טונג֗ פר זיינונג֗ אייבר זאלונג֗ אונ֗ די שולדא
אופפר · אונ֗ דז זיין די שולד אופפר · שולד רויברייא
· שולד ועלשרייא · די שולדא דער אנטשפוזטן מייאד
· די שולד איינש נזיר · די שולד איינש מְצוֹרָע · די שולד איינש צווייבל
הפטיג · איר שעכ֗טן טעט מן אן דער זייטן צפון · אונ֗ איר בלוט
בידורפט צוואו גובן דער פיר ווארן · אונ֗ זי ווארדן געשן אינר האלבן
דער אוים העננ֗ צו דען מאנש נאמן דער כהנים אין אר֗לייא שפייזא ·
אין איינם טאג֗ אונ֗ איין נאכ֗ט ביש מיטר נאכ֗ט

**הַתּוֹדָה**

דש קָרְבַּן תּוֹדָה · אונ֗ דען ווידר דען איין
נָזִיר ברוכ֗ט · דש זיין גרינגי הייליקייט ·
דיא שעכ֗טט מן אן אלר שטאט אין דער
עֲזָרָה וואו מן וואלט · אונ֗ איר דַּם בידורפ֗ט צוואו גובן דער פיר ווארן ·
אונ֗ זי ווארדן געשן אן אלן ענדן אין דער שטט ירושלים צו אלן מענשן
אין אר֗לייא שפייזא אין איינם טאג֗ אונ֗ איין נאכ֗ט ביש מיטר נאכ֗ט ·

**הַמּוּרָם**

דש דא אב גשיידן ווערט פון אינן · דש
איז אז זיא זעלווורט · גנייערט דז דש דא
אב גשאיידן ווארד דש אושן דיא כהנים
אונ֗ איר ווייבר אונ֗ איר קינדר אונ֗ אירי קנעכ֗ט

**שְׁלָמִים** די ור זינונג פֿון דען גרינגן האיילקייט ·
דיא שעכֿטט מן אויך אן אלן ענדן אין דער
עֲזָרָה : אוב׳ איר דַם בידורפֿט צוואו גובן
דער ניר ווארן · אוב׳ אלי מענשן טורשטן זי וואל עשן אן אלן ענדן אין
ארלייא שפייז אין צווין טאג אוב׳ איין נאכֿט

**הַמּוּרָם** דש דא ווערט אב גישיידן פֿון אינן דש איז אז
זיא זעלוורט · נוייערט דז דש זעלב דש דא
ווערט אב גישיידן דש עשן דיא כהנים אוב׳
איר וויבר אוב׳ איר קינדר · אוב׳ איר קנעכֿט

**הַבְּכוֹר** דער בְּכוֹר · אוב׳ דש מַעֲשֵׂר · אוב׳ דש קָרְבַּן
פֶּסַח · דש זיין אויך גירינגי האיילקייט · די
שעכֿטט מן אויך אן אלן ענדן אין דער עֲזָרָה
· אוב׳ איר דַם בדורפֿט נוייערט איין גוב · נוייערט דש ערש זול געבן
גין דעם גרונד וועשט · אבר זי זיין פֿור ענדרט מיט אירם עשן · אז
ערש איצונד אויש לייט

**הַבְּכוֹר** דער בְּכוֹר וואורד גיגעשן צו דען כהנים ·
אוב׳ דש מַעֲשֵׂר צו אלן מענשן · אוב׳ מן
טורשט זי בייד עשן אובר אל אין דער שטאט
· אוב׳ אין ארלייא שפייזא אין צווין טאג אוב׳ אין איינר נאכֿט

**הַפֶּסַח** דש קָרְבַּן פֶּסַח טורשט מן ניט אנדרש עשן
דען נוייערט בייא נאכֿט · אוב׳ נוייערט ביש
גין מיטר נאכֿט · אוב׳ טורשט ניאנט דר פֿון
עשן דען נוייערט די · די דרוף גיצילט ווארדן : אוב׳ מן טורשט עז ניט
אנדרש עשן דען נוייערט גיברוטן ·

**רַבִּי יִשְׁמָעֵאל** דער זאגט · אין דרייצֵיהן
ארלייא מִידּוֹת ווערט דיא
תּוֹרָה גילערנט · דש זיין

זי · דש מן לערנט איין גרינגז פֿון איינם שווערן · אונ׳ ווען צווייארלייא
גלייך זיין דש מן איינש פֿום אנדרן לערנט · אונ׳ פֿון איינם בנין אב
דש מיינט אזו · דז גרושט דא מן ויל קלייני פֿון לערנט פֿון איינם פסוק
· אונ׳ פֿון איינם בנין אב פֿון צווין פסוקים · אונ׳ פֿון איינם כלל אונ׳
דר נוך איין פרט · אודר פֿון איינם פרט אונ׳ דר נוך איין כלל · דש
הייסט איין כלל ווען ויל ערלייא מיט אננדר ור בונן אודר גיבונן איז ·
זא הייסט דש איין פרט דש מן איינש אודר מיר אויש ניאט אויש
דעם כלל · אונ׳ ווען עש איז איין כלל אונ׳ איין פרט · אונ׳ ווידר איין כלל
דש קאן מן ניט אנדרש ריכטן דען נוייערט נוך דער גישטאלט אז
דער פרט איז · אונ׳ פֿון איינם כלל דער איינש פרט בדארף · אונ׳ פֿון
איינם פרט דער איינש כלל בידארף · אונ׳ איין איטליכי זאך די דא איז
גיאיגן אים כלל · אונ׳ איז גנומן אויש דעם כלל · דרום דש מן עטווש דר
פֿון לערנן זול · זא איז עז ניט דרום אויש דעם כלל גנומן · דז מן נוייערט
אויף די זעלבין זאך אליין לערנן זול · נוייערט צו לערנן אויף דען גנצן
כלל איז עש אויש גנומן · אונ׳ איין איטליכי זאך די דא איז גיוועזן אים
כלל · אונ׳ עש גיט אויש דעם כלל · דש עש זול בידויטן איינרלייא דש
דא איז אז זיין גישעפט · דז גיט אויש צו גרינגרן אונ׳ ניט צו בישווערן
· אבר איין איטליכי זאך דיא דא איז גיוועזן אים כלל אונ׳ עש גיט אויש
דעם כלל · דש עש זול בידורפֿן איינרלייא דש ניט איז אז זיין גישעפט
דש גיט אויש צו גרינגרן אונ׳ צו בישווערן · אונ׳ איין איטליכי זאך · די
דא איז גיוועזן אין איינם כלל · אונ׳ עש איז דרום אויש דעם כלל גנומן
דש עש איין נוייאן דין זול אן אים האבן · זא קאן מן עש ניט ווידר אין
דען כלל ברענגן · ביז דז עז דער פסוק בשיידליך ווידר אין כלל ניאט ·
איין זך די דא ווערט גילערנט פֿון זיינר איינני גישטאלט · אונ׳ איין זאך
די דא ווערט גילערנט פֿון זיינם ענדא · אונ׳ אזא ווען צווין פסוקים
ווידר אננדר זיין דיא קאן מן ניט פֿור שטין ביז דש דא קומט דער
דריט פסוק אונ׳ מכט גלייך דען אויש שלאק צווישן זיא :

**יְהִי רָצוֹן** עש זול זיין ווילן צו פֿור דיר גוט אונזר גוט אונ׳ גוט אונזרר פֿורדרן · דש עש זול ווערדן גיבויעט דש בֵּית הַמִּקְדָּשׁ באלד אין אונזרן טאגן · אונ׳ גיב אונזר טייל אין דיינר תּוֹרָה ·

# בָּרוּךְ שֶׁאָמַר וְהָיָה

הָעוֹלָם · גילובט זייא דער · דער דא הוט גיזאגט אונ׳ פֿון זיינר זאגן איז גיוורדן די וועלט · גילובט זייא ער · גילובט זייא דער דא הוט בישאפֿן די אירשטן ווערק דא דער עולם איז בשאפֿן ווארדן · גילובט זייא דער דער איין דינג זאגט אונ׳ טוטש · גילובט זייא דער דער דא גיביט אונ׳ בשטעטיגטש · גילובט זייא דער דער זיך דר בארמט איבר די ערדא · גילובט זייא דער דער זיך דר בארמט איבר זייני בשעפֿניש · גילובט זייא דער · דער דא בינצאלט גוטן לון צו דען די אין פֿורכטן · גילובט זייא דער · דער דא לעבט איוויג אונ׳ בלייבט איוויקליכן · גילובט זייא דער דר לויזער אונ׳ דער בישירמר · גילובט זייא זיין נאמן · גילובט זייטשטו גוט אונזר גוט קוניג איבר די וועלט · דער גוט דער דא איז איין ואטר איין דער בארמיגר דער דא איז גילובט אין מונט זיינש פֿולקש גילובט אונ׳ בשוינט · אונ׳ מיט שפרוך זיינר חֲסִידִים אונ׳ זיינר קנעכֿט אונ׳ מיט גיזאנג דָּוִד דיינש קנעכֿטש וויר וואלן לובן דיך גוט אונזר גוט מיט לובא אונ׳ מיט גיזאנג · אונ׳ וויר וואלן אכֿפרן דיך · אונ׳ וויר וואלן לובן דיך · אונ׳ וויר וואלן בשונן דיך · אונ׳ וויר וואלן מאכֿן קוניגן דיך אונ׳ וויר וואלן גידענקן דיין נאמן · אונזר קוניג אונזר גוט דער איינציג דער דא לעבט אוימר אֵיר דער קוניג דער גילובט אונ׳ בישוינט ביז איוויג זיין נאמן דער אכֿפר · גילובט זייטשטו גוט דער קוניג דער דא איז גילובט מיט לובא ·

# הודו

לובט צו גָט רופֿט אן זיין נאמן לושט ווישן אונטר
דען פֿולקרן זיין וערק · זינגט צו אים אונ׳ לובט אין
רידט אן אלן זיינן וואונדרן · זייט אויך ברוימן
מיט זיינם הײליגן נאמן · עש זול זיך ורייען דש הערץ דער בגערר
גָט · פֿורשט גָט אונ׳ זיין שטערק · זוכֿט זיין שכינה שטעטיגליכֿן ·
גדענקט זייני וואונדר די ער הוט גיטון זייני וואונדר אונ׳ גריכֿט זיינש
מונט · זוֹמן ישראל זיין קנעכֿט קינדר יעקב זייני אויש דר וועלטן ·
ער איז גָט אונזר גָט אין אלן לאנדן זיין זייני גריכֿט · גידענקט צו אֵייוויג
זיין זיכרהײט איין ריד הוט ער גיבוטן צו טויזנט גבורדן · דש ער
הוט ור שניטן מיט אַבְרָהָם אונ׳ זיין שְׁבוּעָה צו יִצְחָק אונ׳ ער הוט
גשטעלט זי צו יעקב צו אײנם גיזעץ צו ישראל איין זיכרהײט אייוויג ·
צו זאגן צו דיר וויל איך געבן דש לאנד כְּנַעַן גוֹבא טײל אויער ערבא ·
דא איר זייט גיוועזן איין צאלהפֿטיג קלײנש פֿולק אזו ווייניג אונ׳ זייט
גיוועזן וואנר אין איר · אונ׳ זי גינגן פֿון איינם פֿולק צו דעם אנדרן
אונ׳ פֿון איינם קיניגרייך צו איינם אנדרן פֿולק · ניט ער ליש קיין מן
ור צוקן זי · אונ׳ ער הוט גשטרופֿט אום אירן ווילן די קיניג · ניט איר
זולט אן רירן מייני גזלבטי אונ׳ אן מיינן נְבִיאִים ניט איר זולט איבלן
· זינגט צו גָט אל די לאנדא זאגט בוטן ברוט פֿון טאג צו טאג זיין הילף
דר צילט אונטר דען פֿולקרן זיין אֵיר אונטר אלן פֿולקרן זייני וואונדר ·
ווען ער איז אכֿפר גָט אונ׳ גילובט זיר אונ׳ ער איז פֿורכֿצום איבר אלי
גָטער · ווען אל די גָטער דער פֿולקר די זיין ניכֿט · אבר גָט יתֿ הוט
דען הימל בשאפֿן לובא אונ׳ שונהײט איז פֿור אים שטערק אונ׳ ורייד
איז אן זיינר שטאט · געבט צו גָט גישלעכֿט דער פֿולקר געבט צו גָט
אֵיר אונ׳ שטערק · געבט צו גָט אֵיר זיינש נאמן · נעמט איין פרעזנט
אונ׳ קומט צו פֿור אים · נייגט אויך צו גָט מיט שונהײט דער הײליקײט
דר שרעקט פֿון פֿור אים אלי די לאנד אויך די זול ווערן בירייט די
ערדא דש ניט זי זול גלײטן · די זולן זיך ורייען די הימל אונ׳ זי זול

ווערדן זיא זיין · אס אורנן אז דש גראז ור ואלבט · אס אורנן עש
שפרושט אונ׳ ור וועלכישלט זיך · אונ׳ אס אובנט עז ווירט ור ריבן אונ׳
עש ווירט דויר · ווען וויר זיין צו גאנגן אין דיינס צורן אונ׳ מיט דיינס
צורן זיין וויר דר שרוקן · דו טושט אונזר זונדא צו גיגן דיך · אונזר
בור הולני זונד זיין בור ליכט דיינר אויגן · ווען אל אונזר טאג זיא האבן
זיך הין קירט אין דיינס צורן · וויר בולענדן אונזרי יאר אז איין ריד ·
דיא טעג אונזר יאר זיין זיבנציק יאר · אונ׳ מיט דעם שטערקשטן
אכציק יאר אונ׳ איר אויבריגי הופרט איז ואלש אונ׳ אונרעכט · ווען זי
זיין ור שאייכט אונ׳ איילנדיג ור ולוהן · ווער קאן גווישן דיא שטערק
דיינש צורנש · אונ׳ אז דיין בורכט אזו איז דיין צורן · צו צילן אונזרי
טעג אזו מאך ווישן אונז · אונ׳ דז מיר זולן ברענגן איין ווייזא הערץ ·
ווידר קיר גוט ביש ווא לאנג וויטו צורנן · אונ׳ בידענק דיך
אויף דייני קנעכט · מאך זאט אונש אס מורגן דיין גינוד אונ׳ וויר וואלן
זינגן אונ׳ מיר וואלן אונש ורייאן אל אונזרי טאג · דר ורייא אונש אז די
טאג דיא דו אונש גיפייניגט הושט · דיא יאר די וויר האבן גזעהן בוזא
עש זול ווערדן גיזעהן צו דיינן קנעכטן דיין ווערק · אונ׳ דיין
שונהאייט · אויף אירי קינדר ·

# ויהי נועם

אונ׳ עז זול זיין זענפטונג גוטש
אויף אונש · אונ׳ ווערק אונזר
הענד בירייט אויף אונש ·

אונ׳ ווערק אונזר הענד בירייט אין · יושב · ווער דא זיצט אין ור
בורקניש דעש אוברשטן אונ׳ אין דעם שאטן דעש אלמעכטיגן ער איז
זיך אובר נעכטיגן זא זאג איך בון גוטש ווען דער דא איז מיין בישוצר
אונ׳ מיין גיהעלג · מיין גוט דא איך מיך ור זיכר אן אין · דש ער
ווערט בשירמן דיך בום נעץ דער שטרויכלונג · בון דעם דבר דער
ברויכניש · מיט זיינן ועטיכן ווירט ער דיך בידעקן · אונ׳ אונטר זיין
וליגל דו ווערשט דיך בישוצן · איין שילט אונ׳ איין טארטשן איז

זיין ווארהייט · ניט דו זולט דיך בֿורכֿטן בֿור אנגשט דער נאכֿט · אונ׳
בֿור דעם ספֿייל דער דא אוים וליכֿט בייא טאג · בֿון דעם מורט דער
אים נעבין אום גיט · אונ׳ בֿור דעם שֵד דער דא הוט גיוואלט צו ור
וואושטן אוים מיטאג · זי ווערן ואלן בֿון דיינר לינקן זייטן טויזנט · אונ׳
ציהן מול ציהן טויזנט בֿון דיינר רעכֿטן זייטן אונ׳ צו דיר ווערט דער שֵד
ניט גינעהן · נוייערט מיט דיין אויגן דו ווערשט צו לוגן · אונ׳ ביצאלונג
דער רְשָעִים דו ווערשט זעהן · ווען דו גוט בישט מיין בשירמר · צום
אלר אוברשטן הושטו גיטון דיין וואנונגא · ניט עש ווערט גיפֿוינגט צו
דיר קיינרלייא בוזא אונ׳ קיין פלוג ווערט ניט גינעהן אין דיין גיצעלט ·
ווען זיינן מַלְאָכִים ער ווירט גיביטן בֿון דיינן וועגן צו ביהויטן דיך אין
אל דיינן וועגן · אויף דען טענערן זיא ווערן טראגן דיך · דש דו ניט צו
שטושט אן איין שטיין דיין בֿוש · אויף איין לֵיוואן אונ׳ איין פיפר נוטר
דו ווירשט טרעטן דו ווערשט ור טרעטן איין יונגן לֵיוואן אונ׳ איין שלאנג
ווען אן מיר ער הוט בינערט אונ׳ איך וויל מאכֿן אנטרינן אין · איך וויל
שטערקן אין ווען ער וואייש מיין נאמן · ער ווירט מיך אן רופֿן אונ׳
איך וויל ענטווערטן אים · בייא אים וויל איך זיין אים לאייד · איך וויל
בשריאן אין אונ׳ איך וויל אירן אין · לאנגי טאג וויל איך זעטיגן אין אונ׳
אונ׳ איך וויל ווייזן אים מיין הוילף ·

# הללו יה

לובט גוט · לובט נאמן גוטש לובט איר
קנעכֿט גוטש · די דא שטון אים הוייזא
גוטש · אין הוֹב הויז אונזרש גוט · לובט
גוט ווען ער איז גוט גוט · זינגט צו זיינם נאמן ווען ער איז זויש · ווען
יַעֲקֹב הוט גוט צו אים דר וועלט · ישראל צו זיינר ליבשאפֿט · ווען
איך וויש וואל דש ער אכֿפר איז אונזר גוט אונ׳ אונזר הער מין ווען
אלי גוטער · אלש דש ער וויל גוט דש טוט ער אים הימיל אונ׳ אין דער
ערדן · אין דען מֵירן אונ׳ אין אלן אפגרונדן · ער ברענגט אויף דיא
וואלקן בֿון ענד דער ערדן בליץ צום רעגן הוט ער בישאפֿן · ער ציכֿט

אויש דען ווינט פֿון זיינן בהעלטניש · דער דא הוט גישלאגן די בְּכוֹרִים
פֿון מִצְרַיִם פֿון מענשן ביש ויך · ער הוט גיזענדט צאייכן אונ׳ וואונדר
אין צווישן מִצְרַיִם אן פַּרְעֹה אונ׳ אן זיינן קנעכטן · דער דא הוט גשלאגן
פֿולקר ויל · אונ׳ ער הוט דר שלאגן שטארקי קוניג · סִיחוֹן קוניג דען
אֱמוֹרִי · אונ׳ עוג קוניג דער בָּשָׁן אונ׳ אלי קוניגרייך כְּנַעַן · אונ׳ ער הוט
געבן איר לאנד צו ערבן איין ערב צו ישראל זיינם פֿולק · גוט דיין נאמן
איז אֵיוויג גוט דיין גידעכטניש איז צו גיבוירדא אונ׳ גיבוירדא · ווען ער
ווירט ריכטן גוט זיין פֿולק אונ׳ איני זיין קנעכט ער ווירט זיך בידענקן
· בילדר דער פֿולקר זיין זילבר אונ׳ גולד וערק הענד דעש מענשן ·
זיא האבן איין מונט אונ׳ קונן ניט רֵידן · זיא האבן אויגן אונ׳ קונן ניט
געהן זיא האבן אורן אונ׳ קונן ניט גיהורן · אויך איז קיין אוטום
אין אירם מונט · אז זיא זיין אזו זולן אויך ווערדן אל די די מאכן · אונ׳
אל דער זיך ור זיכרט אן זיא · גיזיגנדא ישראל לובט
גוט · גיזיגנדא אַהֲרֹן לובט גוט · גיזיגנד דעש לֵוִי לובט גוט · די פֿורכטר גוטש
לובט גוט · גילובט זייא גוט פֿון צִיּוֹן דער דא רואעט צו יְרוּשָׁלַיִם · לובט
גוט ·

# הודו

לובט צו גוט ווען ער איז גוט ווען צו אֵיוויג איז
זיין גינוד ·
לובט צו דעם גוט אויבר אלי גוטער · ווען צו
איוויג איז זיין גינוד
לובט צו דעם הער אויבר אל דיא הערן · ווען צו איוויג איז זיין
גינוד ·
צו דעם דער דא טוט גרושי וואונדר אליין · ווען צו איוויג איז זיין
גינוד ·
צו דעם דער דא הוט בישאפֿן דיא הימל מיט ור נופֿט · ווען צו איוויג
איז זיין גינוד ·
צו דעם דער דא הוט גשפרייט דיא ערד אויף דיא וואשר · ווען צו

איווינֶג איז זיין גְינָאד ·

צו דעם דער דא הוט בישאפֿן דיא ליכֿטר דיא גְרוֹשן · ווען צו איווינֶג
איז זיין גְינָאד ·

דיא זון דש זיא זול גְוועלטיגן בייא טאג · ווען צו איווינֶג איז זיין
גְינָאד ·

דיא לְבָנָה אוּנ׳ דיא שטערן דש זיא זולן גְוועלטיגן בייא נאכֿט · ווען
צו איווינֶג איז זיין גְינָאד ·

צו דעם דער דא האט גְשלאגן די מִצְרַיִים מיט אירן אירשטן · ווען
צו איווינֶג איז זיין גְינָאד :

אוּנ׳ ער האט אויש גְצוֹגן ישראל בֿון צווישן אין · ווען צו איווינֶג איז
זיין גְינָאד ·

מיט מאכֿט שטארק אוּנ׳ מיט ארמן גְשטרקט · ווען צו איווינֶג איז
זיין גְינָאד ·

צו דעם דער דש מֵיר הוט גְשניטן צו שטוּקן · ווען צו איווינֶג איז
זיין גְינָאד ·

אוּנ׳ ער הוט מאכֿן אויבר וארן ישראל אין צווישן אים · ווען צו איווינֶג
איז זיין גְינָאד ·

אוּנ׳ ער האט גְשטוּרצט פַּרְעֹה אוּנ׳ זיין הֵיר אין דש מוֹר רְוֹרעכֿט ·
ווען צו איווינֶג איז זיין גְנָאד ·

צו דעם דער דא הוט גְבֿוּירט זיין בֿוֹלק אין דער וְואשטניי · ווען צו
איווינֶג איז זיין גְינָאד ·

צו דעם דער דא הוט גְשלאגן די גְרוֹשן קוּניג · ווען צו איווינֶג איז
זיין גְינָאד ·

אוּנ׳ ער הוט דר שלאגן דיא קוּניג דיא שטארקן · ווען צו איווינֶג איז
זיין גְינָאד ·

סִיחוֹן קוּניג דער אֶמוֹרִי · ווען צו איווינֶג איז זיין גְינָאד ·

אוּנ׳ עוֹג קוּניג דער בָּשָׁן · ווען צו איווינֶג איז זיין גְינָאד ·

זיך ורייען די ערדא    אונ׳ זי זולן זאגן אונטר דען בֿולקרן גָט הוט
גקויניגט · עש זול שטורמן דש מֶיר אונ׳ זיין בֿולונג עש זול זיך ורייען
דש ועלד אונ׳ אלש דש אן אים איז · דען זי װערדן זינגן די בוים אים
װאלד בֿון צו בֿור גָט װען ער קומט צו ריכֿטן די ערדא · לובט צו גָט
ית װען ער איז גוט װען צו אוימר אימר איז זיין גנוד · אונ׳ זאגט הילף
אונש גָט אונזר העלפר    אונ׳ זאמיל אונש אונ׳ בשירם אונש בֿון דען
בֿולקרן צו לובן צו דיינם הײליגן נאמן אונ׳ צו זיין זיך ברויאן מיט דיינם
לובא · גלובט זייא גָט ישראל בֿון אײביג ביז אײביג אונ׳ זי זאגטן אל דש
בֿולק אָמֵן אונ׳ לובא צו גָט ·    דער הוכֿט גָט אונזרן גָט אונ׳ זייט
אויך נייגן צו דעם שעמיל זיינר בֿויש הײליג איז ער ·    דר
הוכֿעט גָט אונזרן גָט אונ׳ זייט אויך נאייגן צו זיינם הײליגן בערג
װען ער איז הײליג גָט אונזר גָט ·    אונ׳ ער איז דר בארמיג ער בֿור
גיבט די זינד אונ׳ ניט ער ור דערבט אונ׳ ער מירט צו װידר קירן זיין
צורן אונ׳ ניט ער דר װיקט אל זיין צורן ·    דו גָט ניט דו זולשט ור
מיידן דיין דר ברמונג בֿון מיר דיין גנוד אונ׳ דיין װארהייט שטעטיג
ליכֿן זיא זולן הוטן מיך · גידענק דיין דר ברמיקייט גָט אונ׳ דייני גנוד
װען בֿון אײביג זיין זיא ·    געבט שטערק צו גָט אויף ישראל איז זיין
הערשפֿט אונ׳ זיין שטערק איז אין דען הימלן · בורכֿצום בישטו גָט
בֿון דיינם בֵית הַמִקְדָש ·    גָט ישראל ער גיבט שטערק אונ׳ שטערק
צום בֿולק גלובט זייא גָט ·    גָט איין רוכֿהפֿטיגר איז גָט · גָט דער
רוכֿונג טוא דר לייכֿטן · דר היבא דיך ריכֿטר דער ערדן · װידר קֵיר
ור געלטונג אויף די הופֿרטיגן · צו גָט איז די הילף · אונ׳ אויף דיין בֿולק
ישראל דש זי דיך זולן לובן אל װעגן · גָט דער הער איז מיט אונש איין
שטערק צו אונש איז גָט יַעֲקֹבֿ אל װעגן ·    גָט דער הער װאל דעם
מענשן דער זיך ור זיכֿרט אן דיך ·    גָט הילף דער קוניג זול אונש
ענטוורטן אם טאג זא מיר אין אן רֻפֿן · · הילף דיינם בֿולק אונ׳ בענש
דיין אֵירב אונ׳ שפייז זיא · אונ׳ דר הֵיב זיא ביז אֵומר מֵיר · אונזר זֵיל

זי הוֹפֿט צו גוט אונזר הולף אונ׳ אונזר שילט איז ער · ווען אן אים עש
וראייעט זיך אונזר הערץ · ווען אן זיינם הייליגן נאמן וויר זיין ור
זיכֿרט · עש זול זיין דיין גינוד גוט אויף אונש אז דש וויר הוֹפֿן צו דיר ·
וויז אונש גוט דיין גינוד · אונ׳ דיין הולף זולשטו געבן צו אונש · שטיא
אויף זייא איין הולף צו אונש · אונ׳ דר לוזא אונש אוים ווילן דיינר גינוד
· איך בין גוט דיין גוט דער דיך הוט אויף גיברוכֿט בֿון דעם לאנדא
מִצְרַיִם · דר ווייטר דיין מונד אונ׳ איך וויל בֿולן אין · זעלין איז דז בֿולק
דז אזו איז צו אים · זעלין איז דש בֿולק דש גוט איז זיין גוט · אונ׳ איך אן
דיין גינוד הון איך מיך ור זיכֿרט · עש וראייעט זיך מיין הערץ אן
דיינר הולף איך וויל זינגן צו גוט ווען ער האט ור גולטן אוים מיך ·
דש זינגט מן אין דער וואוכֿן

# מִזְמוֹר

אין גיזאנג צו דעם קָרְבַּן תּוֹדָה · טוט שאלן
צו גוט אלי די לאנד · דינט גוט מיט וראייד ·
קומט בֿור אין מיט גיזאנג וואושט דז גוט איז
דער רעכֿט גוט · ער האט אונש בישאֿפֿן אונ׳ וויר זיין דיא זיינן · וויר
זיין זיין בֿולק אונ׳ שוֹף זיינר ווײדא · קומט אין זיין ספֿורטן מיט
ביקענונג · אין זייני הֲוֹב מיט לובא · לובט אין לובט זיין נאמן · ווען גוט
איז גוט צו אייוויג איז זיין גנוד · אונ׳ ביש גבוֹרדא אונ׳ גבורדא איז
זיין ווארהייט ·

דז זינגט מן אם שַׁבָּת אונ׳ אם יום טוֹב ·

# לַמְנַצֵּחַ

אובר זינגן גיזאנג צו דָוִד · די היאל זיא דר
ציין איר גוטש · אונ׳ ווערק זיינר הענד
ער קוינדט דער היאל · בֿון טג צו טג ער
רעטו איין זאג אונ׳ נאכֿט צו נאכֿט ער קוינדט דען זין · עז איז קיין זאג
אונ׳ זיין קיין רֵיד · ניט עז ווערט גיהורט איר שטים · אין אל דעם
לאנד עש גיט אויז איר שנור · אונ׳ אן ענד דער ערדן איז איר רידא
צו דער זונן ער הוט גימאכֿט איין גיצעלט אן זיא · אונ׳ דיא זון דיא איז

אז איין חתן דער דא אויש גיט פון זיינר חפה · ער ורייעט זיך אז
איין שטארקר צו לאופן דען פפאייט · פון ענדא דעש הימלש איז זיין
אויש גאנג · אונ זיין אום רינגלונג איז אוים איר ענד · אונ ניאנט קאן
זיך ור בערגן פור זיינר היץ · די תורה גוטש איז גנץ זיא דרקוויקט די
זיל · דיא גצויינניש גוטש איז ווארהפטיג זיא מאכט וויז דען טורן ·
די ביפעלונג גוטש זיין רעכט ערטיג זיא דר ורייען דש הערץ · דיא
גבוט גוטש זיא איז לויטר זיא דר לייכט דיא אויגן · דיא פורכט גוטש
זי איז ריין זיא בישטיט איוויג די גריכט גוטש זיין ווארהפטיג אונ זיין
גרעכט אלי זאמן · די דא זיין לושטיגר מיר דען גולד אונ מיר דען גיט
גולד ויל אונ זוסר מיר דען הוניק אונ זוסי טרופפן · אויך דיין קנעכט
איז גוווארנט אן אינן זא מן זי היט זא הוט מן לון ויל · דיא זינד דיא מן
טוט מיט מישגרייפונג ווער קאן זי פרופן אונ פון דען ור בורגנן זינדן
מאך לידיג מיך · אויך פון דען מוטווילגן זינדן ור מיידא דיין קנעכט
דש זי ניט זולן גוועלטיגן אן מיר דען ווער איך זיין גאנץ אונ איך ווער
זיין לידיג פון מישטוט ויל · זיא זולן זיין צו גנעם ווילן דיא זאגן מיינש
מונדש אונ גדון מיינש הערצן צו פור דיר גוט מיין שופפר אונ מיין
דר לוזער :

לדוד צו דוד דא ער ור ענדרט זיין שפרוך פור אביאלך
אונ ער ור טרייבא אין אונ ער גינג הין וועק ·
איך וויל גוט לובן אין אלר צייט שטעץ זול זיין לובא
זיין אין מיינם מונדא · אן גוט זיא איז זיך בירומן מיין זיל זיא הורנש
דיא טעמוטיגן אונ זיא ורייען זיך · אכפרט גוט מיט מיר אונ מיר
וואלן דר הוהן זיין נאמן מיט אנגדר · איך הון גפורשט גוט אונ ער
הוט גענטוורט מיר אונ פון אל מיינן פורכטן ער הוט בשירמט מיך ·
זיא לוגן צו אים אונ זיא זאמלן זיך אונ איר אנצליט ניט זיא ור שעמן ·
דער ארם רופט צו גוט אונ ער הורט עש אונ פון אל זיינן לאידן ער
הילפט אים · ער רואעט דער ענגל גוטש גרינגז אום זייני פורכטר
אונ ער בשירמט זיא · רידט אונ זעכט ווען גוט איז זעליג איש

דער מאן דער זיך בישוועצט אן אים · בורכטט אויך בור גוט אל זייני
האייליג ווען ער לושט קיין מאנגל צו זיינן בורכטרן אבר דיא אין
ור לאייקנן די ווערדן ור ארמן אונ' דר הונגרן אונ' דיא דא בורשן גוט
דען ווערט ניט מאנגלן אלז גוטש · גיט איר קינדר בולגט מיר דיא
בורכט גוטש וויל איך לערנן אויך · ווער איז דער מאן דער דא
בינערט דש איבינ לעבן דער דא הוט ליב לנגי טעג צו זעהן גוטש ·
הויט דיין צונג בון בוזם · אונ' דיין לעפצן בון צו רידן לישטיקייט · קיר
אב בון בוזם אונ' טוא גוטש · זוך דען וריד אונ' יאגנוך אים · די אויגן
גוטש זיין אויף די צדיקים אונ' זיין אורן צו אירם גשרייא · דער
צורן גוטש איז אן דענן דיא דא בוזא טון צו ור שניידן בום לאנדא איר
גידעכטניש · זיא שרייען די צדיקים אונ' גוט ער הורטש אונ' בון אל
אירם לידא ער בשירמט זיא · נוהנט איז גוט צו דען צו ברוכנן הערצן
אונ' דען דיא דא האבן איין ור שטושן גמויט דען הילפט ער · ויל
בוזא קומן אויף איין צדיק · אונ' בון אין אלן בשירמט אין גוט · ער בהויט
אים אל זיין גיבאיין · איינש בון אינן ווירט ניט צו ברוכן · זיא טוט דען
רשע זיין בוזא אונ' דעש צדיקש ויינט זי ווערן זיך בירזיאן · ער דר
לוזט גוט דיא זיל זיינר קנעכט אונ' עש ווירט זיא ניט רוייען אלי די זיך
בישוצן אן אים ·

## א' תפלה

למשה · דיא תפלה טעט משה רבינו דער
גוטליך מאן · גוט אין דיינם טרון דו בישט
אונש בור גיוועזן אין גיבורדא אונ' גיבוירדן
· אי די בערג זיין ווארדן בשאפן אונ' דו הושט גיגרונט ועשטיגט דיא
ערד אונ' דיא וועלט · אונ' בון אויער איר אן ביש צו אויער מיר בישטו
גוט · דו מאכשט דש דער מענש תשובה טוט ביש אן ור שטושונג אונ'
דו זאגשט טוט תשובה איר קינדר דעש מענשן · ווען טויזנט יאר זיין
אין דיין אויגן אז דער געשטריג טאג ווען ער הין איז · אונ' אז איין
דריטן טאייל בון דער נאכט · דו הושט זיא זר שפראייט אז דער שלוף

אונ' ער הוט געבן איר לאנד צו אייגר ערב · ווען צו איוונג איז זיין גינוד ·

איין איֵרבא צו ישראל זיינם קנעכט · ווען צו איוונג איז זיין גינוד ·

דער אין אונזרם שְׁפָלוּתֿ הוט אונזר גידוכט · ווען צו איוונג איז זיין גינוד ·

אונ' ער הוט אונש גימאכט לֵידיג בון אונזרן לאיידיגרן · ווען צו איוונג איז זיין גינוד ·

ער גיבט שפייזא צו אלן קרעטוייערן · ווען צו איבינג איז זיין גינוד ·

לובט צו דעם גוט דער דא איז אים הימל · ווען צו איוונג איז זיין גינוד ·

זינגט איר צַדִיקִים אן גוט צו דען גירעכט ווערטין צימט וואל צו לובן ·

הודו לובט צו גוט מיט דער הארפפן · מיט דער גייגן בון ציהן זאייטן זינגט צו אים · זינגט אים איין נוייען גזאנג מאכט אים איין גוטן גידון מיט שאלונג · ווען רעכט ווערטיג איז דיא רֵיד גוטש אונ' אל זייני ווערק זיין מיט ווארהייט · ער הוט ליבא גירעכטיקייט אונ' גריכט · גינוד גוטש זי איז בול אל דש לאנד · מיט דער רידא גוטש זיין די הימל ווארדן בישאפן · אונ' מיט דעם ווינט זיינש מונדש אל איר הֵיר ער זאמילט אז איין מוייער די וואשר דעש מֵירש ער גיבט אין די ביהעלטניש דיא אפגרונדא · דיא זולן זיך בורכטן בור גוט אלי די לאנדא · אונ' בור אים זיא זולן זיך בורכטן אלי די דא זיצן אויף דער ערדן · דען וויש ער זאגט דש גישיכט · אונ' וויש ער גיביט דש בלייבט בשטין · גוט ער זר שטוֹרט דען ראט דער בולקר · ער זר וירט גדאנקן דער בולקר · אבר דער ראט גוטש

איוויג ער בישטוט די גידנקן זיינש הערצן צו גיבווירד אוב גיבווירד ·
זעליג איז דז בולק דש גוט איז זיין גוט דז בולק דש ער דר וויילט צו
איינר אירבא צו איס · בון דעם הימיל ער לוגט גוט ער זיכט אלי
קינדר דעש מענשן · בון ביראייטונג זיינר רוא ער לוגט צו אלן
דען די דא זיצן אויף דער ערדן · דער דא הוט בישאפן מיט אננדר
איר הערץ אוב ער פרויבט צו אלן אירן ווערקן · קיינם קוניג ווירט
גיא דרום גיהולפן אוב ער שון הוט ויל היר · אוב איין שטארקר
ווירט אויך ניט דרום בישירמט אוב ער שון הוט ויל קראפט · ואלש
איז דש פפערד צו דער הולף · אוב מיט ויל זיינם היר ור מג ער
ניט צו אנטרינן · נון אויג גוטש איז צו דען דיא אין בורכטן צו דען
די דא הופן צו זיינר גינוד · צו בשירמן בום טוט איר זיל אוב צו דר
נירן זי אים הונגר · אונזר זיל די הופט צו גוט אונזר הולף אוב אונזר
שילט איז ער · ווען אן זיין האיליגן נאמן ור זיכרן מיר אונש · עש
זול זיין דיין גינוד גוט אויף אונש אז דז וויר הופן צו דיר ·

**מזמור** איין לובא גזאנג צו דעם טאג דעש שבת · עש איז גוט צו לובן צו גוט אוב צו זינגן צו דיינם נאמן דעם אוברשטן · צו קונדן
אל מורגן דיין גינוד אוב דיין ווארהייט אלי נעכט · מיט דעם כלי
זמר דש דא הוט צעהן זייטן אוב מיט וידלן אוב מיט גידון דער
הרפפן · ווען דו הושט דר ורייעט מיט גוט מיט דיינן ווערקן אוב
אן ווערק דיינר הענד וויל איך זינגן · וויא גאר אכפר זיין דיין
ווערק גוט זיר טיף זיין דיין גדאנקן · איין מאן דער איין נאר איז
דער קאן עש ניט ווישן אוב איין טאר קאן עז ניט בור שטין זא זי
בלויאען דיא רשעים אז איין קרויט אוב זיא שפרושן אל דיא דא
ווירקן אונרעכט דז זיא זולן ווערדן בור טילגט ביז איוויג · אבר דו
דו בישט הוך צו איואר מיר גוט · ווען נון דייני וייגט גוט ווען נון
דייני ויינט זיא ווערדן ור לורן זיא ווערדן גשיידן אל די ווארקר

אונרעכט · אוג דו הושט דר הוכט אז איין ווען טיר איין
הערשאפט איך האב געאילטרט אז איין צוויינגהאפטיגר אול באוים ·
אוג דו הושט מכן לון איין אין רוכונגאן איינן נוך לונגר די דא שטין
אוין איך אוג אן דען שטלקן די איך ניט זיך די הוירנג איינן אורן ·
דער צדיק אז איין טאייטיל באוים ער ווירט בלויאטן אז דער טענן
באוים אים וואלד ווירט ער גרוש · זיא זיין געפלאנצט אין הויז גוטש
אים הוב הויז אונזרש גוטש זיא ווערדן בלויאטן · נוך איר זיא
ווערדן ורוכטיגן איט גרייזקייט · ואיישט אוג צוויינגהפטיג ווערדן
זיא זיין · צו קוינדן דז ער איז גירעכט גוט איין שספר אוג איז קיין
אונרעכטש אן אים ·

רב גוט ער הוט געקויניגט הערשאפט הוט ער אן געקליידט ·
גוט איט שטערק ער הוט זיך געגירט · אויך בון
זיינר הערשפט זיא ווערט ביראייט דיא ערדא דש זי
ניט גלייטט · ער איז ביראייט דיין שטול בון בור אולש · בון איוויג
בישטו · זיא האבן אוין געהובן דיא בעך גוט זיא האבן אוין געהובן
דיא בעך איר שטים · זיא אוין היבן דיא בעך איר אונדן · בון ווען
שטים דער וואשר ויל שטרקי אוינדן ברויך דעש איירש שטארק
אים הימיל איז גוט · דייני געצויינגיש זיין ווארהפטיג זיר צו דיינם
הויז ציאט וואל האיליקאייט גוט צו לאנגן טאגן ·

יהי כבוד זיא זול זיין די איר גוטש צו איוויג · ער וראייעט זיך גוט איט זיין ווערקן · ער זול זיין נאמן גוטש
געלובט בון איצונד אן ביש אויאר איר · בון אוין גנג דער זונן ביש
איר אונטר גאנג ער איז געלובט נאמן גוטש · הוך אובר אלי בולקר איז
גוט אוין דעם הימיל איז זיין איר · גוט דיין נאמן איז איוויג · גוט
דיין גידעכטניש איז צו געבורדא אוג געבורדא · גוט אים הימיל הוט

ער בירייט זיין שטול · אונ זיין קוניגרייך איז אן אידרמן געוועלטיג
זיא זולן זיך וראייען די הימל אונ זיא זול זיך וראייען דיא ערד ·
אונ זיא זולן זאגן אונטר דען בולקרן גׄט ער הוט געקוניגט · גׄט איז
איין קוניג · גׄט ער הוט געקוניגט גׄט ער ווערט קונינגן אויאר אונ
איוויג · גׄט איז איין קוניג אויאר אונ איוויג די זיין ור לורן די בולקר
בון זיינם לאנדא · גׄט ער ור שטורט דען רוט דער בולקר ער ור
וירט גדאנקן דער בולקר · ויל גדאנקן זיין אין הערץ איינש מאנש ·
אונ דער רוט גׄטש ער בשטיט · רוט גׄטש צו איוויג ער בשטיט
· גדאנקן זיינש הערצן צו גבורדא אונ גבורדא · ווען ווש ער
זאגט דש געשיכט · ער ער גביט אונ עש בלייבט בשטין · ווען ער
הוט דר וולט גׄט אן ציון · ער הוט גלושט זי צו איינם געזעש צו אים ·
ווען גׄט הוט אים דר וולט יעקב ישראל צו זיינר ליבשאפט · ווען גׄט
ור לושט זיין בולק ניט אונ זיין ערבא ניט ער ור לושט · אונ ער
איז דר בארמינג ער ור גיבט דיא זונדא אונ ניט ער ור דערבט ·
אונ ער מירט צו ווידר קירן זיין צורן אונ ניט ער דר וויקט אל זיין
צורן · גׄט הילף · דער קוניג זול אונש ענטוורטן אם טאג ווען
ווירן אן רופן ·

אשרי

זעליג זיין די דא זיצן אין דיינם הויז · נוך
מיר זיא ווערדן דיך לובן אל וועגן · זעליג
איז דז בולק דש אזא איז צו אים · זעליג איז
דז בולק דז גׄט איז זיין גׄט · דיין לוב זאייט דוד · איך וויל דר הוהן
דיך מיין גׄט דער קוניג אונ איך וויל לובן דיין נאמן אויאר אונ איוויג
· אל טאג איך וויל לובן דיך · אונ איך וויל לובן דיין נאמן אויאר אונ
איוויג · אכפר איז גׄט אונ געלובט זיר · אונ נוך זיינר אכפרקייט איז
ניט צו בורשן · איין גבורדא נוך דעם אנדרן עז לובט דיין ווערק
אונ דיין שטערק זיא קונדן · שונהייט איר דיינש לובש אונ ריד
דיינר וואונדר איך ויל רידן · אונ שטערק דיינר בורכטזמקייט

די זאגן · אונ׳ דיין אכפרקייט איך וויל דר צילן זיא · גרעכטניש ויל
דיינש גוטן זיא רידן אונ׳ דיין גרעכטיקייט זיא זינגן · איין לוייט
זעליגר אונ׳ איין דר בארמיגר איז גוט ואנגם צו דר צורנן אונ׳ זיל
גינוד · גוט איז גוט צו אידרמן אונ׳ זיין דר בארמיקייט איז אויף
אל זייני ווערק · זיא לובן דיך גוט אל דיין ווערק אונ׳ דיין חסידים זי
לובן דיך · איר דיינש קיניגרייך זיא זאגן · אונ׳ דיין שטערק זיא
רידן · צו לושן ווישן דיא קינדר דעש מענשן זייני שטערק · אונ׳
איר שונהייט זיינש קיניגרייך · דיין קיניגרייך איז איין קיניגרייך
אוויגן אונ׳ דיין גיוואלט איז צו גיבוירד אונ׳ גבוירד · ער אונטר
לאיינט גוט אל דיא דא ואלן · אונ׳ ער ריכט אויף אל דיא דא גיבוקט
זיין · דיא אויגן בון אידרמן צו דיר זיא הופן · אונ׳ דו דו גיבשט
אין איר עשן איטליכם אין זיינר צייט · ער אופנט זיין האנט אונ׳
ער זעטיגט אלז דש דא לעבט מיט גוטם ווילן · גרעכט איז גוט מיט
אל זיינן זיטן אונ׳ בידר מיט אל זיין ווערקן · נוהנט איז גוט צו אל
דען דיא אין רופן צו אלן דעבן דיא אין אן רופן מיט ווארהייט ·
דען ווילן זיינר בורכטר ער טוט אונ׳ איר גשרייא ער הורט אונ׳ ער
הילפט אינן · ער ביהוט גוט אל זייני ורויינדא · אונ׳ אל די רשעים
ער ור טילגט · לובא גוטש עש רידט מיין מונד · אונ׳ ער זול לובן
אל קרעטוייער זיין האיליגן נאמן צו אוימר אונ׳ אייביג · אונ׳ ויר
וואלן לובן גוט בון איצונט ביש אוויג לובט גוט ·

# הללו יה

לובט גוט לובא מיין זיל גוט · איך
וויל לובן גוט בייא מיינם לעבן · איך
וויל זינגן צו מיינם גוט דיא וויל איך
נוך בין · איר זולט אייך ניט ור זיכרן אן די מילדן אן איין מענשן
דער קיין הולף הוט · ווען אים אויש גיט דיא נשמה זא ווידר קירט
ער צו דער ערדן · אם זעלביגן טאג זיין ור לורן זייני גדאנקן ·

זעלין איז דער דש גֿט יעקב איז אין זיינר הוילף · דער דא הוט זיין
הופנונג אויף גֿט זיין גֿט · דער דא הוט בישאפן הימל אונ' ערד ·
דש מיר אונ' אלש דש אין אינן איז · דער דא האלט דיא ווארהייט
צו איוויג ער טוט גריכט צו דען ור צוקטן · ער גיבט ברוט דען
הונגריגן · גֿט מאכט לידיג די געפאנגנן גֿט מאכט זעהן די בלינדן גֿט
ריכט אויף דיא גיבוקטן גֿט ער הוט ליב די צדיקים · גֿט ער ביהויט
די אילענדן · די וואייזן אונ' די וויטוועאן ער שטערקט אונ' דען
וועג דער רשעים ער ור קרויזט · ער זול קוניגן גֿט צו איוויג דיין
גֿט ציון · צו גבורדא אונ' גבורדא לובט גֿט ·

# הללו יה

לובט גֿט וואן עש איז גוט צו לובן
אונזרן גֿט וואן עש איז זוש אונ'
צימט וואל דאש מן אין זול לובן ·
ער באויעט ירושלים גֿט די ור שטושנן ישראל ער זאמלט ·
דער דא הײלט די צו ברוכן הערץ · אונ' ער בור בינדט אירי
וויאטאג · ער צילט דיא צאל צו דען שטערן צו אין אלן נעמן ער
רופט · אבער איז אונזר הער אונ' הוט ויל קראפט אונ' צו זיינר ור
שטענדיקייט איז קיין צאל · גֿט שטערקט דיא טעמוטיגן · ער
מאכט נידר דיא רשעים ביש אן דיא ערד · שרייעט צו גֿט מיט
ביקענונג · זינגט צו אונזרם גֿט מיט הארפן · דער דא בידעקט
דען הימל מיט וואלקן דער דא בירייט צו דער ערדן דען רעגן ·
דער דא מאכט שפרושן די בערג גראז · ער גיבט דעם ויך איר
שפייזא צו דען יונגן ראבן דיא דא שרייאן · ניט אן שטערק דעש
פפערדש ער בגערט אונ' ניט אן שענקלן דעש מאנש ער וויל ·
ער וויל גֿט זייני בורכטר די דא הופן צו זיינר גינוד · לוב ירושלים
גֿט לוב דיין גֿט ציון · וואן ער הוט גשטערקט די ריגל דיינר טאר ·
ער הוט גיבינשט דיין קינדר צווישן דיר · דער דא מאכט אין דיינם

גמירק ורידא : בישטן דעש וואיין ער מאכט זאט דיך · דער דא
זענדט זיין זאנגאוני די ערד · נאר באלדא זיא לאויפט זיין ריד :
דער דא גיבט שניא אז איין וויישי וואל · דען רייני אז די עש ער
ור שפראייט · ער וואורפט זיין אייז אז מיט שטיקן · בור זיינר
קעלט ווער קאן בישטין · ער זענדט זיין ריד אונ׳ ער מאכט זיא
צו גין · ער מאכט וועאן זיין ווינט דש זי צו רינן אז די וואשר ·
ער קוינדט זיין רידא צו יעקב זייני גזיץ אונ׳ זייני גריכט צו ישראל
· ניט ער הוט גיטון אזו צו קיינם בולק אונ׳ די גריכט ניט זיווישן
זיא לובט גוט ·

# הללו יה

לובט גוט לובט גוט בון דען היאיל · לובט אין אין דען הוהן היאיל · לובט אין אל זיין מלאכים לובט אין אל זיין
היר · לובט אין זון אונ׳ די לבנה · לובט אין אל שטערן דעש ליכט
· לובט אין היאיל דער היאיל אונ׳ די וואשר די דא זיין איבר דעם
היאיל · זיא זולן לובן נאמן גוטש ווען ער הוט גיבוטן דש זי זיין
ווארדן בישאפן · אונ׳ ער מכט בלייבן זיא איוויג אונ׳ אוימר איין
גזיץ הוט ער געבן אונ׳ ניט ער איבר וארט עש · לובט גוט בון
דער ערדן די גרושן ויש אונ׳ אלי אפגרונדא · בוייער אונ׳ האגיל
שניא אונ׳ דאמפא דער שטורים ווינט ער טוט זיין רידא ·
די בערג אונ׳ אלי הוהען · די אופש בעם אונ׳ דיא טאנן · די טיר
אונ׳ אלש ויך · ווירמונג אונ׳ ארלייא בוגיל די דא האבן ועטיך · די
קוינינג אוני׳ דער ערדן אונ׳ אלי בולקר די הערן אונ׳ אל ריכטר דער
ערדן · די יונגלינג אונ׳ אויך די פוינצילש די אלטן מיט דען יונגן ·
די זולן לובן דען נאמן גוטש ווען ער איז שטארק זיין נאמן אליין ·
זיין לובא איז אוני׳ דער ערדן אונ׳ אוני׳ דעם היאיל · אונ׳ ער הוט
דר הובן די הערשאפט צו זיינם וואלק · לובא צו אלן זיינן חסידים
צו קינדר ישראל דש דא איז זיין בולק זיין נוהנטש לובט גוט ·

## הללו יה

לובט גט · זינגט צו גט איין נוייא
גזאנגא · זיין לובא אין זאמלונג דער
חסידים · עש ורייעט זיך ישראל
אן זיינם שופר קינדר ציון זיא ורייען זיך אן אירם קוניג · זי
זולן לובן זיין נאמן מיט טאנצן · מיט פויקן אונ׳ מיט הרפן זי זולן לוב
זינגן צו אים · ווען ער וויל האבן גט זיין פולק ער בישונט דיא
טעמוטיגן מיט זיינר הילף · זי ורייען זיך דיא חסידים מיט איר
זיא זינגן אויף אירם געלעגר · ווען זיא האבן דר הוהונג גטש אין
אירר קעל · דא איז עז אז איין שווערט מיט צוואו שניידן אין אירר
האנד · צו טון רוכונג אן דען פולקרן · שטרופונג אן דען קוניגרייכן
· צו בינדן אירי קוניג מיט קיטן · אונ׳ אירי געאירטי מיט אייזנן
ועשילן · צו טון אן אין דש געריכט דז דא איז געשריבן · איין שונהייט
איז עש צו אלן זיינן חסידים לובט גט ·

## הללו יה

לובט גט · לובט גט אין זיינר
הייליקייט · לובט אין אין הימל
זיינר שטערק · לובט אין מיט
זיינן שטערקן · לובט אין אז ויל זיינר אכפרקייט · לובט אין מיט
טוטשן דעש שופר · לובט אין מיט גייגן אונ׳ הארפן · לובט אין
מיט פויקן אונ׳ מיט טאנצן · לובט אין מיט שלמייאן אונ׳ מיט אורגלן
· לובט אין מיט טרומביטן דער ור זאמלונג · לובט אין מיט
טרומביטן דער שאלונג · איין איטליכי זיל די זול לובן גט לובט גט ·
איין איטליכי זיל די זול לובן גט לובט גט ·

## ברוך

געלובט זייא גט צו איווינג עש זייא וואר אונ׳
עז זייא וואר · געלובט זייא גט פון ציון דער
דא רואעט צו ירושלים לובט גט · געלובט
זייא גט דער הער ישראל דער דא טוט גרושי וואונדר אליין · אונ׳

גילובט זייא נאמן דיינר איר צו איוויג · אונ׳ עש זול ווערדן בול זיין
איר אל דש ערטריך עז זייא אונ׳ עש ווערד וואר ·

# ויברך

אונ׳ ער לובט דוד גאט בור אויגן אל דער
זאמלונג אונ׳ ער זאייט דוד · גילובט
זיישטו גאט גאט ישראל אונזר ואטר · בון
איוויג ביש איוויג · לך ה׳ צו דיר גאט איז דיא אכפרקייט אונ׳ דיא
שטערק · אונ׳ די שונהייט אונ׳ דיא אויבר וויגדונג אונ׳ דיא שונהייט
ווען אלש דש דא איז אים הימיל אונ׳ אן דער ערדן · צו דיר גאט איז
דז קוניגרייך · אונ׳ די דר היבונג צו אלן האייבט · אונ׳ דש רייכטום
אונ׳ די איר איז צו בור דיר · אונ׳ דו בישט געוועלטיג אן אידרמן ·
אונ׳ אין דיינר געוואלט איז די קראפט אונ׳ די שטערק · אונ׳ אין
דיינר געוואלט איז צו אכפרן אונ׳ צו שטערקן אידרמן · אונ׳ איצונד
אונזר גאט וויר ביקענן צו דיר אונ׳ וויר לובן צו נאמן דיינר שונהייט
· דו בישט ער גאט אליין דו · דו הושט בישאפן די הימיל · אונ׳
הימיל דער הימיל אונ׳ אל איר הער · די ערד אונ׳ אלש דש אויף איר
איז · די מיר אונ׳ אלש דש אין אינן איז · אונ׳ דו אר נירשט זי אל ·
אונ׳ הער דעש הימילש צו דיר זיא נאייגן זיך · דו בישט ער גאט
דער הער דז דו הושט דר וועלט אן אברם אונ׳ דו הושט איש גיצוגן
אין בון בויייער דער כשדים אונ׳ דו הושט גיטון זיין נאמן אברהם
· אונ׳ דו הושט גיבונדן זיין הערץ ווארהפטיג צו בור דיר · וכרות
· אונ׳ דו הושט זר שניטן מיט אים איין זיכרהייט · צו געבן לנדא
דעש כנעני · דעש חתי אונ׳ דעש אמורי אונ׳ דעש פרזי אונ׳
דעש יבוסי אונ׳ דעש גרגשי צו געבן צו זיינם זמן · אונ׳ דו הושט
בשטעטיגט דיין ריד ווען איין גירעכטר בישטו · אונ׳ דו הושט
גיזעהן פיין אונזרר אלטרן צו מצרים · אונ׳ איר גישרייא דו הושט
גיהורט אויף דעם מיר רורעכט · אונ׳ דו הושט געבן נאייכן אונ׳
וואונדר אן פרעה אונ׳ אן

אן זיינן קנעכטן אונ׳ אן אלם בולק זיינש לאנדש · ווען דו וואיישט
וואל דאש זיא האטן גימוטוויליט מיט אינן אונ׳ דו הושט גימאכט צו
דיר איין נאמן אז ער נוך איז דען טאג דען דיזן · אונ׳ דש מיר
הושטו גישפאלטן בור אינן · אונ׳ זיא זיין איבר וארן צווישן דעם
מיר אין דער טרוקניש · אונ׳ אירי יאגר הושטו גיווארפן אין דיא
טיפניש אז איין שטיין אין דיא שטארקן וואשר ·

**ויושע** אונ׳ ער האלף גוט אן דעם טאג דעם זעלביגן
ישראל בון האנט מצרים אונ׳ עש זאך ישראל
מצרים טוט אויף דעם פורטן דעש מירש ·
אונ׳ עש זאך ישראל די מאכט די גרוש · די גוט האט גיטון אן דען
מצריים · אונ׳ זי בורכטן זיך דש בולק בור גוט · אונ׳ זיא גלאויבטן
אן גוט אונ׳ אן נביאת משה זיינש קנעכטש · אז ישר משה דען
ער זאנג משה אונ׳ קינדר ישראל דען געזאנג דען דיזן
צו גוט אונ׳ זי זאייטן צו זאגן · איך וויל זינגן צו גוט ווען הערשן ער
הוט גיהערשט דש פפערד אונ׳ זיין רייטר הוט ער
גיווארפן אין דש מיר · די שטערק אונ׳ די ור שניידונג גוטש איזט
גיוועזן צו מיר צו הילף · דיזר איז מיין גוט אונ׳ איך
וויל בישונן אין גוט מיינש ואטרש אונ׳ איך וויל דר הוהן אין · גוט איז
איין הער דעש שטרייטש גוט איז זיין נאמן · די
היר ווען פרעה אונ׳ זיין היר הוט ער גיווארפן אין דש מיר · אונ׳
דיא אויש דער וועלטן זיינר הילדן זי זיין ור זונקן אין
דעם מיר רוריכט · די אפגרונדא זי בידיקטן זיא · זי נידרטן אין
דיא טיפניש אז איין שטיין · דיין רעכטי הנט גוט איז
בישונט מיט קראפט · דיין רעכטי הנט גוט זי צו בריכט דען ויינד
· אונ׳ מיט ויל דיינר הערשפט דו צו בורשט דייני
ויינדא · דו זענדשט דיין גרים צורן ער ור ברענט זיא אז שטרוא

· אוב מיט דעם ווינט דיינר נאזלוכר זי הויפטן זיך
דיא וואשר זיא שטונדן אז איין מוייער דיא וואשר די דא רינן · זיא
ווארן גליברט דיא אפגרונדא אין מיטן דעם מֵ׳ר ·
ער זאייט דער פיינדא איך וויל יאגן איך וויל גראייכן איך וויל טאיילן
דען ראויבא · ער זול זיך בולן פון זיא מיין ווילן ·
איך וויל אויש לערן דיא שאייד מיינש שווערטש זי זול פר ארמן זי
מיין האנט · דו הושט גוועאט מיט דיינם ווינד עז
בידעקט זיא דש מֵיר · זיא זיין פר זונקן אז בלייא אין דען וואשרן
דען שטארקן · ווער איז אז דו גאט אונטר דען
שטארקן · ווער איז אז דו בישונט מיט הייליקייט פורכטזם
לובא ער טוט וואונדר · דו הושט גנאייגט דיין
רעכטי האנט זי פר שלאנדא זי די ערדא · דו הושט גפירט מיט
דיינר גנוד דש פולק ישראל דש דו הושט דר לוזט ·
דו הושט זי גפירט מיט דיינר שטערק צו וואונונגא דיינר הייליקייט
זי הורטנש די פולקר זי דר שראקן · ציטרניש בגרייף
זיצר דער פְּלִשְׁתִּים · דען זי דר שראקן דיא הערן פון אֱדוֹם · די
שטארקן מוֹאָב עש בגראייף זיא ציטרניש · זיא צו
גינגן אל זיצר כְּנַעַן · זי זול פאלן אויף זיא פורכט אוב אנגשט מיט
גרוש דיינר מאכט · זי זולן שווייגן אז דער שטיין ·
ביש עש איבר פורט דיין פולק גאט ביש עש איבר פורט דש פולק
ישראל דש דו הושט בישאפן · דו זולשט ברענגן זיא
אוב דו זולשט פלאנצן זי אן בערג דיינר ערב · בירייטונג צו דיינם
גזעש דז דו הושט גווירקט גאט דש בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גאט
זי האבן בירייט דיין הענדא · גאט ער זול קוניגן אימר אוב איוויג
· גאט ער זול קוניגן אימר אוב איוויג · ווען צו גאט איז דז קוניגרייך
· אוב ער איז גוועלטיג אונטר דען פולקרן · אוב זי ווערדן אויף
גן די בְּנֵי מוֹשִׁיעִים אן דעם בערג ציון צו ריכטן דען בערג עֵשָׂו ·

דען ווירט זיין צו גֿט דש קוניגרייך · אונ׳ ער ווירט זיין גֿט צו קוניג אובר אל די וועלט · אן דעם טאג דעם זעלבן ער ווירט זיין גֿט איינג אונ׳ זיין נאמן איינג · אונ׳ אין דיינר תּוֹרָה איז גשריבן
הֹוֹר יִשְׂרָאֵל גֿט אונזר גֿט איז איין איינגר גֿט ·

**ישתבח** ער זול זיין גלובט דיין נאמן אייוויג אונזר קוניג דער אלמעכטיג אונ׳ דער הייליג גרוס קוניג · דער איז הימל אונ׳ אן דער ערדן · וואן צו דיר איז צימליך גֿט אונזר גֿט אונ׳ גֿט אונזר פֿורדרן זאגן אונ׳ לוב לובא אונ׳ זאגן · שטערק אונ׳ גוואלט · אובר זיגונג אלמעכטיקייט אונ׳ שטערק לובא אונ׳ שונהייט הייליקייט · אונ׳ קוניגרייך לובא אונ׳ ביקענונגא פֿון איצונד אן ביש אוימר מיר · גלובט זייסטו גֿט גֿט דער קוניג דער אלמעכטיג מיט לובא · גֿט אלר לובא איין הער דער וואונדר · דער דא דר וועלט אן זאגן דעש לובא זאגן דער קוניג גֿט דער דא לעבט אייוויקליכן ·

**יתגדל** ער זול זיין גאלפרט אונ׳ ער זאל זיין געהייליגט זיין נאמן דער גרוש · אין דער וועלט דיא ער הוט בישאפֿן נוך זיינם ווילן · אונ׳ ער זול קוניגן זיין קוניגרייך בייא אייערם לעבן אונ׳ אין אייערן טאגן · אונ׳ בייא לעבן אל גזינדא יִשְׂרָאֵל באלדא · אין איינר קורצן צייט אונ׳ זאגט אָמֵן · אָמֵן יְהֵא · עז זייא וואר ער זול זיין זיין נאמן דער גרוש גלובט אייוויקליך אונ׳ צו אוימר אונ׳ אייוויג ·

**יתברך** ער זול זיין גלובט · אונ׳ ער זול זיין גלובט אונ׳ ער זול זיין בישונט · אונ׳ ער זול זיין דר הוהעט אונ׳ ער זול זיין דר הובן · אונ׳ ער זול זיין בישונט אונ׳ ער זול זיין גלובט · אונ׳ ער

זול זיין בירוימט זיין נאמן דער הייליג · געלובט זיי ער · צו אוברשט
איבר אלי לוב אונ גזאנגא · לוב אונ טרושט די דא ווערדן גזאגט
אין דיזר וועלט אונ זאגט אמן ·

# בָּרְכוּ אֶת יְיָ הַמְבֹורָךְ

לובט גוט דער דא איז געלובט

# בָּרוּךְ יְיָ הַמְבֹורָךְ לְעוֹלָם וָעֶד

געלובט זייא גוט דער דא איז געלובט אימר אונ אייביג ·

די וייל דער חזן בָּרְכוּ רופט זא זגט
אן דש

**יִתְבָּרַךְ** ער זול זיין געלובט
אונ ער זול זיין
געלובט · אונ ער זול זיין בישונט ·
אונ ער זול זיין דר הֵוכט אונ ער
זול זיין דר הובן · זיין נאמן דעש
קוניגש דער דא איז איין קוניג אובר
אל די קוניג · דען ער איז דר
הוהעט איבר אלי לובא אונ לובא ·
דער דא איז דער אירשט אונ דער
הינטרשט אונ און ער אליינאיז קיין
גוט · דר הוכטש צו דעם דער דא
רייט אין דער הוך · גוט איז זיין

**בָּרוּךְ**

גלובט זיישטו גוט אונזר גוט
קוניג אובר די וועלט · דער
דא בישאפט דש ליכט אונ
ער בישאפט די וינשטרניש
· ער מאכט ורידא אונ
בישאפט אל דינגא · דער
דא דר לייכט צו דער ערדן
אונ צו דענן דיא אויף איר
וואנן מיט דר בארמונג ·

אונ׳ מיט זיינר גוט ער דר
גוייעט אל טאג די ווערק פון
בְּרֵאשִׁית · וויא גאר ויל זיין
דיינר ווערק גוט אל צו מול
מיט ווישהאייט הושטו זיא
בישאפן · זיא איז פול
די ערדא דיינר בישעפניש
· דער קוניג דער דא איז
דר הופט איין פון אי אונ׳ אי
דער דא איז גלובט אונ׳ דער
דא איז בישונט אונ׳ דער
דא איז דר הובן פון טעג

נאמן · אונ׳ וראייעט אייך צו בור
אים
אונ׳ ווען דער חזן הוט אן אתה יי׳ זא
זאגט מן · בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ
לְעוֹלָם וָעֶד · גלובט זייא נאמן איר
דיינש קוניגרייכש צו אימר אונ׳
איוויג · אונ׳ ווען ער דנבט אן
הַמְּבוֹרָךְ זא זאגט מן יְהִי שֵׁם יי׳
מְבוֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם · ער זול
זיין נאמן גוטש גלובט פון איצונדר
ביז איוויג ·

דער וועלט · הער דער וועלט מיט דיינן דר בארמונגא דער ויל
זיין דר בארים דיך איני אונש הער אונזרר שטערק וועלן אונזרר
שטערק שילט אונזרר הילף איין שטערק אום אונש · אֵל בָּרוּךְ ·
גוט דער דא איז גלובט · אכפרר זין ער הוט בירייט אונ׳ ער
הוט גיווורקט שיין דער זונן · גאר גוט הוט ערש בישאפן דש
איז איין איר זיינם נאמן · גלוייכט הוט ער געבן גירנגא אוים
זיין שטערק הערן זיינש הֵיר דיא האיילגן מַלְאָכִים · דר הוהונג
דעש אלמעכטיגן גוט שטעטליך זיא דר צילן דיא אֵיר גוטש אונ׳ זיין
האיליקייט · דו זולשט זיין גלובט גוט אונזר גוט אוים ווילן לובא
ווערק דיינר הענד אונ׳ אוים ווילן גלוייכט דעש ליכט די דו הושט
בישאפן זול מן בישונן דיך אל וועגן · דו זולשט זיין גלובט אונזר
שֵׁופר אונזר קוניג אונ׳ אונזר דר לֵוזער דער דא הוט בישאפן די
האיילגן מַלְאָכִים · ער זול זיין גלובט דיין נאמן איוויג אונזר קוניג
· דער דא בישאפט די דינר אונ׳ דש זייני דינר זי אל צו מול זיא
שטין אין הֵויך דער וועלט אונ׳ זי לושן הֵורן מיט פורכט מיט אנגדר

מיט הוהר שטים · דיא ריד דעש לעבנדיגן גאט דער דא איז איין
קוניג איבר די וועלט · זיא אל צו מול זיא זיין גליבט זי אל צו מול
זיין דר וולט זיא אל צו מול זיין שטארק אונ' זי אל צו מול זי טון מיט
גרויל אונ' מיט פורכט דען וולן אירש בישעפרש · אונ' זי אל צו
מול זיא אופנן אירן מונט מיט הייליקייט אונ' מיט ריינקייט מיט
געזנג אונ' מיט לובא גיזאנג אונ' זי לובן אונ' זיא לובן אונ' זי בשונן אונ'
זיא שטערקן אונ' זיא הייליגן אונ' זיא מאכן קוניגן דען נאמן גאטש
דעש קוניגש דער גרוש דער שטארק אונ' דער פורכטזם הייליג
איז ער · אונ' זיא אל צו מול זיא אנטפאנגן אויף זיך דש יאך דעש
קוניגש דער אים הימל איז דיזר פון דיזם אונ' זי געבן דר לובא
דיזר צו דיזם · צו הייליגן אירן שעפר מיט זנפטם גימויט מיט
איינר לויטרן שפראך אונ' מיט זישקייט הייליקייט זיא אל צו מול
מיט אנדר זיא שרייען אונ' זי זאגן מיט פורכט · הייליג הייליג
הייליג איז גאט דער הער עש איז פול אל די וועלט זיין איר

## והאופנים

אונ' די היילגן מלאכים די דא הייסן
אופנים אונ' די הייליגן חיות מיט
גרושן שטורים זי דר היבן זיך גיגן
דען ברענדיגן מלאכים צו גיגן אינן זיא לובן אונ' זיא זאגן גילובט זייא
איר גאטש פון זיינר שטאט ·

## לא

ברוך צו גאט דעם גילובטן איין זישן לובא זיא געבן
צו דעם קוניג גאט דעם לעבנדיגן אונ' איוויגן גיזאנג
זיא זאגן אונ' לובא זיא לושן הורן ווען ער איז אליין
דער דא וואורקט שטערק · ער בישאפט נוייעז · איין מייסטער
דער שטרייט ער זעאט גרעכטיקייט · ער מאכט שפרושן די
הויל' ער בישאפט דיא רפואות · איין פורכטזמר לובא הער דער
וואונדר · דער דא דר נוייעט מיט זיינר גוטיקייט אל טאג
שטעטיגליכן דיא ווערק פון

בראשית · אז דא איז ווארדן געזאגט צו דעם דער דא בישאפט די
גרושן ליכט · ווען צו איווינג איז זיין געבוט · איין נוייא ליכט זולשטו
דר לוייכטן אוינז ציון · אונ' ויר זולן זיין ווירדינג ויר אל צו מול באלדא
צו זיינם ליכט · גילובט זיישטו גוט דער דא בישאפט די ליכט ·

# אהבה

רבה · איין גרושי ליבשאפט הושטו אונז
ליב גוט אונזר גוט · איין גרושי איבריגי
דר בארמונג הושטו דיך דר בארמט
איבר אונש · אונזר ואטר אונזר קונינג אוים ווילן אונזר בורדרן
די זיך האבן ור זיכרט אן דיך · אונ' דו הושט גילערנט זי געזין דעש
איווין לעבן · אונ' גיבא אין אונזר הערץ צו פרויבן · אונ' צו קלוין
צו הורן · צו לערנן אונ' צו וייטר לערנן צו היטן · אונ' צו טון אונ'
צו בשטעטין אל רידא לערנונג דיינר תורה מיט ליבשאפט · אונ'
דר לוייכט אונזר אוין אין דיינר תורה · אונ' ביהיפט אונזר הערץ
אין דיין מצות · אונ' איינינג אונזר הערץ צו האבן ליבא אונ' צו בורכטן
דיין נאמן · · אונ' ניט ויר זולן ווערדן ור שעמט אוימר מיר אונ'
איווינג · ווען אן דיין האיילינן נאמן דער גרוש אונ' דער בורכטזם
האבן ויר אונש ור זיכרט · ויר וואלן ורוליך זיין אונ' ויר וואלן
אונש וראייען אין דיינר הוילף אונ' ברענג אונש מיט וריד בון ויר
ענדן דער וועלט אונ' דו זולשט אונש בוירן אופנבארליך צו אונזרם
לאנדא · ווען גוט איין וואוירקר דער הוילף בישטו אונ' אן אונש
הושטו דר וועלט מיר דען אן אלן בולקרן אונ' שפרוכן · אונ' דו
הושש גינעכט אונש צו דיינם נאמן דעם גרוש אכפרן אל ווען מיט
ווארהייט צו לובן דיך אונ' צו איינין דיך מיט ליבשאפט · גילובט
זיישטו גוט דער דא הוט דר וועלט אן זיינם בולק ישראל
מיט ליבשאפט ·

# א מלך נאמן

שמע ישראל יי אלהינו יי אחד · גׄט יתׄ איז איין וואר האפֿטיגר קוניג.
· הור ישראל גׄט אונזר גׄט איז איין איינגר גׄט גלובט זיין נאמן
איר זיינש קוניגרייכֿש אויאר אונ׳ איוויג ·

**ואהבת** אונ׳ דו זולשט האבן ליב גׄט דיין גׄט מיט אל
דיינם הערצן אונ׳ מיט אל דיינם לייבא אונ׳
מיט אל דיינם גוט · אונ׳ זיא זולן זיין דיא
רידא די דיזן די איך דיר גביט הויט אוני׳ דיינם הערצן · אונ׳ דו
זולשט זי לערנן דייני קינדר אונ׳ דו זולשט רידן אן אינן אין דיינם
זיצן אין דיינם הויזא אונ׳ ווען דו גישט אם וועג אונ׳ ווען דו דיך
ליגשט אונ׳ ווען דו אוני׳ שטישט אונ׳ דו זולשט זי קנויפפֿן צו איינם
צאייכֿן אוני׳ דיין האנט · אונ׳ זיא זולן זיין צו תפילין צווישן דיינן
אויגן אונ׳ דו זולשט שרייבן זי אוני׳ בייא שטודיל דיינש הויזא אונ׳
אן דייני טאר ·

**והיה** אונ׳ עש ווערט זיין אוב הורן איר ווערט הורן צו
מיינן מצות די איך גביט אויך הויט צו האבן ליב
גׄט אוייערן גׄט אונ׳ צו דינן אים מיט אל אוייערן
הערצן אונ׳ מיט אל אוייערם לייבא זא וויל איך געבן דען רעגן
אוייערר ערדא אין זיינר צייט · ורויא רעגן אונ׳ שפעט רעגן אונ׳
דו ווערשט איין זאמילן דיין קורן אונ׳ דיין מושט אונ׳ דיין אויל · אונ׳
איך וויל געבן קרוייט אין דיינם ועלד צו דיינם ויך אונ׳ דו ווערשט
עשן אונ׳ דו ווערשט זאט · הויטט אויך דש זיך אויהר הערץ ניט
לושט איבר רידן דש איר וואלטט אב קירן אונ׳ וואלטט דינן געטר
אנדרן אונ׳ וואלטט אויך נייגן צו אינן זא ווארד גריאן אן אויך דער
צורן גׄטש אונ׳ ער ווארד אוני׳ האלטן דען הימיל אונ׳ עז ווארד

ניט רעגנן · אונ׳ די ערדא וואורד ניט געבן איר ורוכֿט · אונ׳ איר ווערדט ור לורן באלד בֿון אב דעם לאנדא דעם גוטן דש גָט געבט צו אייך אונ׳ איר זולט טון איין ריד די דיזן אויף אייער הערץ אונ׳ אויף אייער לייב · אונ׳ איר זולט קנויפפֿן זי צו איינם צאייכֿן אויף אייער האנט · אונ׳ זי זולן זיין צו תְּפִלִּין צווישן אייערן אויגן אונ׳ איר זולט לערנן זיא אייער קינדר צו רידן אן אינן ווען דו זיצט אין דיינם הויזא אונ׳ ווען דו גישט אם וועג אונ׳ ווען דו דיך ליגשט אונ׳ ווען דו אויף שטישט אונ׳ דו זולשט שרייבן זי אן דיא בייא שטוידיל דיינש הויזא אונ׳ אן דייני טאר · דארום דש זי זולן זיך מירן אייערי טאג אונ׳ טעג אייערר קינדר אויף דעם לאנדא דש ער הוט געשוואורן גָט צו אייערן בֿורדרן צו געבן צו אינן אז טעג דעש הימלש אויף דער ערדא ·

**ויאמר** אונ׳ ער זאייט גָט צו משה צו זאגן רידא צו קינדר ישראל אונ׳ דו זולשט זאגן צו אינן אונ׳ זי זולן מאכֿן צו אינן צִיצִית אויף די ענדא אירר קלאיידר צו אירן גיבוירדן · אונ׳ זי זולן געבן אויף ציצית דעש ענד איין בלואן וואדים אונ׳ ער זול זיין צו אייך צו ציצית אונ׳ איר זולט אן זעהן אין אונ׳ איר זולט גידענקן אלי מצות גָטש אונ׳ איר זולט טון זיא אונ׳ ניט איר זולט שפעהן נוך אייערם הערצן אונ׳ נוך אייערן אויגן דא איר אונשטעטיגט נוך אינן דרום דש איר זולט גידענקן אל די געבוט גָטש אונ׳ איר זולט טון זי אונ׳ איר זולט זיין הייליג צו אייערם גָט איך בין גָט אייער גָט דער אייך הוט אויש געצוהן בֿון דעם לאנד מצרים צו זיין צו אייך צום גָט · איך בין גָט אייער גָט ·

**אמת** וְיַצִּיב · עש איז וואר אונ׳ געויש · אונ׳ איז ביראייט אונ׳ איז בשטעטיגט אונ׳ רעכֿט ווערטיג אונ׳ ווארהפֿטיג · אונ׳ איז ליבא

אונ׳ ווערד אונ׳ לושטיג אונ׳ זויש אונ׳ פורכטזם אונ׳ שטארק אונ׳
בירייט אונ׳ אן גינעם אונ׳ גוט אונ׳ שון דיא ריד די דיז אוני׳ אונש
צו אוימר אונ׳ איוויג · עז איז וואר דש ער איז גוט דער וועלט
אונזר קויניג שוספר יעקב איין שילט אונזרר הילף צו גיבוירדא אונ׳
גיבוירד ער בשטיט אונ׳ זיין נאמן איז בישטעטיגט · אונ׳ זיין שטול
איז בירייט אונ׳ זיין קויניגרייך אונ׳ זיין ווארהייט בישטיט איוויג ·
אונ׳ זייני רידא זיין לעבנדיג אונ׳ בשטעטיגט ווארהפטיג · אונ׳
גילושטיג צו איוויג אונ׳ אוימר מיר · אוני׳ אונזרי פורדרן אונ׳ אוני׳
אונז אוני׳ אונזרי קינדר אונ׳ אוני׳ אונזרי גיבורד אונ׳ אוני׳ אל גיבורד
זמן ישראל דיינר קנעכט · אוני׳ די אירשטן אונ׳ אוני׳ די לעצטן
איין ריד איין גוטי אונ׳ בישטעטיגט צו אוימר איוויג וואר אונ׳ גיוויש
איין גיזץ דז ניט אויבר וארט · עש איז וואר דז דו בישט גוט אונזר
גוט אונ׳ גוט אונזרר פורדרן אונזר קויניג אונ׳ קויניג אונזרר פורדרן
אונזר דר לוזר · אונ׳ דר לוזר אונזרר פורדרן · אונזר שופפער
פעלזן אונזרר הילף · אונזר לוזער אונ׳ אונזר בישרמר פון איוויג איז
דיין נאמן · אונ׳ עש איז קיין גוט און דו ·

**עזרת**

איין הילף אונזרר פורדרן בישטו פון איוויג
איין שילט אונ׳ איין העלפר צו איין ·
קינדרן נוך אינן אין אל גבוירד אונ׳ גיבוירד ·
אין דעם הוכשטן דער וועלט איז דיין גיזעש · אונ׳ דיין גיריכט
אונ׳ דיין גירעכטיקייט איז ביז אינד דער ערדן וואל דעם מאן דער
דא הוירט צו דיין מצות · אונ׳ דייני תורה אונ׳ דיין ריד ער טוט אוני׳
זיין הערץ · עז איז וואר דז דו בישט איין הער דיינש פולקש איין
שטארקר קויניג צו קריגן אירן קריג · עש איז וואר דש דו בישט
דער אירשט אונ׳ דו בישט דער הינטרשט · אונ׳ און דיך אליין איז
קיין קויניג איין דר לוזער אונ׳ איין העלפר · פון מצרים דו הושט
דר לוזט אונש גוט אונזר גוט · אונ׳ פון דעם הויזא דא ויר זיין

גיוועזן קנעכט דו הושט גילוזט אונש · אל אירי בכורים דו הושט
דר שלאגן · אונ' דייני בכורים דו הושט דר לוזט · אונ' דש מיר
דורעכט הושטו גישפאלטן · אונ' דיא מוטווילגן מצרים הושטו ור
זענקט אונ' די גיליבטן דו הושט מאכן איבר וארן · אונ' זיא האבן
בידיקט דיא וואשר אירי לאיידיגר ביש איינר פון אינן ניט ער
וואורד איבר בליבן · אויף דש דוזין זיא לובטן דיך דיא ליבן ישראל
אונ' זי דר הופטן גוט · אונ' זי גאבן די ליבן לובא גיזאנגא גיזאנג אונ'
לובא בענשונג אונ' ביקענונג צו דעם קונינג גוט דער דא לעבט אונ'
בישטעטיגט ער איז הוך אונ' דר הובן גרוש אונ' פורכטזם ער מכט
נידר די הופרטיגן אונ' ער דר הוכט דיא נידרן ער ניכט אויש דיא
גיפאנגן אונ' ער לוזט די טעמויטיגן אונ' ער הילפט דען ארמן · אונ'
ער ענטוורט זיינם פולק אין דער צייט זא זי שרייען צו אים · לובא
צו גוט דעם אוברשטן גילובט זייא ער אונ' ער איז גילובט ; משה אונ'
קינדר ישראל צו דיר זיא שרייאען איין גזאנג · מיט גרושר וראייד
אונ' זי זאייטן אל צו מול מי כמוך · ווער איז אז דו אונטר דען
שטארקן גוט · ווער איז אז דו בישונט מיט האיליקייט · פורכטזם
לובא דער דא טוט וואונדר

דאבי

**שירה**

איין נוייען גזאנגא זיא לובטן דיך ישראל די
דא ווארן דר לוזט צו דיינם נאמן אויף פורט
דעש מירש מיט אננדר אל צו מול זי לובטן
אונ' זי מאכטן קונינגן אונ' זיא זאגטן · גוט ער זול קונינגן אוימר
אונ' איוויג :

**צור**

שופפר ישראל דער צאיין דיך אין הילף ישראל אונ'
דר לוזא אז דו הושט גזאגט יהודה אונ' ישראל ·
גילובט זיישטו גוט דער דא הוט דר לוזט ישראל .

## יי שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך

גוט מייני לעפצן דו זולשט אופנן אונ' מיין מונד זול קונדן דיין לובא

**ברוך** אַתָּה גלובט זיישטו גאט אונזר גאט אונ׳ גאט אונזרר
פורדרן גאט אברהם · גאט יצחק אונ׳ גאט יעקב
דער גאט דער גרוש אכפר דער שטארק אונ׳
דער פורכטזם גאט דער אוברשט דער דא ור גילט גוטי גינודא אונ׳
ער בשאפט אל דינג אונ׳ ער גידענקט די גינודא דער פורדרן אונ׳
ער ברענגט איין לוזער צו אירן קינדש קינדן אום ווילן זיין נאמן
מיט ליבשאפט · דער
קוניג דער דא איז
איין העלפר אונ׳ ער
הילפט אונ׳ בשירמט
גלובט זיישטו גאט דער
דא הוט בשירמט
אברהם ·

**זכרנו** לחיים גדענק אונש צו לעבן
דער קוניג דער דא בגערט
אם לעבן אונ׳ שרייבא אונש אין
בוך דעש איוויגן לעבן אום דיינן ווילן
לעבנדיגר גאט דער קוניג דער דא איז
איין העלפר אונ׳ ער הילפט אונ׳ בשירמט
גלובט זיישטו גאט דער דא הוט בשירמט
אברהם ·

**אתה** גבור דו בישט איין שטארקר צו איוויג גאט דער
דא מאכט לעבנדיג דיא טוטן בישטו אונ׳ איין
מיינשטר צו העלפן ·
ער שפייזט די לעבנדיגן מיט גינודא ·
ער מאכט לעבן די טוטן מיט ויל דר
בארמיקאייט ער אונטר לאיינט די
דא ואלן אונ׳ ער האיילט די קראנקן

משיב הרוח ער מאכט
וועאן דען ווינט אונ׳ ער
מאכט נידרן דען רעגן ·

אונ׳ מאכט לידיג די גיפאנגנן אונ׳ בשטעטיגט זיין ווארהייט צו דענן
די דא שלופן אין דער ערדן · ווער איז אז דו איין שטארקר
מיינשטר אונ׳ ווער איז דיר גלייך דער קוניג דער דא טוט אונ׳
מאכט לעבנדיג אונ׳ מאכט
שפרושן הולף אונ׳ דו בישט
וואר האפטיג צו מכן לעבנדיג

**מי** כמוך ווער איז אז דו איין דר
בארמיגר ואטר ער גדענקט
זייני בשעפניש צו לעבן מיט דר

דיא טוטן גילובט זיישטו ג̄ט בארמיקייט אונ̄ ווארהאפטין בישטו
דער דא מאכ̄ט לעבנדין . צו מאכ̄ן לעבן די טוטן גלובט זיישטו די
טוטן . ג̄ט דער דא מאכ̄ט לעבן די טוטן .

**נְקַדֵּשׁ** ווירזוואלן היילין דיין נאמן אין דיזם עולם אז
וואל אז מן האיילינט אין אים הוהן הימיל אז דא
איז גישריבן דורך דיינן נְבִיא יְשַׁעְיָה אונ̄ ער
רופט איין צואך צום אנדרן אונ̄ ער זאייט . קָדוֹשׁ האיילין .
האיילין . האיילין איז ג̄ט דער הֵיר עש איז פֿול דש גאנץ ערטריך
זיין אֵיר . לְעֻמָּתָם צו גין אינן בָּרוּךְ זי זאגן . בָּרוּךְ גלובט זייא די
אֵיר ג̄טש פֿון זיינר שטאט .

**וּבְדִבְרֵי** אונ̄ אין רידא דיינר היילקייט איז גישריבן צו
זאגן יִמְלֹךְ ער זול קונינן ג̄ט צו איווינג דיין
ג̄ט ציון צו גיבורדר אונ̄ גיבורדא לובט ג̄ט .

**לְדוֹר** צו גיבורדא אונ̄ גיבורדא וויר וואלן קֵונדן דיין אכ̄פר
קייט . אונ̄ איווינג איוויקליכ̄ן וואלן וויר האיילין דיין
האיילקייט . אונ̄ דיין לובא אונזר ג̄ט זול פֿון אונזרם מונדא ניט
ווערדן אב גיטון אימר אונ̄ איווינג . ווען ג̄ט איין קונינג אכ̄פר אונ̄ האד
האיילין בישטו גילובט זיישטו ג̄ט דער ג̄ט דער היילינג .

**אַתָּה** קָדוֹשׁ דו בישט היילינג אונ̄ דיין נאמן איז היילינג .
אונ̄ דיא האיילין אל טאג זיא לובן דיך אל וועגן
גילובט זיישטו ג̄ט דער ג̄ט דער האיילינג .

**אַתָּה** חוֹנֵן דו שענקשט דעם מענשן דען זין אונ̄ דו
לערנשט אלי מענשן ור שטענדיקייט אונ̄
ווייטזעלין אונש פֿון דיר ור שטענדיקייט זין אונ̄
קלונהאייט גילובט זיישטו ג̄ט דער דא שענקט דען זין .

**הֲשִׁיבֵנוּ** מאך ווידר קירן אונש אונזר פֿאטר צו דיינר תורה
אונ̄ גינעך אונש אונזר קונינג צו דיינם דינשט אונ̄

מאך ווידר קירן אונש מיט גאנצר תשובה צו פור דיך גלובט זיישטו
גט דער דא אן ניםט די תשובה ·

**סלח**

ור גיבא אונש אונזר ואטר ווען וויר האבן גזוינט
ור צייהך אונש אונזר קוניג ווען וויר האבן
גמישטוט ווען איין ור צייהר אונ׳ איין ור געבר
בישטו גלובט זיישטו גט איין לוויטצעליגר דער דא מירט צו ור געבן ·

**ראה**

זיך אן אונזר פיין · אונ׳ קריג אונזרן קריג · אונ׳
דר לזא אונש באלד אויס ווילן דיינש נאמן ווען
איין שטארקר דר לזר בישטו גלובט זיישטו גט
דער דא דר לזט ישראל ·

**רפאנו**

הייל אונש גט זא ווערדן וויר הייל · הילף
אונש זא ווערט אונש געהולפן ווען דו בישט
אונזר לוב אונ׳ ברענג אויף איין גאנצי רפואה
צו אלן אונזרן מכות ווען איין גט איין קוניג איין ווארהפטיגר רופא
אונ׳ איין דר בארמיגר בישטו גלובט זיישטו גט דער דא הייל
קראנקהייט זיינש פולק ישראל ·

**ברך**

בענש אויף אונש גט אונזר גט דז יאר דש דוזיג
אונ׳ אל לייא אירש פרוכט צום בישטן אונ׳ גיבא
טאוי אונ׳ רעגן צו · בענשונג אויף פור די ערדא
אונ׳ מאך זאט אונש פון דיינם גוטן · אונ׳ בענש אונזרי יאר אז די
יאר די גוטן גלובט זיישטו גט דער דא בענשט די יאר ·

**תקע**

טוטשא מיט דעם גרושן שופר צו אונזרר ורייאונג
אונ׳ דר היבא איין פענלן צו זאמלן אונזרי פור
טרייבונג אונ׳ זאמיל אונש מיט אנגדר פון ויר
ענגן דער ערדן גלובט זיישטו גט דער דא זאמילט די ור שטושן
זיינש פולקש ישראל ·

## השיבה

ווידר קיר אונזרי ריכטר אז אם אן
באנגא או׳ אונזרי רוט הערן אז אם
אירשטן · או׳ טוא אב בון אונש
טרוייערן או׳ זויפצן · או׳ קונינג איבר אונז דו גאט אליין מיט גנאד
או׳ מיט דר בארמיקייט · או׳ מאך אונש גירעכט אם גריכט ·
גילובט זיישטו גאט דער דא הוט ליבא גירעכטיקייט או׳ גריכט ·
המלך המשפט דער קונינג דעש גריכט

## ולמלשינים

או׳ צו דען ורעטרן זול קיין
הופנונג זיין · או׳ אל די און
גלויבין אז אין אייגם אוין
בליק זולן זי ווערדן ור לורן · או׳ אל דייני ויינדא באלד זולן זי ווערדן
ור שניטן גלובט זיישטו גאט דער דא צו בריכט די ויינדא או׳ מאכט
אונטר טעניג די מוטווילין ·

## על הצדיקים

אוני׳ דיא צדיקים או׳ אוני׳
די חסידים או׳ אוני׳ דיא
אילצטן דיינש בולקש גזינדא
ישראל או׳ אוני׳ אבטרינונג אירר שרייבר או׳ אוני׳ דיא גירעכטן
גרים או׳ אוני׳ אונש זי זולן ברומן דיין דר בארמיקייט גאט אונזר
גאט · או׳ גיבא איין גוטן לון אלן דענן די זיך ור זיכרן אן דיין נאמן
מיט ווארהייט או׳ גיב אונש אונזר טייל מיט אינן או׳ איוויג זולן
וויר ניט ווערדן בור שעמט ווען אן דיך וויר זיין ור זיכרט · גלובט
זיישטו גאט דער דא איז איין אונטר לאיינונג או׳ איין ור זיכרונג צו
דען צדיקים ·

## ולירושלים

או׳ צו ירושלים דיינר שטאט מיט
דר בארמונג זולשטו ווידר קירן
או׳ דו זולט רואען אין צווישן איר
אז דו הושט גירידט או׳ בויא זי שיר אין אונזרן טאגן איין איוויגן

AKADÉMIA KÖNYVTÁRA

בויא אונ׳ דען קינינג שטול דוידש בלדא אין צווישן זי דו זולט בירייטן
גלובט זיישטו גוט דער דא בויאעט ירושלים ·

**את צמח** די שפרושונג דויד דיינש קנעכטש
באלד זולשטו מאכן שפרושן אונ׳
זיין הערשפט זיא זול זיך דר היבן
מיט דיינר הילף ווען צו דיינר הילף וויר הופן דען גנצן טאג · גלובט
זיישטו גוט דער דא מאכט שפרושן הערשפט דער הילף ·

**שמע** הער אונזר שטים גוט אונזר גוט בשויץ אונ׳ דר בארים
דיך אויף אונש אונ׳ אנפפאנג מיט דר בארמיקאייט
אונ׳ מיט גנעם ווילן אונזר תפילה ווען איין גוט דער
דא הערט אונזר תפילה אונ׳ אונזר גיבעט בישטו אונ׳ בון צו בור
דיר אונזר קינינג זולשטו אונש ניט לער לושן ווידר קירן ווען דו
הערשט די תפילה דיינש בולקש ישראל מיט דר בארמיקייט גלובט
זיישטו גוט דער דא הורט די תפילה ·

**רצה** וואל גוט אונזר גוט אן דיינם בולק ישראל אונ׳ אן
אירר תפילה אונ׳ מאך ווידר קירן דען דינשט
צו פאלש דיינש בית המקדש אונ׳ דיא בוייער
אופפר ישראל אונ׳ איר תפילה מיט ליבשאפט דו זולשט אנפפאנגן
מיט גנעם ווילן אונ׳ זי זול זיין צו גנעם ווילן שטעטליך דיא דינשט
ישראל דיינש בולקש אונ׳ זי זולן זעהן אונזרי אויגן זא דו ווערשט
ווידר קירן צו ציון מיט דר בארמיקייט גלובט זיישטו גוט דער דא
מאכט ווידר קירן זיין שכינה צו ציון ·

**מודים** וויר ביקענן דיר דש דו בישט גוט אונזר גוט
אונ׳ גוט אונזרר בורדרן אויאר אונ׳ איוויג
שופפר אונזרש לעבן איין שילטא אונזר הילף
בישטו צו גבורדא אונ׳ גבורדא וויר וואלן לובן דיך אונ׳ וויר וואלן

דר זילן דיין לובא אויך אונזר לעבן דש דא איז געבענטורט אין דיין
געוואלט אונ' אויך אונזרי נְשָׁמוֹת די דיר ביפולהן זיין אונ' אויך
דייני צייכן די אל טאג מיט אונש זיין · אונ' אויך דייני וואונדר אונ'
דייני גוטא די אלי טאג צייט אובנט אונ' מורגנש אונ' מיטאג זיין · דו
גוטר גוט דש ניט זי זיין פולענדט דייני דר בארמיקייט אונ' דו דר
בארמיגר גוט דז ניט זי זיין צו גאנץ דייני גינוד פון איוויגן וויר הופן צו
דיר · אונ' אוני זי אל צו מול ער זול זיין געלובט · אונ' ער זול זיין דר
הוכט דיין נאמן אונזר קיניג שטעטליך
אוימר אונ' איוויג אונ' אלי די וּכְתוֹב אונ' שרייב אן צו גוטם
דא לעבן זי ווערן לובן דיך אל לעבן אלי קינדר דיינר זיכרהייט
ווען אונ' זי ווערן לובן דיין
נאמן מיט ווארהייט דער גוט דער דא איז אונזר הולף אונ' אונזר
בייא שטאנד אל ווען געלובט זייאשטו גוט דש גוטא איז דיין נאמן אונ'
צו דיר צימט וואל צו לובן ·

**אלהינו**

אונזר גוט אונ' גוט אונזרר פורדרן בענש
אונש מיט דער בְּרָכָה דיא דא איז גידריט
אין דער תורה · די דא איז געשריבן דורך
ויאמר
מֹשֶׁה דיין קנעכט די דא איז ווארדן געזאגט פון מונט אַהֲרֹן אונ'
זיינר זון די כהנים דיין הייליגש פולק אז דא איז ווארדן געזאגט ·

**יברכך** ער זול בענשן דיך גוט אונ' ער זול בהויטן דיך ·
יָאֵר ער זול דר לייכטן גוט זיין שְׁכִינָה צו דיר אונ'
ער זול ווייטגעלין דיך · יִשָּׂא ער זול ביגווינגן גוט זיין צורן צו
דיר אונ' ער זול מאכן צו דיר פריד ·

**שים** שָׁלוֹם טו פריד גוטש אונ' בענשונג אונ' לייט
זעליקייט אונ' גינוד אונ' דר בארמיקייט אויף
אונש אונ' אויף אל ישראל דיין פולק בענש
אונש אונזר ואטר אונש אלי זאמן מיט ליכט דיינר שְׁכִינָה ווען מיט

ליכט דיינר שכינה הושטו אונז געבן גאט אונזר גאט איין תורה דעש
איוויגן לעבן אונ׳ ליבשאפט גינוד אונ׳ גירעכטיקייט אונ׳ בענשונג
אונ׳ דר בארמיקייט אונ׳ לעבן אונ׳ ורידא · אונ׳ עש גיבאלט וואל
אין דיין אויגן צו בענשן דיין ובולק ישראל אין אלר צייט אונ׳ אין אלר
שטונד מיט **בספר** חיים אין בוך דעש לעבן בענשונג
דיינם וריד אונ׳ ורידא אונ׳ גוטי נארונג ווער זולן
גלובט זיישטו ווערדן גידוכט אונ׳ זויר זולן ווערדן אן גישריבן
גאט דער דא צו ובור דיר וויר אונ׳ אל דיין ובולק גזינד ישראל צו
בענשט זיין לעבן אונ׳ צו ורידא גלובט זיישטו גאט דער דא
ובולק ישראל מיט ורידא · הוט בשאפן דען ורידא ·

## שלום

רב ויל ורידא אויף ישראל דיין ובולק דו זולשט
טון צו איוויג ווען דו בישט איין קוניג איין
הער צו אלם ורידא אונ׳ עש גיבאלט וואל אין
דיינן אויגן צו בענשן דיין ובולק ישראל אין אלר צייט אונ׳ אין אלר
שטונד מיט דיינם ורידא · בספר חיים גלובט זיישטו
גאט דער דא בענשט זיין ובולק ישראל מיט ורידא ·

## אלהי נצור

מיין גאט היט מיין צונג ובור
בוזם אונ׳ מייני לעפצן ובון צו
רידן לישטיקייט אונ׳ צו דען די
מיך ולוכן מיין לייבא זול שווייגן מיין לייבא אז די ערדא צו אידרמן
די זול זיין · אופן מיין הערץ אין דיינר תורה אונ׳ אין דיינן מצות
זול יאגן מיין לייבא אונ׳ אלי די דא גידענקן אויף מיך בוזא באלדא
ור שטור אירן ראט אונ׳ ור דערב אירי גידאנקן די זולן זיין צו גלטם
ווילן זאג מיינש מונדש אונ׳ טיכטונג מיינש הערצן צו ובור דיר מיין
שוספר אונ׳ מיין דר לעזר · עושה שלום · דער דא מאכט

ורידא אין זיינם היכל : ער זול מאכֿן וריד אויף אונש אוב׳ אויף אל
ישראל אוב׳ זאגט אמן ·

## יהי רצון

עש זול זיין ווילן צו פֿור דיר גֿט מיין
גֿט אוב׳ גֿט מיינר פֿורדרן דש עש
זול ווערדן גיבויאט דש בית המקדש
באלדא אין אונזרן טאגן אוב׳ גיבא אונזר טייל אין דיינר תורה ·

דש זאגט מן אלי מענטג אוב׳ אל דורנשטג ·

## והוא רחום

אוב׳ ער איז איין דר בארמיגר
ער ור גיבט די זינד אוב׳ ניט
ער ור דערבט אוב׳ ער מירט
צו ווידר קירן זיין צורן אוב׳ ניט ער דר וויקט אל זיין צורן · דו גֿט
ניט דו זולשט פֿור מיידן דיין דר בארמונג פֿון מיר דיין גינודא אוב׳
דיין ווארהייט שטעטליך זי זולן בהויטן מיך הילף אונש גֿט אונזר
גֿט אוב׳ זאמיל אונש פֿון דען פֿולקרן צו לובן צו דיינם הייליגן נאמן
אוב׳ צו ברוימן זיך מיט דיינם לובא ווען אונזר זינד דו וואלשט
ווארטן גֿט ליבר גֿט ווער קונט בשטין · ווען מיט דיר איז די ור
געבונג דארום ווערשטו גיפֿורכֿט ניט אז אונזר זינד דו זולשט
טון צו אונש אוב׳ ניט אז אונזר זינד זולשטו ור געלטן אויף אונש
אוב אונזר זינד בצויגן אן אונש גֿט זא טוא מיט אונש אום ווילן
דיינש נאמן · גידענק דייני דר בארמיקייט גֿט אוב׳ דייני גינוד ווען
פֿון איוויג זיין זי · ער זול ענטוורטן אונז גֿט אם טג אונזרש לאיידש
ער זול אונש שטערקן דער נאמן גֿט יעקב · גֿט הילף דער קיניג
זול אונש ענטוורטן אם טאג זא ויר אין אן רופֿן אונזר ואטר אונזר
קיניג לייטזעליג אונז אוב׳ ענטוור אונז ווען מיר האבן ניט אן אונש
גוטי מעשים טו מיט אונש צדקה אוים ווילן דיין נאמן · אונזר
העלפֿר אונזר גֿט הער אין שטים אונזר גיבעט אוב׳ גידענק אונז זיכר

דייט אונזרר אילטרן אונ' העלף אונש אום ווילן דיין נאמן · אונ'
איצונד גאט אונזר גאט דש דו הושט אויש גצוהן דיין בֿולק ישראל בֿון
לאנדא מצרים מיט מאכֿט שטארק אונ' דו הושט דיר גימאכֿט איין
גוטן נאמן אז דער טאג דער דיז · וויר האבן גזינדט וויר
זיין שולדיג גאט אום ווילן אל דייני גירעכֿטיקייט ער זול ווידר קירן
דיין צורן אונ' דיין גרים צורן בֿון דיינר שטאט ירושלים דיינם
הייליגן בערג ווען אום ווילן אונזר זינד אונ' אום ווילן זינדא אונזר
אילטרן איז ירושלים אונ' דיין בֿולק צו שאנדן צו אל די אום אונש זיין
אונ' איצונד הור אונזר גאט צו גיבעט דיינש קנעכֿט אונ' צו זיינם
גיבעט · אונ' דר לוייכֿט דיין שכינה אויף דיין בית המקדש דש
ליידר ור וואושט איז אום גאטש ווילן ·

**הטה** נייג מיין גאט דייני אורן אונ' הור אופֿן דייני אויגן
אונ' זיך אונזר ור וואושטונגא אונ' די שטאט
ירושלים דא דיין נאמן אויף איז ווארדן גירופֿן
ווען ניט אויף ווילן אונזר גירעכֿטיקייט וויר מאכֿן ואלן אונזר גיבעט
צו בֿור דיר ווען בוייארט אויף ווילן דיינר דר בארמונג דער ויל זיין
גאט הור גאט ור גיבא גאט ור נים אונ' טועש ניט דו זולשט דיך זוימן
אויף דיינן ווילן מיין גאט ווען דיין נאמן איז ווארדן גירופֿן אויף דיין
שטאט ירושלים אונ' אויף דיין בֿולק · אונזר ואטר דר בארמיגר
ואטר וויז אונש איין צייכֿן צו גוטם אונ' זאמיל אונזר ור שפרייטונג
בֿון ויר ענדן דער ערדן זא ווערדן זי דר קענן אונ' זי ווערדן ווישן
אל די בֿולקר דש דו בישט אונזר גאט אונ' הילף אונש אום ווילן דיינש
נאמן · אונ' איצונד גאט אונזר ואטר בישטו וויר זיין דער מורטר
אונ' דו בישט אונזר בישאפֿר אונ' ווערק דיינר הענד זיין וויר אל
צו מול הילף אונש אום ווילן דיינש נאמן · אונזר שופֿר אונזר
קיניג אונ' אונזר דר לוזער דר בארם דיך גאט איבר דיין בֿולק ·
אונ' ניט דו זולשט געבן דיין אירב צו שאנדן צו גיוועלטיגן אן אינן די

טוא מיט אונש אוים ווילן דיין נאמן · ניט דו זולשט בור לושן אונש
אונזר ואטר אונ' ניט דו זולשט לושן אונש אונזר בישעפר אונ' ניט
דו זולשט אונזר ור געשן איזוינ' וועגן גוט איין קונינ' איין לוייטזעלינר
אונ' איין דר בארמינר בישטו ·

אין כמוך · ניאנט איז אז דו איין לוייטזעלינר אונ'
איין דר בארמינר גוט אונזר גוט ניאנט איז אז דו
איין לאנצומר צו דר צוירנן אונ' ויל גנודא אונ' ווארהאיט · הויליג אונש אונ' דר בארם אונש · אונ' בור שטורים אונ'
בור צורן בשירם אונש געדענק צו דיינן קנעכטן צו אברהם צו יצחק
אונ' צו יעקב · ניט דו זולשט דיך קירן צו הערטיקייט דעש בולק דז
דוזינג צו זיינר בוזקייט אונ' צו זיינר זינד · ווידר קיר בון דיינם
גרים צורן · אונ' בדענק דיך אוינ' דש בוזא צו דיינם בולק · אונ'
טוא אב בון אונש דען טוט שלאק ווען איין דר בארמינר בישטו ·
ווען אזו איז דיין זיטן דז דו טושט גינוד אוים זונשט אין אל גיבוירד
אונ' גיבוירדא · דר בארם דיך גוט איבר דיין בולק אונ' בישירם
אונש בור דיינם צורן · אונ' טוא אב בון אונש שלאק דעש געהן
מורט · אונ' הערטי גזירות ווען דו בישט איין היטר ישראל · צו
דיר גוט איז די גרעכטיקייט · אונ' צו אונז איז דז ור שעמט אנגליט
· וואש זולן וויר קלאגן וואש זולן וויר זאגן וואש זולן וויר רידן · אונ' וואז
מיט זולן מיר זיך מאכן גרעכט · וויר וואלן זוכן אונזרן רעכטן וועג
אונ' וויר וואלן בורשן · אונ' וויר וואלן ווידר קירן צו דיר · ווען דיין
רעכטי האנט איז געשפרייט צו אנפאנגן די דא תשובה טון · איך
ביט דיך גוט הוליג נון · איך ביט דיך גוט מאך בגלויקן נון · איך ביט
דיך גוט ענטוורט אונש אן דעם טאג דא וויר דיך אן רופן · צו דיר
גוט וויר ווארטן צו דיר גוט וויר הופן · צו דיר גוט וויר הופן · ניט
דו זולשט שווייגן אונ' פייניגן אונש · ווען די זאגן די גוים זי איז ור
לורן איר הופנונג · אלי די דא קניאטן אונ' אל דיא דא אויג גריבט

זיין צו דיר אליין זי כאיינן זיך ·

**הַפּוֹתֵחַ** דער דא אופנט די האנט דיא תְּשׁוּבָה
צו אנפפאנגן בון דען מישטעטרן אונ׳
בון דען זונדרן · זיא איז דר שרוקן
אונזר זיל בון ויל אונזרן וויא טאמ ניט דו זולשט אונזר ור געשן
איוויקליך שטיא אוני אונ׳ הילף אונש ווען וויר בשוינן זיך אן דיך
אונזר ואטר אונזר קוינג וויר ווישן וואל דש קיין גוטי מַעֲשִׂים אן
אונש זיין טו מיט אונש צְדָקָה אוים ווילן דיין נאמן גדענק צו אונש
די זיכרהייט אונזרר אֲבוֹתֵ אונ׳ דש וויר עֵדוּת זאגן אל טאג גוט איז
איינג לונאן אונזר פיין ווען זי זיין ויל אונזרי וויא טג אונ׳ לאיידא
אונזרש הערצן · דר בארם דיך גוט אוני אונש אין לאנד אונזר
גילענקניש אונ׳ ניט דו זולשט ור גישן דיין גרים צורן אוני אונש
ווען וויר זיין דיין בולק קינדר דיינר זיכרהייט · גוט לון זיא גר
ארם איז אונזר איר אונטר דען בולקרן אונ׳ זי זר אונוורדימן אונז
אז אונריינקייט איינר נִדָּה ביז וויא לאנג זול זיין דיין הערליכקייט
אין גבענקניש אונ׳ דיין שונהייט אין האנד דעש יידיגר דר וויקא
דיין שטערק אונ׳ דיין ראכונג אוני דייני ויינדא זא ווערדן זי זר
שעמט אונ׳ ווערדן צו ברוכן בון אירר שטערק אונ׳ ניט זי זולן
דיך ווינג דונקן אונזרי מויא בלדא זי זולן אונש בוירדרן דייני
דר בארמיקייט אם טאג אונזרש לאיידש ניט אוים אונזרן ווילן
גוייארט אוים דיין ווילן וואורק אונ׳ ניט דו זולשט ור דערבן
גדעכטניש אונזר׳ אויבר בלייבונג אונ׳ וויטזעלינג דיין בולק ישראל
די דא איינינן דיין נאמן מיט ליבשאפט אונ׳ זאגן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְיָ
אֱלֹהֵינוּ יְיָ אֶחָד · הֶוֵר ישראל גוט אונזר גוט איז איין אייניגר גוט

**רַחוּם** דר בארמיגר אונ׳ וויטזעליגר איך הון גזוינט
צו בור דיר דער דא איז בול דר בארמיקייט
דר בארם דיך אויבר מיך אונ׳ אנפפנג מיין

גיבעט · גאט ניט מיט דיינם צורן זולשטו שטרופֿן מיך אונ׳ ניט
מיט דיינם גרים צורן זולשטו קעשטיגן מיך · ווייטצוגן מיך גאט
דען איין שוואכֿר בין איך הייל מיך גאט ווען זי זיין דר שרוקן מייני
גיבאיין אונ׳ מיין זיל איז דר שרוקן זיר אונ׳ דו גאט וויא לאנג ווילשטו
צו זעהן · ווידר קיר גאט בשירם מיין זיל הילף מיר אום ווילן
דיינר גינודא · ווען ניט אם טוט איז דיין גידעכֿטניש אין דער
גרובן ווער קאן דיך לובן · איך בין מודא מיט מיינם זויפֿצן איך
בזולפר אלי נאכֿט מיין בעט מיט מיינן טרעהרן מיין שפאן בעט איך
מאך בווייכֿט · עז איז ור וינשטרט בֿון צורן מיין אוגן עש איז
בֿור אלטרט אום ווילן אל מייני לאיידיגר · קירט אב בֿון מיר אלי די
דא ווארקן אונרעכֿט ווען גאט ער הוט גיהורט שטים מיינש וויינן
· ער הוט גיהורט גאט מיין גיבעט גאט מיין גיבעט ער ווערט אן
נעמן · זיא זולן ווערדן ור שעמט אונ׳ זיא זולן דר שרעקן זיר
אל מייני פיינדא · זי זולן ווידר קירן אונ׳ זיא זולן ווערדן ור שעמט
אז אין איינם אוגן בליק ·

**ה׳** אלהי ישראל גאט גאט ישראל ווידר קיר בֿון דיינם גרים
צורן אונ׳ בידענק דיך אוני׳ דש בוזא צו דיינם בֿולק ·

**הבט** לוג בֿום הימל אונ׳ זיך וויא מיר זיין גיווארדן
צו שפוט אונ׳ צו לאשטר אונטר דען בֿולקרן
וויר זיין גיאכֿט אז איין שוף דש צו שעכֿטן
ווערט גיברוכֿט צו דר שלאגן אונ׳ צו ור לירן אונ׳ צו שטראייכֿן אונ׳
צו שאנדן · ובכל זאת אונ׳ מיט דיזם אלן דיין נאמן האבן
וויר ניט ור געשן איך ביט דיך דו זולשט אונזר אויך ניט ור געשן
גאט גאט ישראל ·

**זרים** דיא ורעמדן זי זאגן וויר האבן קיין הופֿנונג נוך
קיין כו ור זיכֿט ווייטצוגן דש בֿולק דש צו

דיינם נאמן הופט דו ראיינר אונזר הילף׳ טוא גנעהן וואש וויר דר
ווערבן מיט שווערר ערבייט ווערט אונש ניט גלושן דייני דר
בארמיקייט זי זולן ביצווינגן דיין צורן בֿון אב אונש · אָנָא איך
ביט דיך ווידר קיר בֿון דיינם גרים צורן אונ׳ דר בארם דיין ליבש
בֿולק דש דו הושט דר וועלט · גָט גָט ישראל

**חוסה** דר בארם דיך גָט אויבר אונז מיט דיינר
דר בארמיקייט אונ׳ גיבא אונש ניט אין
הענדא דער אונדרבארמיגן ווארום
זולן זיא זאגן די בֿולקר וואו איז נון איר גָט אוים דיינט וועלן טו מיט
אונש גנוד אונ׳ זוים דיך ניט · אָנָא איך ביט דיך ווידר קיר
בֿון דיינם גרים צורן אונ׳ דר בארם דיין ליבש בֿולק דש דו הושט
דר וועלט · גָט גָט ישראל

**קולנו** אונזר שטים זולשטו הורן אונ׳ דו זולשט דיך
דר בארמן אונ׳ ניט דו זולשט לושן אונש אין
האנט אונזרר פֿיינד צו אב מעקן אונזרן נאמן
גדענק דז דו הושט גשווארן צו אונזרן אָבוֹת אז שטערן דעש הימל
וויל איך מירן אויירן זמן אונ׳ איצונד זיין וויר אויבר גבליבן ווינג
בֿון פֿיל · ובכל אונ׳ מיט דיזם אלן דיין נאמן האבן וויר ניט
פֿר געשן איך ביט דיך דו זולשט אונזר אויך ניט פֿר געשן גָט גָט
ישראל ·

**עזרנו** הילף אונש גָט אונזרר הילף׳ אוים וועלן איר
דיינש נאמן · והצילנו אונ׳ בשירם
אונש אונ׳ פֿר גיבא אוין׳ אונזרי זינדא אוים
וועלן דיינן נאמן · גָט גָט ישראל ווידר קיר בֿון דיינם גרים צורן
אונ׳ בידענק דיך אוין׳ דש בוזא צו דיינם בֿולק ·

**ואנחנו**

אונ׳ וויר ווישן ניט וואש
וויר זולן טון ווען אויף
דיך זיין אונזרי אויגן ·
גדענק דייני דר
בארמיקייט גאט אונ׳ ד
דייני גנודא דען פון
איוויגן זיין זיא עש
זול זיין דיין גנודא גאט
אויף אונש אז דש וויר
הופן צו דיר · ניט דו
זולשט גדענקן צו אונש
דיא זונדא דיא אירשטן
באלד זי זולן אונז פורדרן
דייני דר בארמונג ווען
וויר זיין זר ארמט זיר ·
ווייטזעלין אונש גאט
ווייטזעלין אונז ווען וויר
זיין גר זאט שאוכהייט
אין דיינם צורן דר
בארמיקאייט דו זולשט
גדענקן ווען ער וייש
אונזרי גדאנקן גדענק
דש וויר ערד זיין הילף

דש זאגט מן ווען מן סליחות זאגט

**שומר** ישראל הויטר ישראל בהויט די אויברין ישראל
אונ׳ ניט זיא זולן ווערדן פר לורן ישראל
די דא זאגן שמע ישראל ·

**שומר** גוי אחד הויטר דש פולק
דש איינין בהויט דז פולק
דש איינין אונ׳ ניט זיא זולן ווערדן פור
לורן דש פולק דש איינין די דא איינין
דיין נאמן גאט אונזר גאט גאט דער איינין

**שומר** גוי קדוש הויטר דעש
פולק דעש הייליגן בהויט
דש אויברין פולק דש הייליגן אונ׳ ניט
עש זול ווערדן פור לורן דאז פולק דש
הייליגן די דא זאגן דרייא מול הייליגן
הייליגן הייליגן ·

**מתרצה** דער זיך ביווילגט מיט
דר בארמונגן אונ׳ דער
דא ווירט איבר ריט מיט גבעט זייא
דיך ביווילגן אונ׳ זיי איבר ריט צו דעם
ארמן גבוירד דען זי האבן קיין אנדרן
העלפר ·

**אבינו** אונזר פאטר אונזר קונינג
ווייטזעלין אונש אונ׳
ענטוורט אונש ווען עש זיין קיין גוטי ו
ווערק אן אונש טו מיט אונש צדקה אונ׳

אונש גָט אונזרר הײלן׳   גבוֹדא אונ׳ הײלן׳ אונש ·
אױף װײלן איר דײנש
נאמן ·   אונ׳ בשירם אונש אונ׳ ור גיבא אונן׳ אונזרי זינדא אױף
װײלן דײן נאמן ·

דז זגט מן אל מעגטן אונ׳ דונרשטן אונ׳ אן אלן טאגן װען איין תַּעֲנִית
גִיבור איז

**אֶרֶךְ אַפַּיִם** גָט דער דא איז לאנגזם
צו דר צורנן אונ׳ פיל גינוד
אונ׳ װארהײט · ניט מיט
דײנם צורן דו זולשט שטרופן אונז · דר בארם דיך גָט איבר דײן
פֿולק אונ׳ הילף אונז פֿון אלם בוזן · װיר האבן גיזינדט צו דיר ליבר
הער ור גיבא אונז נון אז פֿיל דײנר דר בארמיקײט גָט ·

דז זאגט מן װען מן די סֵפֶר תּוֹרָה אויש װיל הֵיבן

**וַיְהִי** בִּנְסוֹעַ אונ׳ עש װאר דא ער צוך דער אָרוֹן אונ׳ ער
זאייט מֹשֶׁה · דר צאײנד דיך גָט אונ׳ זי װערדן זיך ור
שפראײטן דײני פֿײנדא · אונ׳ זי װערדן פֿליהן דײני
פֿײנדא פֿון פֿור דיר · װען פֿון צִיוֹן זי גײט אויש די תּוֹרָה · אונ׳ די
רֵיד גָטש פֿון יְרוּשָׁלַיִם ·

דש זאגט מן װען מן דען אָרוֹן װידר צו טוט נוך דעם
אויש היבן ·

**בָּרוּךְ** שֶׁנָּתַן · גילובט זײא גָט דער דא הוט געבן די
תּוֹרָה זײנם פֿולק ישראל מיט זײנר הײליקײט ·

דש זאגט מן די װײל דש דער חַזָּן גַדְלוּ זאגט

**לְךָ** יְיָ הַגְּדֻלָּה · צו דיר גָט איז די גרוֹסקײט · אונ׳ די
שטערק אונ׳ די שונהײט אונ׳ די איבר זיגונגא אונ׳
די שונהײט · װען אלש דז דא איז אים הימל אונ׳

אן דער ערדן צו דיר גוט איז דז קונינגרייך אונ' די דר היבונג איבר
אל דיא הייבט

**גדלו**

דש זאגט דער חזן ווען ער אויז גיהובן הוט
אכפרט צו גוט מיט מיר אונ' ויר וואלן דר הויבן
זיין נאמן מיט אנגדר ·

**רוממו**

דש זאגט מן ווען דער חזן גדלו הוט אויש גזאגט
דר הוהעט גוט אונזרן גוט אונ' נאייגט אייך
צו דעם שעמיל זיינר בויש האיילג איז ער
דר הוהעט גוט אונזרן גוט אונ' נאייגט
אייך צו זיינם האיילגן בערג · ווען ער איז האיילג גוט אונזר גוט ·

**וזאת**

דש זאגט מן ווען מן די ספר תורה אויף היבט
התורה · אונ' דש איז די תורה די ער טעט
משה צו בור קינדר ישראל ·

**יהללו**

דש זאגט דער חזן ווען ער מיט דער ספר תורה אויף שטיט אונ'
וויל איין היבן ·
זי זולן לובן דען נאמן גוטש ווען ער איז שטארק
זיין נאמן אליין

**הודו**

דש זגאטמן ווען דער חזן יהללו הוט זגאגט
זיין לובא איז אויף דער ערדן אונ' אים הימיל
אונ' ער הוט דער הובן דיא הערשאפט צו ·
זיינם בולק לובא צו אל זיינן חסידים צו קינדר
ישראל זיין נעשט בולק לובט גוט ·

דש זאגֿט אן וועֿן אן הוט איין גיהובן ווען אן דען אָרון ווידר צו הוט
גיטון

**ובנחה** אוֹב אין זיינם רואן ער זאייט רוא גֿט אונטר
ציהן טויזנט טויזנט ישראל ·

**קומה** דר צאייג דיך גֿט צו דיינר רוא · דו אוֹב שריין
דיינר שטערק ·

**כהניך** דייני כֹהֲנִים זי זולן אן קליידן גירעכֿטיקייט אוֹב
דייני חֲסִידִים זי זולן זינגן ·

**בעבור** אום ווילן דָוִד דיינן קנעכֿט ניט דו זולשט מאכֿן
ווידר קירן אנגֿליט דיינש גיזאלבטן ·

**עץ חיים** איין באום דעש איווגן לעבן איז דיא תּוֹרָה
צו דען דיא זיך שטערקן אן איר אוֹב איר
אונטר לאיינר ווערט גישטערקט ווען איין גוטי לערנונג הון איך
געבן צו אייך · איין תּוֹרָה זולט איר ניט ור לושן ·

**למנצח** מִזְמוֹר לְדָוִד אויבר זינגנא גזאנג צו דוד
· ער זול ענטוורטן דיר גֿט אם טאג דעש
לידש ער זול דיך שטערקן נאמן גֿט יעקבֿ
· ער זול זענדן דיין הולף בֿון דער הייליקייט אוֹב בֿון ציון ער
זול אונטר לאיינן דיך · ער זול גדענקן אל דייני פרייזנט אוֹב דייני
אופֿפר ער זול מאכֿן צו עשא אל ווען · ער זול דיר געבן אל דיינש
הערצן ווילן אוֹב אל דיין ראט ער זול דר בֿולן ווער וואלן זינגן אן
דיינר הולף · אוֹב מיט דעם נאמן אונזרש גֿט ווער וואלן אוף ריכֿטן
דש באניר ער זול דר בֿולן גֿט אל דייני היישונג · איצונד וויש איך
ואל דש ער הוט גיהולפֿן גֿט זיינם גיזאלבטן ער זול ענטוורטן אים
בֿון זיינם הייליגן הימיל מיט שטערק הולף זיינר רעכֿטן האנט ·
אֵיטליכֿי ור לושן זיך אוף אירי רווייטר אוֹב איטליכֿי אוף אירי

פפֿערד אבר וויר אן דען נאמן אונזרש גֹוט וואלן וויר גדענקן
זיא זי קניאן אונֿ זי ואלן אבר וויר וויר בלייבן שטין אונֿ זיין זיך
שטערקן גֹוט הילף דער קוניג זול אונש ענטוורטן אם טאג דא וויר
אין אן רופֿן ·

**וּבָא לְצִיּוֹן**
אונֿ ער ווערט קומן צו ציון דער
דר לוזער אונֿ צו דענן דיא דא
תְּשׁוּבָה טון פֿון איר מישטוט
אונטר יעקבֿ ער הוט גזאגט גֹוט · אונֿ איך דש דוזיג איז מיין
זיכרהייט דען איך האב גמאכֿט מיט זי ער זאגט גֹוט מיין נְבוּאָה
די אוף דיר איז אונֿ מייני רידא די איך האב גיטון אין דיין מונט זיא
זולן ניט ווערדן אב גיטון פֿון דיינם מונט אונֿ פֿון מונט דיינש זומן
אונֿ פֿון מונט זומן דיינש זומן ער הוט גזאגט גֹוט פֿון איצונט אן
ביז איוויג · אונֿ דו בישט איין הייליגר דער דא ווארטט דעש
לובש פֿון ישראל אונֿ ער רופֿט איין מַלְאַךְ צום אנדרן אונֿ ער
זאגט · קָדוֹשׁ הייליג הייליג הייליג איז גֹוט דער הֵיר עש
איז פֿול אל דש לאנד זיין איר ·

**וּמְקַבְּלִין**
אונֿ זי אנטפֿפֿנגן איינר פֿום אנדרן אונֿ
זי זאגן · קַדִּישׁ ער איז הייליג
אים הוהן הימל הויזא זיינר שְׁכִינָה
· ער איז הייליג אויף דער ערדן ווערק זיינר שטערק · ער איז
הייליג צו אימר אונֿ איוויג · גֹוט דער הֵיר עש איז פֿול אלי לאנדא
שונהייט זיינר ווירדיקייט ·

**וַתִּשָּׂאֵנִי**
רוּחַ · אונֿ עש דער הובא מיך איין
ווינט וָאֶשְׁמַע אונֿ איך הורט הינטר
מיר איין שְׁטים שטורמונג גרוש גלובט
זייא דיא אֵיר גֹוטש פֿון זייטר שטאט ·

**ונטלתני** רוחא · אונ׳ עש דר הובא מיך איין
ווינט · ושמעית בתרי · אונ׳ איך
הורט נוך מיר איין שטים שטורמונג
גרוש דיא דא לובטן אונ׳ זייטן גלובט זייא דיא ווירדיקאייט גוטש בון
שטאט הויז זיינר שכינה גוט ער ווערט קוניגן אויאר אונ׳ איוינג ·
גוט זיין קוניגרייך איז בשטעטיגט צו איוינג אונ׳ אויאר מיר · גוט
אברהם · גוט יצחק אונ׳ ישראל אונזרר בורדרן היט דיז צו איוינג צו
גידאנקן הערצן דיינש בולקש אונ׳ ביראייט איר הערץ צו דיר · אונ׳
ער איז דר בארמיג ער ור גיבט די זינדא אונ׳ ניט ער ור דערבט ·
אונ׳ ער מירט צו ווידר קירן זיין צורן אונ׳ ניט ער דר וויקט אל זיין
גרים צורן · ווען דו גוט דו בישט גוטא אונ׳ ור גיבשט אונ׳ טושט
ויל גנודא דען דיא דיך אן רופן · דיין גירעכטיקאייט איז איין
גירעכטיקייט איוינג אונ׳ דיין תורה איז ווארהפטיג · דו זולשט געבן
ווארהייט צו יעקב · גנודא צו אברהם · אז דש דו הושט גישווארן
צו אונזרן בורדרן בון דען טאגן בור מולש · גלובט זייא גוט בון טאג
צו טאג דער גוט ער זול אוני׳ לאדן אונז דער גוט דער דא איז אונזר
הילף אל וועגן · גוט דער הער איז מיט אונז איין שטערק צו אונש
איז גוט יעקב אל וועגן · גוט דער הער זעליג איז דער מענש דער
זיך ור זיכרט אן דיך · גוט הילף דער קוניג זול ענטוורטן אונש
אם טאג זא וויר אין אן רופן · גלובט זייא אונזר גוט דער אונש
בישאפן הוט צו זיינר איר · אונ׳ ער הוט אב גשיידן אונז בון דען
ור אירטן · אונ׳ ער הוט געבן אונש איין ווארהפטיגי תורה · אונ׳
דז איוינג לעבן הוט ער גפלאנצט צווישן אונש · ער זול אופן
אונזר הערץ אין זיינר תורה אונ׳ ער זול טון אונזר הערץ צו זיינר
ליבשאפט אונ׳ צו בורכטן אין צו טון זיינן ווילן · אונ׳ צו דינן אים מיט
גאנצם הערצן · דרום דש וויר ניט זולן זיך מויאן צו לעריקייט ·
אונ׳ דז וויר ניט זולן גיווינן צו דר שרעקניש אונ׳ אזו עז זול זיין ווילן

צו פֿור דיר · גָט אונזר גָט אונ׳ גָט אונזר פֿורדרן · דש וויר זולן הויטן דיין גִזֵיץ אין דיזן עוֹלָם · אונ׳ וויר זולן זיין ווירדיג דז וויר זולן גִלעבן דש וויר זולן אירבן גִוטש אונ׳ בענשונג צו יאר טעג דעש מָשִׁיחַ · אונ׳ צו לעבן דער וועלט דיא דא קומן ווירט · דארום ווערט מן דיר אִיר זינגן אונ׳ ניט שווייגן · גָט מיין גָט צו איוויג איך וויל לובן דיך · גִלובט זייא דער מאן דער זיך ור זיכֿרט אן גָט אונ׳ ער טוט אן גָט זיין ור זיכֿרונג · ור זיכֿרט אייך אן גָט ביז איוויג וואן מיט יָהּ הוט גָט די וועלט בישאפֿן · אונ׳ זי ווערדן זיך ור זיכֿרן אן דיך די דא קענן דיין נאמן · ווען דו גָט הושט ניא ור לושן דיא נוך דיר פֿורשן · גָט ער וויל אוים ווילן זיינר גִרעכֿטיקאייט ער אכֿפרט די תּוֹרָה אונ׳ שטערקט

עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ · אויף אונז איז צו לובן · דען דער אֵיין הער איז איבר אידרמאן · צו גֶעבן אכֿפרקייט צו דעם דער דא הוט בשאפֿן די ווערק פֿון בְּרֵאשִׁית · דרום דש ניט ער הוט בישאפֿן אונש אז דיא פֿולקר דער ערדן אונ׳ ניט ער הוט גימאכֿט אונש אז דיא גישלעכֿט דער וועלט · אונ׳ דרום דש ער ניט הוט גיטון אונזר טאייל אז איר טאייל · אונ׳ אונזר גוֹרָל אז אל איר ברוואונגא · אונ׳ וויר קניאען אונ׳ נאייגן זיך אונ׳ ביקענן פֿור דעם קוניג דער דא איז איין קוניג איבר אלי קוניג דער דא הוט גינאייגט דען הימל אונ׳ הוט גיגרונט וועשטיגט דיא ערדא אונ׳ גיזעש זיינר ווירדיקייט איז אים הימל אובן · אונ׳ שְׁכִינָה זיינר שטערק אין הֹוֶך דער הימל · הוא אֱלֹהֵינוּ · ער איז אונזר גָט אונ׳ קיין אנדרר · עז איז ווער ער איז אונזר קוניג אונ׳ איז קיינר מֵין אן אין · אז דא איז גישריבן אין דיינר תּוֹרָה · אונ׳ דו זולשט ווישן הוייט אונ׳ דו זולשט ווידר קירן צו דיינם הערצן · דש גָט איז דער רעכֿט גָט אובן אים הימל אונ׳ אויף דער ערדן אונטן איז קיינר מֵיר ·

# על כן נקוה

ך · דרום וויר הופן צו דיר
גוט אונזר גוט · צו זעהן בלד
אין שונהייט דיינר שטערק
· צו מאכן אויבר וארן אונוורדיקאייט בון דער ערדן · אונ' דיא
אבגוטר ור שניטן זי זולן ווערדן ור שניטן · צו ביראייטן דען עולם
מיט קוניגרייך דעש אלמעכטיגן · אונ' אלי קינדר דער קרעטורייער
זיא ווערדן אן רופן דיין נאמן · צו מאכן קירן זיך צו דיר אלי דיא
רשעים דער ערדן · זיא זוערדן דר קענן אונ' זיא ווערדן ווישן אל
זיצר דער ערדן · דש צו דיר זיא זולן קניאן אלי קניא זי זולן שווירן
אלי צונגן · צו בור דיר גוט אונזר גוט זיא ווערדן קניאטן אונ'
זיא ווערדן ואלן · אונ' צו איר דיינש נאמן ווירדיקאייט זיא ווערדן
געבן · אונ' זיא ווערדן אנפפנגן זיא אל צו מול דש יאך דיינש
קוניגרייכש אונ' דו זולשט קוניגן אויבר זיא באלד אוימר אונ' איוויג
· ווען דז קוניגרייך עז איז דיין אונ' אוימר אונ' איוויג דו ווערשט
קוניגן מיט איר · אז גשריבן איז אין דיינר תורה · גוט ער ווערט
קוניגן אוימר אונ' איוויקליך ·

תפילת ערבית

# והוא רחום

אונ' ער איז דר בארמיג ער
ור גיבט דיא זינדא אונ' ניט
ער ור דערבט · אונ' ער
מירט צו ווידר קירן זיין צורן · אונ' ניט ער דר וויקט אל זיין צורן
· גוט הילף דער קוניג זול ענטוורטן אונש אם טאג דא וויר אין אן
רופן חזן

# ברכו את יי המבורך

לובטש גוט דער דא איז גלובט ·

# ברוך יי המבורך לעולם ועד

גילובט זייא גוט דער דא איז גילובט צו אוימר אונ׳ אייוויג

**ברוך** אתה · גילובט זיישטו גוט אונזר גוט קוניג
דער וועלט · דער מיט זיינר רידא מאכט
וינשטר די אובנט מיט וויישהייט ער אופנט
דיא פפורטן · אונ׳ מיט ור שטענדיקייט ער ור ענדרט די צייט ·
אונ׳ ער ור וועכשילט דיא צייט · אונ׳ ער אורדנט דיא שטערן אין
אירר הויטונג איס היאל · נוך זיינם ווילן בישאפט ער טג אונ׳ נאכט
· ער טוט אב דש ליכט בון בור דער וינשטרניש · אונ׳ דיא
וינשטרניש בון בור דעם ליכט · אונ׳ ער מאכט אויבר וארן דען
טאג אונ׳ ברענגט דיא נאכט אונ׳ ער שאיידט צווישן טאג אונ׳ נאכט
גוט דער הער איז זיין נאמן · גוט דער לעבנדיג אונ׳ דער אייוויג
שטעטליך ער זול קוניגן אויבר אונז אייויקליכן · גילובט זיישטו גוט
דער דא מאכט וינשטר די אובנט ·

**אהבת** עולם · איין אייויגי ליבשאפט דיין בולק
ישראל דו הושט ליבא די תורה אונ׳ מצות
דיין אונ׳ גיריכט הושטו גילערנט אונש ·
דרום אזו גוט אונזר גוט זא וויר אונש ליגן אונ׳ זא וויר אויף שטין
וואלן וויר רידן אן דיינן גיבן · אונ׳ וויר וואלן זיך וראייען אין רידא
דיינר תורה אונ׳ אין דיין מצות אוימר אונ׳ אייויג · ווען זי זיין אונזר
לעבן אונ׳ לענגא אונזרר טעג אונ׳ אן אינן וואלן וויר טיכטן טאג אונ׳
נאכט · אונ׳ דיין ליבשאפט זולטו ניט אב טון בון אונז צו אוימר מיר
גילובט זיישטו גוט דער דא הוט ליבא זיין בולק ישראל · אל מלך

# אמת

עש איז וואר אונ׳ ווארהאפטיג · דש אלש אונ׳
איז בישטעטיגט אוין׳ אונז · דז ער איז אונזר
גאט אונ׳ ניאנט און ער · אונ׳ וויר זיין ישראל
זיין בֿולק · דער דא הוט דר לויזט אונש בֿון הענדא דער קוניגן
אונזר קוניגן דער אונז דר לוזט הוט בֿון טענר אלר שטארקן · דער
גאט דער זיך בצאלט בֿון אונזרן ווען בֿון אונזרן ליידיגרן אונ׳ דער
דא בצאלט ור געלטונג צו אלן ויינדן אונזרש לייבש · דער דא טוט
גרושי דינג דיא ניט צו בֿורשן זיין אונ׳ וואונדר און צאל · דער דא
הוט גיטון אונזר זיל אין דש לעבן אונ׳ ער הוט ניט לושן גלייטן אונזר
בֿוש · דער דא מאכֿט טרעטן אונש אוין׳ דיא הויך אונזרר ויינדא אונ׳
ער הוט דער הובן אונזר הערשאפֿט איבר אל אונזרי ויינד · דער
אונז הוט גיטון רעכֿונג אונ׳ צאייכֿן אן פַּרְעֹה צאייכֿן אונ׳ וואונדר אים
לאנד קינדר חָם דער דא הוט גישלאגן מיט זיינם צורן אל די אירשטן
צו מִצְרַיִם אונ׳ ער הוט אויז גיצוהן זיין בֿולק ישראל בֿון צווישן אין צו
ורייאונג איוויג · דער דא מאכֿט איבר וארן זיין קינדר צווישן דיא
שטויק דעש מֵירש אירי נוך יאגר אונ׳ אירי ויינד אין די אפגרונדא
ער הוט ור זענקט · זיא זוהן זיין קינדר זיין שטערק זיא לובטן
אונ׳ זי ביקענטן צו זיינם נאמן אונ׳ זיין קוניגרייך מיט גוטם ווילן זי
אנפֿינגן אוין׳ זיך משֶׁה אונ׳ קינדר יִשְׂרָאֵל צו דיר זי שרייאען איין
גיזאנג מיט גרושר ורייד אונ׳ זי זאייטן אל צו מול

# מִי כָמוֹךָ

ווער איז אז דו אונטר דען שטארקן
גאט · ווער איז אז דו בישונט מיט
האיליקייט בֿורכֿטזם לובא ער טוט
וואונדר ·

# מַלְכוּתְךָ

דיין קוניגרייך זיא זוהן דיין קינדר דו
שפאלטר דז מֵיר צו בֿור משה · דיזר איז
מיין גאט זיא שרייאען אונ׳ זיא זאייטן

גוט ער זול קוינינן אויער אונ׳ איווינ.

**וַיֹּאמַר** אונ׳ עש איז ווארדן גיזאגט ווען ער הוט גילובט גוט יַעֲקֹב · אונ׳ ער הוט דר לובט אין פון האנט איינש שטארקן מער דען ער גילובט זיישטו גוט דער דא הוט דר לובט ישראל :

**הַשְׁכִּיבֵנוּ** ·מאך ליגן אונש גוט אונזר גוט צו וריד אונ׳ מאך אונש ווידר אוין שטין · צו לעבן אונ׳ שפרייט איבר אונש אין גדיק דיינש ורידש אונ׳ בירייט אונש מיט גוטם רוטא צו פור דיר · אונ׳ הילף אונש אוים ווילן דיין נאמן אונ׳ בשירם אוים אונש אונ׳ טוא אב פון אונש דען ויינדא דען מורט אונ׳ דז שווערט אונ׳ דען הונגר אונ׳ טרויאעריקייט אונ׳ טוא אב דען שָׂטָן פון פור אונש אונ׳ פון הינטר אונש אונ׳ אים שאטן דיינר ועטיך דו זולשט פור בערגן אונש · ווען אונזר הויטר אונ׳ אונזר בשירמר בישטו · ווען גוט איין קונינג איין דר בארמיגר בישטו · אונ׳ הויט אונזר אויש גין אונ׳ אונזר קומן צו לעבן אונ׳ צו ורידא פון איצונט אן ביז אייביג גילובט זיישטו גוט דער דא בהויט זיין פולק ישראל איוויקליכן · דז זאגט מן אל שַׁבָּת אונ׳ אלי יָמִים טוֹבִים

**בָּרוּךְ** גילובט זייא גוט צו איווינג עש זייא ווער אונ׳ עש זייא ווער · גילובט זייא גוט פון ציון

**וּפְרוֹס** אונ׳ שפרייט איבר אונז איין גדיק דיינש ורידש גילובט זיישטו גוט דער דא שפרייט איין הויט דעש ורידש אויף אונש אונ׳ אויף אל זיין פולק ישראל אונ׳ אויף ירושלים · דש זאגט מן אל שבת

דער דא רוט צו ירושלים
לובט גֿט גלובט זייא גֿט
דער הער גֿט ישראל
ער טואט וואונדר אליין
אונ׳ גלובט זייא נאמן
זיינר איר צו אייוויג אונ׳
עש זול זיין בֿול זיין איר
אל דיא לאנדא עש זייא
וואר אונ׳ ווער וואר ·
די זול זיין די איר גֿטש
צו אייוויג · ער זול זיך
ורייאען גֿט אן זיינן וו
ווערקן ער זול זיין דער
נאמן גֿטש גלובט בֿון
איצונט אן ביש אייוויג ·
ווען גֿט ער בֿור לושט
זיין בֿולק ניט אים ווילן
זיינש נאמן דער גרוש
אכֿפר · ווען גֿט וויל
אייך מאכֿן צו אים צו
איינם בֿולק · אונ׳ עש
זאך אל דש בֿולק אונ׳ זי
זאגן אונ׳ זיא ווילן אויף
איר אנצליט אונ׳ זי זאייטן
גֿט איז דער רעכֿט גֿט ·

**ושמרו**
אונ׳ זיא זולן היטן
קינדר ישראל
דען שבת צו מאכֿן
דען שבת צו אירן גיבוירדן זיכֿרהאייט
אייוויג צווישן איר אונ׳ צווישן קינדר ישראל
זול דער שבת זיין איין צאייכֿן צו אייוויג
דש אין זעכֿש טאגן ער הוט בישאפֿן גֿט
הימיל אונ׳ ערד אונ׳ אם זיבנטן טאג ער
הוט גירואעט אונ׳ ער הוט גירואעט ·
דז זגט מן פסח אונ׳ שבֿועות אונ׳ סוכות

**וידבר**
אונ׳ ער רידט משה דיא
יָמִים טוֹבִים גֿוטש צו
קינדר ישראל ·

דש זאגט מן אם ראש הַשָּׁנָה

**תקעו**
טוטשעט אין דעם
מונעט דש שופֿר
אם בֿור הולגן טאג
אונזרש ווייערן ווען איין גזיץ צו ישראל
איז עש אונ׳ איין גריכֿט צו גֿט יעקבֿ ·

דש זאגט מן אן יום כִּפּוּרִים

**כי**
ווען אן דעם טאג דעם דינן ער
ווערט בֿור געבן אויף אייך צו
ראייניגן אייך בֿון אל אייערן זינדן צו
בֿור גֿט זולט איר זיין ראיין ·

גֿט איז דער רעכֿט גֿט · אונ׳ ער ווערט זיין גֿט צו קוינגן איבר
אל די וועלט · אם טג דעם זעלווין ער ווערט זיין גֿט איינג אונ׳ זיין

באמן איינן · זי זול זיין דיין גיבוד גָט אויף אונש אז דז וויר הופֿן צו
דיר · הילף אונש גָט אונזרר הילף אונ' זאמיל אונש אונ' בשירם
אונש בֿון דען בֿולקרן צו ביקענן צו דיינם הייליגן נאמן אונ' צו
ברויאן זיך מיט דיינם לובא · אלי בֿולקר דיא דו הושט בשאפֿן
זי ווערדן קומן אונ' זי ווערדן זיך נאייגן צו בֿור דיר אונ' זי ווערדן
ערן דיינן נאמן ווען אכֿפר בישטו אונ' איין טואטר וואונדר בישטו
גָט אליין דו אונ' וויר זיין דיין בֿולק אונ' שאף דיינר ווייזא וויר
וואלן דיך לובן צו איוויג צו גיבורדא אונ' גיבורדא וויר וואלן דר צילן
דיין לובא · גילובט זייא גָט בייא טאג גילובט זייא גָט בייא נאכֿט
גילובט זייא גָט זא וויר אונש ליגן גילובט זייא גָט זא וויר אויף
שטין · ווען אין דיינר גיוואלט זיין אל דיא זילן דער לעבנדיגן אונ'
דער טוטן דער דא הוט אין זיינר גיוואלט דיא זיל בֿון אל דעם דש
דא לעבט אונ' דש גמויט בֿון אל קרעטוייער דער מאנן ·
אין דיין גיוואלט ביבֿעל איך מיין גימויט דו הושט דר לוזט מיך גָט
ווארהאפֿטיגר גָט · אונזר גָט דער אים הימיל איז אייניג דיין נאמן
אונ' בשטעטיג דיין קוניגרייך שטעטליך אונ' קוניג איבר אונש
אויאר אונ' איוויג ·

יראו עינינו · זיא זולן זעהן אונזרי אויגן אונ' זול זיך
ורייען אונזר הערץ אונ' זול זיך ורייען
אונזר זיל אן דיינר הילף מיט ווארהייט זא מן
ווערט זאגן צו ציון ער הוט גיקוניגט דיין גָט גָט איז קוניג גָט הוט
גיקוניגט גָט ווערט קוניגן אויאר אונ' איוויג ווען דש קוניגרייך
איז דיין אונ' אויאר אונ' איוויג דו ווערשט קוניגן מיט ערן גילובט
בישטו גָט דער קוניג מיט זיינר ער שטעט ער זול קוניגן איבר
אונש אויאר אונ' איוויג אונ' איבר אל זייני ווערק ·

דז זאגט מן אל ורייטג צו נאכֿט

**אַתָּה קִדַּשְׁתָּ** דו דו הושט געהייליגט צו
דיינם נאמן דען טאג דען
זיבנדן בולענדונג ווערק
דעש הימיל או׳ דער ערדא · או׳ דו הושט געבענשט אין מיר דען
יעקב בון איינם בולק איינם שטאמלינג
דש זעלבינג מול איז גיווארדן יהודה צו
זיינר הייליקייט ישראל זיין געוועלטיקייט דש מיר זאך עש אונ
עש פלוך דער ירדן אוים רינגלט הינטר זיך דיא בערג שפראנגן
אז דיא ווידר דיא הויך אז די יונגן שוף וואש איז דיר דו מיר דז
דו פליהשט דו ירדן דש דו אוים רינגלשט הינטר זיך איר בערגן
דש איר שפרינגט אז דיא ווידר איר הויך אז דיא יונגן שוף בון
בור דעם הערן דער דא הוט בישאפן די ערדא בון בור גוט יעקב
דער דא פר קירט דיא פעלזן צו גימויזכט וואשר דיא שטארקן פילזן
צו קוועל ברונן וואשר ·

## ברוך

אתה · גילובט זיישטו גוט אונזר גוט קוניג
דער וועלט דער דא הוט דר לוזט אונש
אונ הוט דר לוזט אונזר אילטרן בון מצרים
ער הוט מאכן גירייכן אונש דיא נאכט דיא דוזיג צו עשן דראן מצה
אונ מרור · אזו גוט אונזר גוט אונ גוט אונזרר בורדרן ער זול מאכן
גיראייכן אונש צו ימים טובים אונ צו רגלים אנדרי דיא דא קומן
גיגן אונש צו ורידא ורא‌יידיג אין דעם באויא דיינר שטאט ירושלים
אונ ורוליך אין דיינם דינשט אונ אלדא וואלן וויר עשן בון דען
שעכטונג · אונ בון דען קרבן פסח דש עש ווערט גיראייכן איר
דם אוין ווענדא דיינש מזבח צו גנעם וילן אונ דען וואלן וויר דיך
לובן מיט איינם נויען גזאנג אוים אונזר לוזונגא אונ אום לוזונגא
אונזרש לייבש גילובט זיישטו גוט דער דא הוט דר לוזט ישראל ·

נון מאכט מן ברכה אונ טרינקט אונ וועשט דיא הענדא אונ מאכט
דען סדר בולענט אויש אז איך בורנן גישריבן האב · אונ ווען מן
געשן הוט זא אישט מן דען אפיקומן דען בענשט מן אונ טרינקט

אבר ברכה דארנוך שפערט אן דיא טויר אוי׳ אונ׳ זאגט שפוך אונ׳
הלל בוולנט אויש אלש וויא עש נוך אננדר שטיט

**שפוך**

ור גיסא דיין צורן אוי׳ דיא בולקר · די דיך
ניט דרקענן אונ׳ אוי׳ דיא קוניגרייך דיא
דיין נאמן ניט אן רויפן ·

**לא לנו**

ניט אונש אונזרן וולן גוט ניט אונש
אונזרן וולן · נוייערט צו דיינם
נאמן גיבא איר אונש וולן דיין גינוד
אונ׳ אונש וולן דיין ווארהייט · ווארום זולן דיא זאגן דיא בולקער וואו
איז נון איר גוט אונ׳ אונזר גוט דער איז אין הימל אלש דש ער וויל
דש טוט ער · אבר אירי בילדר זיין זילבר אונ׳ גולדא וועריק הענדא
דעש מענשן : זיא האבן איין מונט אונ׳ קונן ניט רידן · זיא האבן
אויגן אונ׳ קונן ניט זעהן · זיא האבן אורן אונ׳ קונן ניט הורן · זיא
האבן איין נאז אונ׳ קונן ניט שמעקן · זיא האבן הענד אונ׳ קונן ניט
טאשטן · זיא האבן בויש אונ׳ קונן ניט גין · זיא קונן ניט רידן מיט
אירר קעלן אז זיא זיין אזו זולן זיא אויך זיין דיא זיא מאכן אונ׳ אלי
דיא זיך ור זיכרן אן זיא · ישראל ור זיכר דיך אן גוט איר הולף אונ׳
איר שילטא איז ער · גזינדא אהרן ור זיכרט אויך אן גוט איר הולף
אונ׳ איר שילטא איז ער · בורכטר גוטש ור זיכרט אויך אן גוט איר
הולף אונ׳ איר שילטא איז ער ·

**ה׳ זכרנו**

יברך גוט אונזרי מאנש באמן ער זול
בענשן : ער זול בענשן גזינד ישראל
ער זול בענשן גזינדא אהרן · ער זול
בענשן דיא בורכטר גוטש דיא קליינן מיט דען גרושן · ער זול מירן
גוט אוי׳ אויך אוי׳ אונ׳ אוי׳ אוייערי קינדר · גיבענש זולט
איר זיין צו גוט דער דא הוט בישאפן הימל אונ׳ ערדא · דיא הימל
זען הימל צו גוט אונ׳ די ערד הוט ער געבן צו קינדר דעש מענשן

דיא טוטן קוינן ניט לובן גאט אונ׳ אויך ניט אלי דיא דא נידרן אין
דיא גרובא · אבר וויר וואלן לובן גאט בון איצונד אן ביש איוויג לובט
גאט

# אָהַבְתִּי

איך האב גאר ליבא ווען ער הורט גאט
שטים מיינש גיבעטש ווען ער נאייגט
זיין אור צו מיר אונ׳ אין מיינן טאגן וויל
איך אין אן רויפן ווען זיא אום רינגלן מיך דיא ווייאן דעש טוטש
אונ׳ לאיידא דער גרובן זי וינדן מיך · אודר ווען לאיידא אונ׳ אונמוט
איך אנפפינד דען אן דען נאמן גאטש איך אן רוף · איך ביט דיך
גאט מאך אנטרינן מיין לייבא · איין דר בארמיגר איז גאט אונ׳ איין
גירעכטר אונ׳ אונזר גאט ער דר בארמט זיך · ער הויט די טורן גאט
איך בין בור ארמט אונ׳ ער הוט מיר געהולפן · ווידר קיר מיין לייבא
צו דיינר רוא ווען גאט הוט ור גולטן אויף דיך · ווען דו הושט אויש
גצוהן מיין לייבא בום טוט מיין אויגן בון טרעהרן מיין בוש בון ור
שטושונגא · איך ווער נוך גין צו בור גאט אים לאנדא דעש לעבן ·
איך האבש גגלויבט אונ׳ האבש אויך גירעט דא איך שון בין גיוועזן
ארם זיר · אונ׳ האבש גיזאגט דא איך בין איילנדין גיפלוהן בור שאון
דש אלי די מענשן דיא דא זאגן איך ווער ניט אלך ווערדן דיא לויגן ·

# מָה אָשִׁיב

ייי וואש זול איך ווידר קירן צו
גאט אל זיין ור געלטונג איז אויף
מיר איין בעכר דער הולף וויל
איך אויף היבן אונ׳ דען נאמן גאטש וויל איך אן רופן מיין גילובניש
צו גאט וויל איך בצאלן איצונט גיגן אל זיינם בולק ער איז ווירדיג אין
אויגן גאטש דער טוט צו זיינן בידרן · איך ביט דיך גאט ווען איך
בין דיין קנעכט איך בין דיין קנעכט זון דיינר מאיידא דו הושט
גיאופנט מייני בינד ריאן צו דיר וויל איך שעכטן שעכטונגא

ביקענונגא אונ׳ דען נאמן גוטש וויל איך אן רופֿן   מיין גילובניש צו
גוט וויל איך בצאלן איצונד גיגן אל זיינם פֿולק אין דעם הופֿא הויזא
גוטש אין צווישן ירושלים לובט גוט ·

**הַלְלוּ** לובט גוט אלי פֿולקר לובט אין אלי קוניגרייך
ווען עש איז שטארק איני אונש זיין גינודא
אונ׳ די ווארהייט גוטש איז איוויג לובט גוט ·

**הוֹדוּ** לובט צו גוט ווען ער איז גוטא
ווען צו איוויג איז זיין גינודא

**יֹאמַר** ער זול זאגן פֿון ישראל
ווען צו איוויג איז זיין גינודא ·

**יֹאמְרוּ** זיא זולן זאגן פֿון גישלעכט אַהֲרֹן
ווען צו איוויג איז זיין גינודא ·

**יֹאמְרוּ** זיא זולן זאגן פֿון פֿורכֿטר גוטש
ווען צו איוויג איז זיין גינודא ·

**מִן הַמֵּצַר** פֿון דער ענגא איך הון גרופֿן גוט
ער הוט גיענטוורט מיר. אין דער
וויט גוט · גוט איז מיט מיר אונ׳
איך פֿורכֿט מיך ניט וואש וויל מיר איין מענש טון גוט איז מיט מיר
אונטר מיינן העלפֿרן אונ׳ איך וויל זעהן רוכֿונג אן מיינן ויינדן ·
עש איז בֵישר צו בישויצן אן גוט מֵיר דען צו פֿור זיכֿרן אן איין
מענשן   עש איז בישר צו בישויצן אן גוט מיר דען צו פֿור זיכֿרן
אן דיא הערן · אלי פֿולקר האבן אומ רינגלט מיך מיט דעם נאמן
גוטש וויל איך ור שניידן זיא · זיא הון אומ רינגלט מיך אונ׳ איך

אוים קרייסט מיך מיט דעם נאמן גֿטש וויל איך ור שניידן זי · זי
האבן אוים רינגֿט מיך אז די בינן זי זיין בֿור שפרונגן אז אין איינם
בֿוייאר דיא דֿורנער שפרינגן מיט דעם נאמן גֿטש וויל איך בֿור
שניידן זיא · ור שטושן דו הושט ור שטושן מיך צו ואלן אוב
גֿט הוט גיהולֿפֿן מיר · דיא שטערק אוב דיא ור שניידונגֿ
גֿטש איז גיוועזן צו מיר צו הולף · איין שטים גיזאנגֿ אוב הולף
אין גיצעלט דער גירעכֿטן · דיא רעכֿט האנט גֿטש זיא טוט קראפֿט
דיא רעכֿט האנט גֿטש זיא איז הוך דיא רעכֿט האנט גֿטש זיא
טוט קראפֿט · ניט איך וויל שטערבן נוייארט איך וויל בלייבן לעבן
אוב איך וויל דער צילן דיא ווערק גֿטש · גיקעשטיגט ער הוט
גיקעשטיגט מיך גֿט אוב דעם טוט הוט ער ניט איבר ענטוורט
מיך · אופֿנט מיר דיא פֿפֿורטן דער גירעכֿטיקייט איך וויל אין זי
קומן איך וויל לובן גֿט · דיזש איז דש טור גֿטש דיא גירעכֿטן זולן
דריין קומן ·

## אוֹדְךָ

איך וויל לובן דיך גֿט ווען דו הושט גיענטוורט
מיר אוב בישט גיוועזן מיר צו איינר הולף ·

אודך אֶבֶן איין שטיין האבן ור שמעכֿט
דיא באויא מאיינשטר אוב ער איז גיווארדן צו איינם איק שטיין ·
אבן מֵאֵת בֿון גֿט איז דש גישעהן עש איז איין וואונדר אין אונזרן
אויגן · מאת זֶה הַיוֹם דיזן טאג הוט בישאפֿן גֿט וויר וואלן
ורוליך זיין אוב וויר וואלן אונש ורייאן אן אים · זה היום

**אָנָּא** איך בית דיך גֿט הולף נון ·

**אָנָּא** איך בית דיך גֿט הולף נון

**אָנָּא** איך בית דיך גֿט מאך ביגליקן נון ·

**אנא** איך ביט דיך גוט מאך בינוויקן נון :

## ברוך

הבא גילובט זייא דער דא קומט אין נאמן גוטש ויר האבן גיבענשט אייך פֿום הויזא גוטש · ברוך · אל יי גוט דער הער הוט דר לוייכֿט אונש בינדט די קרבנות פֿום בויערטאגן מיט דיקן זאיילרן אן די איקן דעש מזבח ביז דש מן זי צו קרבן ברענגט אל יי · אלי אתה מיין גוט בישטו אונֿ איך ויל לובן דיך מיין גוט אונֿ איך ויל דער הוהן דיך · אלי · הודו לובט צו גוט ווען ער איז גוט ווען צו איוויגן איז זיין גינודא ·

## יהללוך

זיא לובן דיך גוט אונזר גוט אל דייני וערק · אונֿ דייני חסידים די צדיקים די דא טון דיינן ווילן · אונֿ אל דיין פֿולק גיגדא ישראל מיט גיזאנג זיא לובן אונֿ זיא לובן אונֿ זיא לובן אונֿ זיא בישונן אונֿ זיא דר הוהן אונֿ זיא שטערקן אונֿ זיא האיילין אונֿ זיא מאכֿן קונינן דיין נאמן אונזר קונינג · ווען צו דיר איז גוט צו לובן אונֿ צו דיינם נאמן זימט וואל צו זינגן · ווען פֿון איוויג ביז איוויג בישטו גוט גילובט זיישטו גוט דער קונינג דער דא ווערט גילובט מיט לובא

## הודו

לובט צו גוט ווען ער איז גוט ווען צו איוויג איז זיין גינוד : לובט צו דעם גוט איבר אלי גוטער · ווען צו איוויג איז זיין גינוד · לובט צו דעם הער איבר אל די הערן ווען צו איוויג איז זיין גינוד · צו דעם דער דא טוט גרושי וואונדר איין · ווען צו איוויג איז זיין גינוד · צו דעם דער דא הוט בישאפֿן דיא הימיל מיט ור נופֿט ווען צו איוויג איז זיין גינוד · צו דעם דער דא הוט גשפראייט דיא ערד אוין דיא וואשר ווען צו איוויג איז זיין גינוד · צו

דעם דער דא הוט בישאפן דיא ליכטר די גרושן ווען צו איוויג איז
זיין גנוג · דיא זון דש זיא זול געוועלטיגן בייא טאג ווען צו
איוויג איז זיין גנוג · דיא לבנה אונ' דיא שטערן דז זיא זולן
געוועלטיגן בייא נאכט : ווען צו איוויג איז זיין גנוג ·
צו דעם דער דא הוט געשלאגן די מצריים
מיט אירן ערשטן ווען צו איוויג איז זיין גנוג · אונ' ער האט
אויש גיצוהן ישראל בון צווישן אין ווען צו איוויג איז זיין גנוג ·
מיט מאכט שטארק אונ' מיט ארם געשטרעקט ווען צו איוויג איז
זיין גנוג · צו דעם דער דש מיר הוט געשניטן צו שטיקן
ווען צו איוויג איז זיין גנוג · אונ' ער הוט מאכן איבר וארן
ישראל אין צווישן אים ווען צו איוויג איז זיין גנוג · אונ' ער
האט געשטירצט פרעה אונ' זיין היר אין דז מיר רורעכט ווען צו
איוויג איז זיין גנוג · צו דעם דער דא הוט געבוירט זיין בולק
אין דער וואושטנייא ווען צו איוויג איז זיין גנוג · צו דעם
דער דא הוט געשלאגן דיא גרושן קוניג ווען צו איוויג איז זיין גנוג
אונ' ער הוט דר שלאגן דיא קוניג דיא שטארקן ווען צו איוויג
איז זיין גנוג · סיחון קוניג דער אמורי ווען צו איוויג איז זיין
גנוג · אונ' עוג קוניג דער בשן ווען צו איוויג איז זיין גנוג ·
אונ' ער הוט געבן איר לאנד צו איינר ירבא ווען צו איוויג איז זיין
גנוג · איין ירבא צו ישראל זיינם קנעכט ווען צו איוויג איז
זיין גנוג · דער אין אונזרם שפלות הוט אונזרר גידוכט ווען
צו איוויג איז זיין גנוג · אונ' ער הוט אונז לדיג גימאכט בון
אונזרן לאיידיגרן ווען צו איוויג איז זיין גנוג · ער גיבט שפייז
צו אלן קרעטוייערן ווען צו איוויג איז זיין גנוג · לובט צו דעם
גוט דער דא איז אים הימל ווען צו איוויג איז זיין גנוג · זינגט
איר צדיקים אן גוט צו דען רעכט ווערטיגן צימט וואל צו לובן ·

**נשמת** דיא זיל פון אלם דש דא לעבט דיא זול לובן
דיין נאמן גאט אונזר גאט · אונ׳ גיאוויט אלר
קרעטוייאר זי זול בישונן אונ׳ זול דר הוהן
דיין גרעכטניש אונזר קוניג שטעטליך · פון איוויג אונ׳ ביש איוויג
בישטו גאט · אונ׳ און דיך אליין איז קיין קוניג איין דר לזר אונ׳ איין
העלפר · דער דא דר לזט אונ׳ בישיראט אונ׳ שפייזט אונ׳ דר
בארמט זיך אין אל צייט לאייד אונ׳ בצוועקניש · וויר האבן קיין
קוניג נוייארט דיך · גאט דער אירשטן אונ׳ דער הינטרשטן גאט
אלר בישעפניש איין הער אלר געבורדא דער דא ווירט גילובט מיט
ויל לובש · דער דא פוירט די וועלט מיט גינוד אונ׳ זייני בישעפניש
מיט דר בארמיקייט · אונ׳ גאט ניט ער שלומט אונ׳ ניט ער שלופט
דער דא דר וועקט דיא שלופנדיגן · אונ׳ דער דא מאכט אנטוואכן
די אנטשלומטן · אונ׳ דער דא מאכט רידן דיא שטומן אונ׳ דער דא
מאכט לידיג די געפאנגנן · אונ׳ דער דא אונטר ליינט דיא ואלנדיגן ·
אונ׳ דער דא אויף ריכט דיא גיבוקטן · צו דיר אליין וויר ביקענן ·
וער אונזר מונדא פול גיזאנגא אז דש מייר · אונ׳ אונזר צונג אז
ברוזונג זיינר אוינדן · אונ׳ אונזר לעפצן אז די וייטי דעש הימלש
· אונ׳ אונזרי אויגן אז דיא זון אונ׳ דיא לבנה · אונ׳ אונזרי הענד אז
דיא אדלר דעש הימלש · אונ׳ אונזרי פויש אז דיא הינדן ·
דענוך קוינטן וויר דיך ניט גינוג לובן גאט אונזר גאט אונ׳ גאט אונזרר
פורדרן אונ׳ צו לובן דיין נאמן אויף איינש פון טויזנטן טויזנט
טויזנט מול טויזנט אונ׳ ויל מול ציהן טויזנט אלר טובות דיא דו
הושט גיטון מיט אונזרן פורדרן אונ׳ מיט אונז · פון מצרים הושטו
דר לזט אונז גאט אונזר גאט · אונ׳ פון דעם הויז דא וויר זיין גיוועזן
קנעכט הושטו גילוזט אונז · אום הונגר הושטו גישפייזט אונז אונ׳
מיט זאטקייט הושטו גישפייזט אונז פום שווערט הושטו
בישירמט אונז אונ׳ פון דעם דבר הושטו מאכן אנטרינן אונש אונ׳

פֿון פֿיל בוזן קראנקהייטן הושטו אונש דר הובן · ביש אל הער זיא
האבן גיהולפֿן אונש דייני דר בארמיקייט · אונ׳ ניט זיא האבן אונש
פֿר לושן דייני גינודא גוט אונזר גוט אונ׳ דו זולשט אונש ווייטר אויך
ניט לושן גוט אונזר גוט איוויקליכן · אוים אזו דיא גלידר די דו הושט
גיטאיילט אן אונש · אונ׳ דען אוטם אונ׳ דיא נְשָׁמָה דיא דו הושט
גיבלוזן אין אונזר נאז לוכֿר · אונ׳ דיא צונגא דיא דו הושט גיטון אין
אונזר מונדא · פֿון זיא זי זולן ביקענן אונ׳ זיא זולן לובן אונ׳ זיא זולן
לובן אונ׳ זיא זולן בישונן אונ׳ זיא זולן דר הוהן אונ׳ זיא זולן שטערקן
אונ׳ זי זולן האיילגן אונ׳ זי זולן מאכן קוניגן דיין נאמן אונזר קוניג.
ווען איין איטליכש מונדא צו דיר עש ביקענט אונ׳ איין איטליכי
צונגא צו דיר זיא שווירט · אונ׳ איין איטליכש קניא עש קניאעט צו
דיר אונ׳ אלש דש אויג גיריכט גיט צו פֿור דיר עש איז זיך נאייגן
אונ׳ אלי די הערץ זיא פֿורכטן דיך אונ׳ אלי גידאנקן אונ׳ גידאנקן זיא
זינגן צו דיינם נאמן · אז דיא רידא דיא דא איז גשריבן אל מייני
גיבאיין זיא זולן לובן גוט ווער איז אז דו · ער בישירמט דען ארמן
פֿון דעם דער דא איז שטערקר מֵיר דען ער · דען ארמן אונ׳ דען
בידורפֿטיגן פֿון זיינם ראויבער · ווער קאן זיך גלייכן צו דיר אונ׳
ווער קאן זיך אכטן גיגן דיר · אונ׳ ווער קאן זיך שעצן צו דיר · דער
גוט דער גרוש אכפר אונ׳ דער שטארק אונ׳ דער פֿורכטזם גוט
דער אוברשט דער דא הוט בישאפֿן מיט זיינר דר בארמיקייט די
הימיל אונ׳ דיא ערדא · וויר וואלן לובן דיך אונ׳ וויר וואלן לובן דיך
אונ׳ וויר וואלן בישונן דיך אונ׳ וויר וואלן לובן דיין האיילגן נאמן אז
דא איז ווארדן גזאגט דורך דָוִד לוב מיין זֵיל גוט אונ׳ אל מייני גדאנקן
זיין האיילגן נאמן · דער גוט מיט שטערק דיינר מאכט דער
אכפר מיט אֵיר דיינש נאמן · דער שטארק צו איוויג אונ׳ דער
גרויזאם מיט דיינר פֿורכטזמקאייט · דער קוניג דער דא זיצט
אויף דעם שטול הוך אונ׳ דר הובן ער רואעט איוויג הוך אונ׳ הייליג.

איז זיין נאמן · אוב' עש איז געשריבן זינגט איר צדיקים אן גוט צו
דען רעכֿטווערטיגן ציאט וואל צו לובן אין מונד דער רעכֿטווערטיגן
דו ווערשט געלובט · אוב' מיט רידא דער צדיקים דוווירשט געלובט
אוב' מיט שפרוך דער חסידים דו ווערשט דר הויכֿט · אוב' אין
גידאנקן דער הא[י]ליגן דו ווערשט געהאייליגט

**ובמקהלות**

אוב' אין זאמלונג ויל ציהן מאל טויזנט דיינש בֿולקש גיינדא ישראל מיט געזאנג ער ווערט בישונט דיין נאמן אונזר קונינג אין אל גיבוירד אוב' גיבוירד דען אזו איז די שולדא בֿון אל דען בישעפֿניש צו בֿור דיר גוט אונזר גוט · אוב' גוט אונזרר בֿורדרן צו ביקענן צו לובן צו רומען צו לובן צו בישונן צו דר הוהן צו בישונן צו לובן צו הוך לובן אוב' צו לובן אויבר אן רידא געזאנג אוב' לובא דוידש זון ישי דיינש קנעכֿטש דיינש געלבטן ·

**ישתבח**

ער זול זיין געלובט דיין נאמן איווינג אונזר קונינג דער גוט דער קונינג דער אכֿפר אוב' דער הא[י]ליג אים הימל אוב' אן דער ערדן · ווען צו דיר ציאט וואל גוט אונזר גוט אוב' גוט אונזרר אילטרן געזאנג אוב' לובא לובא אוב' לובא געזאנג שטערק אוב' געוואלטיקאייט אויבר זיגונג אכֿפרקייט אוב' שטערק לובא אוב' שונהייט האייליקייט אוב' קונינרייך לובא אוב' ביקענונג בֿון איצונד אן ביש איווינג געלובט זיישטו גוט דער קונינג דער אכֿפר מיט לובא · גוט אלר לובא דער דא דר ווילט אן געזאנג דעש לובא געזאנג דער קונינג גוט דער דא לעבט איוויקליכֿן

אז רוב ניסים זאנגט מן דיא אירשט נאכֿט בֿון פסח

**אז רוב נסים**

בֿור צייטן ויל צאייכֿן הושטו געוואונדרט אן דער נאכֿט אם אנפֿאנג בֿום מיטרשטן

דריטייל בון דער דוזין נאכט אברהם דער דא וואר איין גירעכטער
גר דו מאכשט אויבר זיין אין די ויר קונינג אז דא וואורד גיטאיילט צו
אים דיא נאכט אונ׳ עש וואר אוים דיא מיטר נאכט ·

**דבת** דו הושט גיריכט אבימלך דען קונינג בון גרר
מיט טרוים דער נאכט · דו הושט מאכן
בורכטן לבן דען ארמי אין דער וינשטרן
נאכט · אונ׳ ישראל ער הערשט צו דעם מלאך אונ׳ ער ור מוכט אין
בייא דער נאכט · אונ׳ עש וואר אוים דיא מיטר נאכט ·

**זרע** זומן דער בכורים בון מצרים דו הושט גיוואונדט
אין דער מיטר נאכט · איר קינדר ניט זיא בונדן
דא זיא אויף שטונדן אין דער נאכט · סיסרא
דען הערן בון חרושת הושטו בור טרעטן מיט שטערן דער נאכט
אונ׳ עש וואר אוים דיא מיטר נאכט ·

**רצץ** ער ריט סנחרב דער גוטש לישטרער צו אויף
היבן זיין הנט אויף די וישטינג שטאט ירושלם
דו הושט בור שעמט זייני קוירפל בייא דער
נאכט · ער וואורד אומטר טענין נבוכד נצר אונ׳ זיין היר
אין דער וינשטרן נאכט · צו דעם וישטיגן מן דניאל וואורדא
אנפליקט דיא בור בוירקניש בון דער נבואה דער נאכט · אונ׳ עז
וואר אוים דיא מיטר נאכט ·

**משתבר** בלשצר טראנק זיך טרונקן אויש דען
גיבעש בון דעם בית המקדש דרום
וואורד ער דר שלאגן אין דער זעלבן
נאכט · ער וואורדא גיהולפן אויש דער ליוואן גרובן דניאל דער
בישאיידר דר שרעקניש דער נאכט · אייןויינטשאפט ער הויטט
המן דער אגגי אונ׳ ער שרייב בריב בייא דער נאכט · אונ׳ עש
וואר אוים דיא מיטר נאכט ·

**עוררת**

דו האשט דר וועקט דיין אויבר זיגן אויף
אין דא דעם קונינג אחשורוש זיין שלאף
ור וואגט אין דער נאכט · איין קעלטר
דו וואשט טרעטן צו ישראל די דא זיין געווילכן צו איינם וועלכר דער
דא ורעגט וואש צייט איז עש פון דער נאכט · ער שרייאט
דער אנדר וועלכר אונ׳ שפריכט עז איז קומן דער מורגן פון דער
גאולה אונ׳ אויך דיא נאכט · אונ׳ עש וואר אוים די מיטר נאכט ·

**קרב**

גינעך דען טאג דער דא ניט איז ווידר טאג נוך
נאכט · הוהער גאט לוש ווישן דז דיין איז דער
טאג אונ׳ דיא נאכט · וועלכר זולשטו ביפעלן
צו דיינר שטאט דען גאנצן טאג אונ׳ דיא גאנ׳ן נאכט · דו זולשט דר
לייכטן אז ליכט דעש טאגש דיא וינשטרניש פון דעם גלות דש דא
איז געווילכן צו דער נאכט ·

אומץ גבורתך זגט מן די אנדר נאכט פון פסח ·

**אומץ**

גבורתיך קראפט דיינר שטערק דו האשט
גיוואונדרט אים פסח · איין האייבט אלר
ימים טובים דו האשט דר הובן פסח · דו
האשט דיך דר צאייגט צו אברהם אים דיא מיטר נאכט פון פסח ·
אונ׳ איר זולט זאגן שעכטונגא קרבן פסח ·

**דלתיך**

אן זיין טויר פון אברהם דו האשט גיקלופט
אן דער היץ דעש טאגש אים פסח ער
מאכט איין סעודה דען מלאכים מיט קוכן
מצות אים פסח · אונ׳ צו דעם רינד ער ליף גידעכטניש צו דעם
אוכשן דען מן אן ריכט צו קרבן אים פסח · אונ׳ איר זולט זאגן
שעכטונגא קרבן פסח ·

**זעמוך**

גאט צורנט אויף דיא סדומיים אונ׳ זי ווארן
ור ולאמט אים פויער אים פסח ער ווארד

אויש גיצוהן לוט בון אינן · אונ׳ ער בוך מצות אם ענדא בון פסח ·
דו הושט אויש גיקירט דש לאנדא בון מצרים אין דיינם איבר וארן
אים פסח · אונ׳ איר זולט זאגן שטעטונג קרבן פסח ·

**יָהּ**

גאט דיא האייבטר בון אל אירן בְּכוֹרִים דו הושט
גיוואונדט אין דער נאכט בון פסח · שטארקר
גאט אוני׳ די אירשטן בון ישראל דו הושט איבר
הופסט אים ווילן דש בלוט בום קרבן פסח · צו ניט לושן קומן דען
ור דערבער אין מיין טוירן אים פסח · אונ׳ איר זולט זאגן שטעטונג
קרבן פסח ·

**מְסֻגֶּרֶת**

בישלושן זיא וואר בישלושן יְרִיחוֹ אין
דער צייט בון פסח · זיא וואר בור
טילגט די שאר בון מִדְיָן אים ווילן דען
קוכן בון גערשטן דען אין ברוכט צו עומר אים פסח · זי וואורדן
ור ברענט דיא הערן בון סַנְחֵרִיב מיט ברענדיגן ברענדן אים פסח
· אונ׳ איר זולט זאגן שטעטונגא קרבן פסח ·

**עוֹד**

סַנְחֵרִיב וואלט דען זעלבן טאג אין נוב בלייבן ביז
דש עש גיראייכט דיא צייט בון פסח · איין
שטויק האנט זיא שראייבא צו אויש גראבן דיא
וואורצל בון בָּבֶל אים פסח · בלשצר זאייט צו אוני׳ ריכטן דען
לויכטר אונ׳ צו ריכטן דען טיש אים פסח · אונ׳ איר זולט זאגן
שטעטונגא קרבן פסח ·

**קָהָל**

איין זאמלונגא זי זאמילט אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה דיא דא
היש הֲדַסָּה צו וואשטן דרייא טאג אים פסח ·
דש האייבט בון דעש רשע הויזא דש מיינט
הָמָן הושטו גיוואונדט אן איין באום בון בופציק איין הוך אים
פסח · דיא צווין אויגן בליק זולשטו אויך ברענגן צו דעם לאנד עוץ
אים פסח · דיא זול זיך שטערקן דיין לינקי האנט אונ׳ זי זול זיך דר

הוהן דיין רעכטי האנט אז דיא נאכט בון מצרים זא עש ווארדא
גיהאיילינט דיא וייערונגא בום קרבן פסח · אוב איר זולט זאגן
שעכטונגא קרבן פסח ·

# כי לו נאה

וועֹן צו אים איז שוֹן וועֹן צו אים ציאט וואל ער איז שטארק אים קויניגרייך ער איז אויש דר וועלט אז רעכט זייני שארן זיא זאגן צו אים צו דיר אוב צו דיר צו דיר אויך צו דיר צו דיר וועֹן צו דיר צו דיר גאט איז דאש קויניגרייך ·

כי וועֹן צו אים איז שוֹן וועֹן צו אים ציאט וואל ער איז גבאנירט אים קויניגרייך · ער איז בישונט אז רעכט זייני שטארקי זי זגן צו אים צו דיר אוב צו דיר · צו דיר אויך צו דיר · צו דיר וועֹן צו דיר · צו דיר גאט איז דש קויניגרייך ·

כי וועֹן צו אים איז שוֹן · וועֹן צו אים ציאט וואל · ער איז ראיין איט קויניגרייך ער איז שטארק אז רעכט זיין מלאכים זיא זאגן צו אים · צו דיר אוב צו דיר · צו דיר אויך צו דיר · צו דיר וועֹן צו דיר צו דיר גאט איז דש קויניגרייך

כי וועֹן צו אים איז שוֹן וועֹן צו אים ציאט וואל ער איז איינין אים קויניגרייך ער איז שטארק אז רעכט זייני לערנר זי זאגן צו אים · צו דיר אוב צו דיר · צו דיר אויך צו דיר · צו דיר וועֹן צו דיר · צו דיר גאט איז דש קויניגרייך

כי וועֹן צו אים איז שוֹן וועֹן צו אים ציאט וואל ער איז דער קויניג אים קויניגרייך · ער איז בורכטזם אז רעכט דיא אוים אין זיין זי זאגן צו אים · צו דיר אוב צו דיר · צו דיר אויך צו דיר צו דיר וועֹן צו דיר · צו דיר גאט איז דש קויניגרייך ·

כי וועֹן צו אים איז שוֹן · וועֹן צו אים ציאט וואל · ער איז איין דעמוטיגר אים קויניגרייך · ער איז איין דר לוזר אז

רעכֿט · זיין הֵיר זיא זאמן צו אים · צו דיר אונ׳ צו דיר · צו דיר אויך
צו דיר · צו דיר ווען צו דיר · צו דיר גָט איז דש קוינינגרייך

כי ווען צו אים איז שון ווען צו אים ניאט וואל ער איז האיילינג
· אים קוינינגרייך · ער איז איין דר בארמיגר אז רעכֿט זיין
שארן מַלְאָכִים זיא זאמן צו אים · צו דיר אונ׳ צו דיר · צו דיר אויך צו
דיר · צו דיר ווען צו דיר · צו דיר גָט איז דש קוינינגרייך

כי ווען צו אים איז שון ווען צו אים ניאט וואל · ער איז
· שטארק אים קוינינגרייך · ער איז גאנץ אז רעכֿט זיין
גאנץ ורומי זיא זאמן צו אים · צו דיר אונ׳ צו דיר · צו דיר אויך צו דיר
צו דיר ווען צו דיר · צו דיר גָט איז דש קוינינגרייך

## בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן

גלובט זיישטו גָט אונזר גָט קוינינג דער וועלט דער דא בישאפֿט
ורוכֿט דעש רעבן

# אלמעכטיגר גוט

נון בויא דיין טעמפיל שירי · אלזו שיר אלזו באלד אין אונזרן טאגן
שירי יא שירי · נון בויא נון בויא · נון בויא נון בויא · נון בויא דיין
טעמפיל שירי · בארמהערציגר גָט גרושר גָט דעמוטיגר
גָט הוהר גָט וויינר גָט זוסר גָט חעגטר גָט טוגנטליכֿר
גָט יודישר גָט כרעפֿטיגר גָט לעבדיגר גָט מעכֿטיגר גָט
נאמהפֿטיגר גָט סענפֿטר גָט עיביגר גָט פֿורכֿצווער גָט
ציאליכֿר גָט קוינינגליכֿר גָט רייכֿר גָט שונר גָט תרויטר

גֿט נון בויא דיין טעמפיל שירי · אלזו שיר אלזו באלד אין אונזרן טאגֿ שירי יא שירי · נון בויא נון בויא · נון בויא נון בויא · נון בויא דיין טעמפיל שירי

# לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלֵם

צו דעם יאר דש דא קומט צו ירושלים א״ה:

ספירת עומר

**ברוך** גילובט זייאשטו גאט אונזר גאט קונינג דער וועלט · דער דא הוט גיהייליגט אונש מיט זיינן מצות אונ׳ הוט גיבוטן אונז אויף צֵילונג דעש עומר · דש הויט איז איין טאג איס עוֹמר · אונ׳ אלזו דיא אנדר נאכֿט זאגט מן דש הויט זיין צווייא טעג איס עוֹמר אונ׳ אלזו אויאר דארן איינז מֵין ביז די זיבנד נאכֿט זא זאגט מן דז הויט זיין זיבן טעג דיא מאכֿן איין וואוכֿן אונ׳ די עכֿט נאכֿט זאגט מן דש הויט זיין עכֿט טעג די מאכֿן איין וואוך אונ׳ איין טאג אונ׳ אלזו אויאר דארן אוש מן דיא טעג אונ׳ דיא וואוכֿן צֵילן ביש מן זיבן וואוכֿן הוט אונ׳ ווען מן דרייא אונ׳ דרייסיק טאג צֵילט זא איז לג בעוֹמר ·

**יהי רצון** עש זול זיין ווילן צו פֿור דיר גֿט אונזר גֿט אונ׳ גֿט אונזרר פֿורדרן דז עז זול ווערדן גיבויאט דש בֵית הַמִקְדָש באלד אין אונזרן טאגֿ · אונ׳ גיבא אונזר טאייל אין דיינר תוֹרה:

**כל ישראל** אל יִשְרָאֵל האבן חֵלֶק לְעוֹלָם הבא אז דער פָסוק זאגט · אונ׳ דיין פֿולק זיא זיין אל זאמן צַדִיקִים ·

צו אויזונג זיא ווערדן אירבן דש לאנד · שפרושונג מיינר פפלאנצונג ווערק מיינר הענדא צו בישונן

# משה קבל תורה מסיני

משה רבינו דער אנפפינגא דיא תורה פון דעם בערג סיני · אונ'
ער איבר ענטוורט זיא צו יהושע אונ' יהושע איבר ענטוורט זי
צו דען זקנים אונ' דיא זקנים איבר ענטוורטן זיא צו דען נביאים
אונ' די נביאים זי איבר ענטוורטן זיא דען מאנן פון דער גרושן
זאמלונגא חכמים דיא זעלבין חכמים זאייטן דרייארלייא װינד
גיזאך אם גיריכט אונ' שטילט ויל תלמידים אונ' מאכט איין צוין צו
דער תורה · שמעון הצדיק דער װאר איינר פון דען
זעלבין דיא איבר בליבן װארן פון דער גרושן זאמלונגא חכמים
דער זאייט אויף דרייארלייא זאך שטיט דיא װעלט אויף דער
תורה אונ' אויף דעם דינשט פון דען קרבנות אונ' אויף גמילות
חסדים דש מיינט דש מן מיט דען מתים טוט אונ' װאש מן מיט
תפוסים טוט אים גוטש װילן אונ' ביט אים געלט װילן אונ' דש מן
צו קראנקן װייטן גיט אודר דש מן טרושט דיא אבלים
דש הייסט אלש גמילות חסדים · אנטיגנוס איין מאן
פון סוכו דער אנפפינג זיין תורה פום זעלבן שמעון הצדיק דער
זאייט איר זולט דעם בורא ניט דינן אז דיא קנעכט די אירם הערן
דינן אוים דעש לון װילן נוייערט זייט אז דיא קנעכט דיא אירם
הערן דינן ניט אוים דעש לון װילן נוייערט פון ליבשאפט װעגן אונ'
דיא בורכט דעש בורא זול אויף אויך זיין · יוסי בן יועזר איין
מאן פון צרידה אונ' יוסי בן יוחנן איין מאן פון ירושלים אנפפינגן
דיא תורה פון דעם אנטיגנוס יוסי בן יועזר זאייט דיין הויזא
זול זיין איין הויזא דא זיך דיא חכמים איין זאמלן אונ' זייא דיך
בישטויבן מיט דער עשא פון דעם שטויבא פון אירן פוישן אונ'
טרינק מיט דורשט אירי רידא · יוסי בן יוחנן זאייט

דיין הויזא זול וויט אופן שטין צו אידרמן אוני דו זולשט אלמול ארמי
לוייט אין דיינם הויזא בייא דיר האבן · אוני דו זולשט ניט ויל רידן
מיט ווייבן אפילו מיט זיינם אייגנן ווייבא האבן זיא עש גיזאגט
מכל שכן מיט זיינש חבירש ווייבא · דא בון האבן אונזרי חכמים
גיזאגט אל צייט דש איינר ויל רידט מיט ווייבן דער בון ברענגט
צו אים זעלוורט בוזא אוני ור זוימט זיין תורה לערנן דרויבר אוני צו
לעצט קומט ער דר דורך אין דש גיהנם · יהושע זון פרחיא
אוני ניתאי דער ארבלי דיא לערנטן תורה בון יוסי זון יועזר אוני בון
יוסי זון יוחנן יהושע זון פרחיא זאייט מאך צו דיר איין רבי דער
דיך לערנט אוני קויף דיר איין חבר דער מיט דיר דר טורנט אוני
וואז דו בון אלן מענשן זיכשט דש לינ איינם צום בישטן אויש ·
ניתאי דער ארבלי זאייט ווער דיך בון איינם בוזן נוכפרן
אוני געזיל דיך צו קיינם רשע אוני ווען איין אונגליק בור האנדן
איז זא גדענק ניט עש גיט מיך לעכט ניט אן אודר קומט לעכט ניט
אן מיך · יהודא זון טבאי אוני שמעון זון שטח דיא
לערנטן תורה בון יהושע זון פרחיה אוני בון ניתאי דער ארבלי
יהודא זון טבאי זאייט מאך דיך ניט זעלברט צו איינם מורשה דער
דא אן ריכט דיא טענות בור דען דיינם אוני ווען דו בישט איין דיין
דש דיא בעלי דין די בור דיר רעכטן נוך שטינן בור דיר זא זולטו
זיא ביידא האלטן בור אונגירעכט אבר ווען זיא בון דיר וועק קומן
זא זולשטו זי ביידא האלטן בור גירעכט דר נום דז זי האבן אנטפפנגן
אויף זיך דש גיריכט · שמעון זון שטח זאייט בורש די
עדים זיר וואל דש זי רעכט עדות זאגן אוני זייא גיווארנט אן דיינן
רידן דש דיא עדים ניט אינוויש בון דיינן רידן מוכטן לערנן דש זי
דר דורך מוכטן ואלש עדות זאגן · שמעיה אוני אבטליון
לערנטן בון יהודה זון טבאי אוני בון שמעון זון שטח שמעיה זייט
האב ליבא דז דו דיך גירשט מיט דיינר מלאכה אוני האב ויינט דש

רַבָנוּת אונ׳ דו זולשט דיך ניט גיזעלן צו דיינר שְׂרָרָה דא דו אונטר זיצט. אבטליון זאייט איר חכמים זייט גיווארנט אן אוייערן רידן לייכט איר ווערט זיין שולדיג שולדא דש גָלוּת אונ׳ איר מוכט ווערדן פור טריבן אן איין שטאט דא בוזי וואשר זיין אונ׳ זי מוכטן טרינקן דיא תלמידים דיא נוך אויך קומן אונ׳ זיא מוכטן שטערבן דר דורך וואורד דעש בורא נאמן ור שוועכט דז מיינט ווען איינר מיט דען תלמידים לערנט זא זול ער זיין רידא דען תלמידים וואל בישיידליך אונ׳ לין אונ׳ ניט זייני רידא רידן אין איינר גישטאלט דז זיא מוכטן אנדרש אויש גלינט ווערדן ווען וויא זיין מאיינונג גיוועזן איז דען עש מוכט איינר איין מול תלמידים האבן די פור הין מינות אין זיך העטן דיא מוכטן זייני רידא אוין׳ מינות אויש לין דר דורך מוכט דא גאט פור זייא איין גרושר ח׳לול השם קומן וויא וויר וינדן אין דעם תַלְמוּד דז מיט צדוק אונ׳ בַיְתּוֹס גשעהן איז דא אלי קְרָאִים פון קומן זיין. הילל אונ׳ שמאי לערנטן פון שמעיה אונ׳ אבטליון הלל דער זאייט זייא פון דען תלמידים פון אהרן הכהן האב ליבא וריד אונ׳ יאג נוך דעם ורידא אונ׳ האב ליב די לוייט אונ׳ מאך זיא גינעהן צו דער תורה.

**הוא היה** דער זעלבין הילל זאייט מיר ווער תורה לערנט דרום דש ער זיין נאמן דר דורך הערשן וויל דער ווערט ור לורן זיין נאמן אונ׳ ווער ניט מירט צו לערנן דער ווירט צו גין אונ׳ ווער גאר ניכש לערנט דער איז שולדיג צו טוטן אונ׳ ווער דא ברויכט די קרון פון דער תורה דש ער זיך דער פון נירן וויל דער ווערט אב גיטון פון דער וועלט. דער זעלוויג הילל דער זאייט נוך מיר ווען איך מיר ניט זעלברט פור בין ווער וויל מיר דען פור זיין אונ׳ ווען איך מיר שון זעלברט פויר בין ווש בין איך אודר וואש קאן איך אויש ריכטן אונ׳ ווען איך עש ניט

איזונדר טוא אין דיזר וועלט ווען וויל איך עש דען טון ·
שמאי זאייט מאך דיינר תורה איין שטעטליך געזעץ אונ׳ דיין
אנדרי געשעפט ריכט דר נעבן אויש · בור שפריך איינם וויניג אונ׳
טוא ויל אונ׳ אנפפנג אלי מענשן מיט ליבליכר שונר געשטאלט ·

## רבן גמליאל

זאייט שאפא דיר איין רבי
זא טושטו דיך אב בון דעם
ספק דען ווען דיר איזוויש
ספק איז זא מאנשטו דען רב׳ ורוגן אונ׳ דו זולשט ניט אופט מעשר
געבן נוך גידונקן · שמעון דעש רבן גמליאלש זון דער זאייט
איך בין אל מיין טאג דער צוהן ווארדן אונטר דען חכמים אונ׳
הון קיינרלייא געבונדן דש דעם מענשן בישר איז דען שווייגן · אונ׳
דש תורה לערנן אונ׳ דרשן איז ניט עקר נוייערט דש מן זיא האלט
אונ׳ טוט אונ׳ ווער ויל רידט דש ברענגט זינדא · רבן
שמעון זון גמליאל דער זאייט אויף דרייארלייא בלייבט דיא וועלט
בשטין אויף דער ווארהייט אונ׳ אויף דעם גיריכט אונ׳ אויף דעם
שלום אז דער פסוק זאגט ווארהייט אונ׳ גריכט ורידא ריכטט אין
אייערן פפורטן ·

## רבי חנניה

בן עקשיא זאייט ער הוט געוואלט
הקב״ה צו ווירדיגן ישראל דארום
הוט ער אין ויל תורה אונ׳ מצות
געבן אז דער פסוק זאגט גאט הוט געוואלט אום ווילן זיינר גרעכטי
קייט ער הוט גימאכפרט די תורה אונ׳ הוט זי געשטערקט ·

סליק דער אירשט פרק

## רבי אומר

רבי דער זאייט וועלכש איז
דער רעכט ווערטיג ווען
דען אים איין מענש זול דר

ווילן · אלש וואש איין וואל שטאנד איז ווען מן עש טוט אונ׳ אים
איין וואל שטאנד איז פֿון אלן מענשן · דיא געווארנט אן איינר
גירינגן מצוה גלייך אז אן איינר שווערן דען דו וואיישט ניט דען לון
פֿון דען מצות · אונ׳ רעכֿן דען פֿר לושט דען דו הושט פֿון איינר
מצוה גגן אירם לון דען דו ווערשט האבן אויף׳ יענם עולם · אונ׳ דען
געווין דען דו הושט פֿון איינר עבירה גגן אירם פֿר לושט דען דו האבן
ווערשט אויף׳ יענם עולם · מערק אויף׳ דרייא ערלייא זאך
זא קומשטו ניט צו זינדן · וויש דיא דרייא ערלייא דיא איבר דיר
זיין · איין אויג דש אל דינג זיכֿט אונ׳ איין אור דש אל דינג הוירט ·
אונ׳ דש אל דייני ווערק ווערדן אין איין בוך אן געשריבן · רבן
גמליאל זון רבי יהודא הנשיא דער זאייט עש שטיט וואל תורה
לערנן אונ׳ איין מלאכה אודר סחורה דר בייא דא מיט זיך איינר
מחיה איז · דען דיא ערבייט פֿון אינן ביידן מאכֿט פֿר געשן
דיא זינדא · אונ׳ איין איטליכי תורה דא ניט איין מלאכה דר בייא
איז דיא ווירט צו לעצט פֿר שטורט אונ׳ ברענגט זינדא · אונ׳ אל דיא
דא אום גין מיט דעש קהלש געשעפֿט דיא זולן עז טון לשם שמים ·
דען דער זכות פֿון אירן אלטרן הילפֿט אינן · אונ׳ איר גערעכֿטיקייט
בשטיט אייביג · אונ׳ איר פרנסים אודר ממונים איך רעכֿן אויך
גלייך אז ויל לון אז העט איר גר ויל אנדרי מצות געטון · זייט
געווארנט אן דער שררה דען זיא געבן איין מענשן ניט צו אינן
נוייערט פֿון אירש נוץ וועגן זיא שטעלן זיך גלייך אז ווערן זיא גוטי
פֿריינד ווען זי איין הנאה פֿון איינם וועלן האבן אבר זי שטין איינם
ניט בייא אין זיין נוטן · רבי דער זייט טוא דעש בורא ווילן
אז ולייסין אז דיין ווילן אין דער ווארטן דש ער אויך זול טון דיין
ווילן אז זיין ווילן פֿר שטור דיין ווילן פֿור זיינם ווילן אין דער ווארטן
דש ער אויך זול פֿר שטורן אנדר לייט ווילן פֿור דיינם ווילן ·
הלל זאייט דו זולט דיך ניט שיידן פֿון דעם קהל אונ׳ דו זולט דיר

זעלוורט ניט טרוייאן דש דו ורום בלייבשט ביש אין דיין טוט · אונ
דו זולט דיין חבר ניט בור אורטאיילן ביש דש דו גרייכשט אן זיין
שטאט · אונ ווען דו דיינן תלמידים עפוויש זאגשט דא זולשטו ניט
זאגן דיין רידא אין איינם הערבן לשון דש מן עש ניט וואל קאן בור
שטין וויא וואל דוך דש מן עש צו לעצט מיט ווייזונגן טראכטן דוך
קאן בור שטין · אונ דו זולט ניט שפרעכן ווען איך מושיג ווערדא
זא וויל איך לערנן · לעכט מוכשטו ניט מושיג ווערדן · הלל
זאגט נוך מיר קיין בור דש מיינט איינר דער לער איז בון תורה
דער בורכט ניט זינדא · אונ קיין עם הארץ איז קיין בידר מאן ·
אונ קיין שעמיגר קן ניכט לערנן · אונ קיין צורניגר קאן ניט
תלמידים לערנן · אונ ניט איטליכר דער סחורה טרייבט דער ווירט
ווייזא · אונ וואו ניט מאנן זיין שויא דש דו איין מאן בישט ·
דער זעלביג הלל זאך איין האייבט דש שוואם אויף איינם וואשר
דא שפראך ער צו אים דארום דש דו הושט מאכן שווימן דארום
בוט מן מאכן שווימן דיך אונ צו לעצט דיא דיך האבן מאכן שווימן
דיא ווערדן אויך שווימן · הלל זאגט נוך מיר דער דא
מירט ולייש דער מירט וואורם דער דא מירט גוטר דער מירט
זורגן דער דא מירט ווייבר דער מירט צאוברייא דער דא
מירט מאיידן דער מירט אונקוישהייט דער דא מירט קנעכט
דער מירט ראויברייא דער דא מירט תורה דער מירט לעבן
דער דא מירט ישיבה דער מירט ווישהאייט דער דא מירט
רוטא דר מירט בור שטענדיקייט דער דא מירט צדקה דער
מירט ורידא דער דא קאויפט איין שם טוב דער קאויפט
אין צו אים זעלוורט דער דא קאויפט צו אים דברי תורה דער
קאויפט צו אים דש איוויג לעבן בון דער וועלט דיא דא קומט.

# רבן יוחנן

זון זכאי לערנט תורה בון הלל אונ
שמאי דער זייט הושטו שון דיינר

תורה איין שטעטליך גיין גימאכֿט אונ׳ הושט ויל גילערנט זא זולשטו
דיך נישט דעשטר בישר דונקן זיין דען דו בישט דרום בישאפֿן
ווארדן · דער זעלבין רבן יוחנן בן זכאי דער האט
פֿינף תלמידים אונ׳ אזו הישן זיא רבי אליעזר בן הורקנוס אונ׳
רבי יהושע בן חנניא אונ׳ רבי יוסי דער כהן אונ׳ רבי שמעון
בן נתנאל אונ׳ רבי אלעזר בן ערך · רבן יוחנן דר ציילט
דש לובא פֿון זיינן פֿינף תלמידים אונ׳ זאייט · רבי אליעזר בן
הורקנוס דער איז גלייך אז איין גרובא דיא אינווענדיג מיט קאלך
פֿור שטריכֿן איז די ור לירט קיין טרופפֿן וואשר אזו ווינג ור גישט
ער אויך איצווש פֿון זיינם לערנן · רבי יהושע וואל דער
מוטר דיא אין הוט גיוואונן · רבי יוסי דער כהן דער איז איין
חסיד · רבי שמעון דער פֿורכֿט זונדא · רבי אלעזר בן ערך איז
אז איין קוועל ברונן דער זיך שטערקט אזו שטערקט ער זיך אויך
אין זיינר תורה · דער זעלבין רבן יוחנן זאייט ווערן אל די
חכמים פֿון ישראל אין איינר וואג שאלן אונ׳ רבי אליעזר בן הורקנוס
אין דער אנדרן וואג שאלן זא איבר וואוג ער זי אל מיט זיינם תורה
לערנן · אבא שאול זאייט אזו פֿון רבן יוחנן ווען ווערן אלי
חכמים פֿון ישראל אין איינר וואג שאלן אונ׳ רבי אליעזר בן הורקנוס
אויך בייא אינן אונ׳ רבי אלעזר בן ערך אין דער אנדרן וואג שאלן
דער איבר וואוג זיא אל מיט זיינם תורה לערנן · ער שפרך
דער רבן יוחנן צו דען פֿינף תלמידים נון וואל אויף זעכֿט אונ׳ זאגט
מיר וועלכש איז דער רעכֿט זיטן דא זיך איין מענש אן בהיפֿטן זול
רבי אליעזר בן הורקנוס זאייט איין מענש דער איין גוטא אויג
הוט דער אידרמן ור גינט וואש אים גוט בישירט הוט · רבי יהושע
זאייט איין גוטר חבר · רבי יוסי זאייט איין גוטר שכן · רבי
שמעון זאייט דער דא זיכֿט אונ׳ ביטראכֿט וואש אויש איינר זאך
ארשפרינגן מאג · רבי אלעזר זאייט איין גוטא הערץ דא שפרך

רבן יוחנן צו אין איר גיואלט צום בעשטן דיא רידא פון רבי אלעזר
זון ערך דען אין זיינר רידא זיין אוייערי רידא אל בינריפן ·
דא שפרך ער ווידר צו אינן נון וואל אוין זעכט אוב זאגט איר
וועלכש איז דער בוזישט זיטא דא זיך איין מענש פון זול ווערן ·
רבי אליעזר זון הורקנוס זאייט איין בוזא אוין דז ניאנט ניכש גוטש
ור גינט · רבי יהושע זאייט איין בוזר חבר · רבי יוסי
זאייט איין בוזר שכן · רבי שמעון זאייט איינר דער דא
אנטליהנט אוב ניט בעצאלט דען עז איז גלייך ווען איין מענש פון דען
אנדרן אנטליהנט אז אנטליהנט ערש פון דעם בורא אז דער פסוק
זגט ער אנטליהנט דער רשע אוב בצאלט ניט אוב דער צדיק הקבה
דער לוייזעלינט אוב גיבטש · רבי אלעזר זון ערך זאייט איין
בוזא הערץ · דא שפרך אבר רבי יוחנן איר גיואלט צום בעשטן
דיא רידא פון רבי אלעזר זון ערך דען אין זיינר רידא זיין אוייערי
רידא אל בינריפן : דיא זעלבין פונף תלמידים זאייטן
איטליכר דרייא ערלייא רידא · רבי אליעזר זון הורקנוס זאייט דו
זולט ניט באלד צירנן · אוב טו תשובה איין טאג פור דיינם טוט ·
דש מיינט אל טאג דען איינר וייש ניט וועלכן טאג ער שטירבט ·
אוב ווערם דיך גגן אירם פוייער פון דען חכמים · דש מיינש
לערן תורה פון אין · אוב זייא גיווארנט אן אירן קולן דש דו דיך
ניט ור ברענשט · דען איר ביישונג איז גלייך אז ביישונג איינש
פוכש · אוב איר שטעכן איז אז שטעכונג איינר עגדיש · אוב איר
ווישפרונג איז אז ווישפרונג איינר נוטר שלאנג אוב אויך אל אירי
רידא די זיין אז איין קול פוייער · דש מיינט ווען דו ווידר זי טושט
זא מוכטן זי דיך אין חרם טון זא ווארשטו בישעדיגט ווערדן ·
רבי יהושע זון חנניה זאייט · ווער איין בוזז אוין הוט אוב איין
בוזן יצר הוט · אוב ווער דיא לוייט אוים זונשט ויינט הוט · דש
ניכט אויש דען מענשן פון דיזם עולם דש ער שטערבן מוז אי זיין

ניט קומט · רבי יוסי דער כהן זאייט דיינש חברש געלט
זול דיך גלייך אז וואל טויארן אז דיין איינן געלט · אונ׳ ביראייט דיך
זעלוורט תורה צו לערנן · דען דיא תורה איז קיין ערבא גוטא צו
דיר · אונ׳ אל דייני ווערק זולן זיין לְשֵׁם שָׁמַיִם

רבי שמעון זון נתנאל זאייט זייא גיווארנט אן קְרִיאַת
שְׁמַע אונ׳ אן דער תפילה אונ׳ וועז דו תפילה
טוּשט זא מאך דיין תפילה ניט אז ווער זיא דיר
איין גיזעצט נוייערט מיט דר באראונגא אונ׳ מיט גיבעט פֿור דעם
בורא אז דער פסוק זאגט ווען איין גאט איין דר בארמיגר אונ׳ איין
לאנגזעמיגר איז ער איין לאנגזאר צו דר צוירנן אונ׳ ויל גינודא
אונ׳ ער בידענקט זיך אויף דש בוזא · רבי
אלעזר זון ערך זאייט זייא ולייסיג צו לערנן תורה דש דו וואיישט
צו ענטוורן דען מינים דיא ווידר אונזר אֱמוּנָה רידן אונ׳ וואוש פֿור
וועם דו ערבייטשט אונ׳ ווער ער איז דער הער פֿון דיינר ערבט
דער דיר ווערט בצאלן דען לון פֿון דיינר ערבייט · רבי
שמעון זאגט דער טאג איז קורץ אונ׳ דיא ערבייט איז ויל אונ׳ די
ווערק לוייט זיין טרעג אונ׳ דער לון איז ויל אונ׳ דער הער דער
טרייבט דיא ווערק לוייט דש זיא ווידליך ערבייטן זולן דש איז
אלז איין מָשָׁל אויף דז איין מענש ווידליך לערנן אונ׳ מצות הלטן זול
דיא וייל ער לעבט דען דש לעבן פֿון דער וועלט איז גאר קורץ אונ׳
דש תורה לערנן אונ׳ מצות הלטן איז ויל אונ׳ הקבה איז דער הער
אונ׳ דרינגט אונ׳ זעך אויארדר גערן דש מיר ויל תורה לערנט אונ׳
מצות טעטן · דער זעלביג רבי שמעון זאייט נוך מיר
דו בישט ניט שולדיג דש ווערק פֿון דער תורה גאר אויש צו טון
דען מן קאן דיא תורה ניט גאר אויש לערנן זא הושטו אויך נוימר
וייער אובנט דש דו וואלשט מוישיגן פֿון תורה לערנן זונדר
לערנשטו ויל תורה זא גיבט מן דיר ויל לון אין יענר וועלט אונ׳ ער

איז ווארהאפֿטין הקבה דער דא איז דיין הער דעם דו ערבייטשט
דש ער דיר ווערט ביצאלן דען לון פֿון דיינר ערבייט אוג׳ ווישא
דען לון דען ער דען צדיקים גיבט אין יענר וועלט דיא הרנוך קומן
ווערט · סליק דער אנדר פרק

גון זאגט אן ווידר ר׳ חנניא זון עקשיא דש אובן נוך דעם אירשטן
פרק שטיט ·

דש איז דער דריט פרק

**עקביא** זון מהללאל זאגט מערק אוני דרייא
ערלייא זא קומשט דו ניט צו זינדן
וויש פֿון וואנן דו בישט קומן אוג׳ וואו
הין דו ווערשט גין אוג׳ פֿור וועם דו מושט הרנוך צו רעכֿט שטין
אוג׳ רעכֿנשאפֿט געבן פֿון וואנן דו בישט קומן פֿון איינם
שטינקנדיגן אונראיינן טרופֿפֿן אוג׳ וואו הין דו ווערשט גין אן איין
אורט דא אייטיל וואורם אוג׳ מאדן זיין אוג׳ פֿור וועם דו מושט הר
נוך צו רעכֿט שטין אוג׳ רעכֿנשאפֿט געבן פֿור דעם קוניג דער דא
איז איין קוניג איבר אלי קוניג הקבה · רבי
חנניא דער וואר איין דינר דער כהנים דער זאגט זייא אל מול
ביטן אוני דש ורידא פֿון דעם מלכות דען וואו ניט ווער דש מורא
מלכות זא ווורד איין מענש דש אנדר לעבנדיג פֿור שלינדן ·

רבי חנניא זון תרדיון זאגט צווין דיא דא זיצן אוג׳ רידן
ניט אויז דער תורה דש איז איין געשע דער שפוטר אז דער פסוק
זאגט אוג׳ אין געשע דער שפוטר ניט ער זיצט אבר צווין דיא דא
זיצן אוג׳ רידן אויש דער תורה דיא שכינה רוט בייא אינן אז דער
פסוק זאגט אלדא זיא רידן פֿורכֿטר גוטש איינר צום אנדרן אוג׳
ער פֿור נימט עז גוט אוג׳ ער הורט עז אוג׳ שרייבט עז אין דז בוך
דער גדעכֿטניש צו דען גוטש פֿורכֿטרן אוג׳ דיא דא אכֿטן אוני זיין
נאמן · נון הויר איך וואל פֿון צווין חברים וואו פֿון לערן איך אבר דז

וזען שון איינר אליין זיצט אונ׳ לערנט אין דער תורה דש אים הקבה
אווך איין לון דארויף זעצט  אז דער פסוק זאגט ער זיצט אליין אונ׳
ער שווייגט ווען עש איז גיווארפֿן אויף אין  רבי שמעון
זאייט דרייא די אן איינם טיש עשן אונ׳ רידן ניט אויבר דעם טיש
אויש דער תורה דז איז גלייך אז עשן זיא בֿון שעכֿטונגן דער טוטן
אז דער פסוק זאגט ווען אלי אירי טיש זיין בֿול שפאייכֿיט אונ׳
אונבֿלוט אונ׳ איז נירגנט קיין ראיין אורט  אבר דרייא די אן איינם
טיש עשן אונ׳ רידן אויש דער תורה דש איז גלייך אז עשן זי אויף
דעם טיש בֿון הקבה אז דער פסוק זאגט אונ׳ ער רידט צו מיר דיז
איז דער טיש דער צו בֿור גאט ·

רבי חנניא זון חכֿינאי זאגט  ווער דא וואכֿט בייא
דער נאכֿט  אונ׳ דער דא גיט אליין אם וועגן אונ׳
דער דא זיין הערץ קירט צו מושיגן בֿון דער
תורה  בֿור ואר דער זעלבין איז שולדיגן אן אים זעלברט ווען אים
עפֿוויש בויזא ווידר וארט ·  רבי נחוניא זון הקנה זאגט
איין איטליכֿר דער אויף זיך אנספֿאנגט דש יוך בֿון דער תורה  זא
מאכֿט מן אויבר וארן בֿון אים דש יוך בֿום קוניגן רייך  אונ׳ דש יוך
בֿון שווערר נארונג  ווער אבר אב ריישט בֿון אים דש יוך בֿון
דער תורה  זא גיביטא דער בורא אויף אין דש יוך בֿון דעם קוניגן
רייך אונ׳ דש יוך בֿון שווערר נארונג ·  רבי חנינא זון
דוסא זאייט  איין איטליכֿר דעם זיין זונדא בֿורכֿטן וואר גיט בֿור
זיינר חכֿמה  דעש זעלבן חכֿמה בלייבט בישטין  אבר וועלכֿר אים
זיין חכֿמה לושט ואר גין בֿור זיין זונד בֿורכֿטן דעש זעלבין חכֿמה
בלייבט ניט בישטין ·  דער זעלבין רבי חנינא זאייט נוך
מיר  איין איטליכֿר דש זייני ווערק מיר זיין דען זיין חכֿמה  דעש
זעלבן חכֿמה בלייבט בשטין  אבר וועלכֿר דש זיין
חכֿמה מיר איז דען זיינר ווערק  דעש זעלבין חכֿמה בלייבט ניט

בישטין · רבי דוסא זון הרכינס זאייט דען שלוף דען מן
אם מורגנש שלופט אוב׳ דען ווין דען מן צו מיטאג טרינקט אוב׳ דז
מן ויל מיט קינדן ריט אוב׳ דש מן זיצט אין דער זאמלונגא בון דען
עַמֵי הָאֲרָצוֹת דיא דינג ציהן אויש איין מענשן בון דער וועלט ·
רבי אליעזר דער מודעי זאגט ווער דיא קָדָשִׁים ור
שוועכט אוב׳ ווער דיא יָמִים טוֹבִים ור שמעכט
דש ער זיא ניט רעכט האלט · אוב׳ ווער דא ור
שטורט די זיכרהייט בון אַבְרָהָם אונזרם ואטר דש ער זיין קינדר
ניט יודישן לושט אוב׳ דער דא אנפליקט אנצליט אין דער תורה דש
ניט רעכט איז דז מיינט דז ער אונרעכטי הוראות זגט · אוב׳ ווער
זיינן חַבֵר ור שעמט אונטר ויל לייטן דער זעלבין ווען ער שון
תְשוּבָה אוב׳ מַעֲשִׂים טוֹבִים טוט זא הוט ער דענוך ניט חֵלֶק לְעוֹלָם
הַבָא רבי חלפתא דער וואר אויש איינם דורף דש היש
חֲנַנְיָא · דער זאייט ציהן דיא דא זיצן אוב׳ ערבייטן אין דער תורה
די שְׁכִינָה רואעט צווישן אינן · אז דער פָסוק זאגט גוט שטיט בייא
דער גוטליכן גמיין אוב׳ איין גמיין איז ניט מינדר דען צעהן · בון
וואנן לערן איך אבר ווען איר בונף זיין דיא דא תורה לערנן דש די
שכינה אויך צווישן אין רואעט דארום גיט דער פסוק צווישן דען
ריכטרן ער ריכט · בון וואנן לערן איך אבר דרייא דארום זאגט
דער פסוק אוב׳ זיין גבונט אויף דער ערדן ער הוט גגרונט
ועשטיגט זיא · אוב׳ וואו גיבונט גישריבן איז דש מיינט דרייא ·
בון וואנן לערן איך אֲפִילוּ צווין דאר אויף זאגט דער פסוק דען זיא
רידן דיא בורכטר גוטש איינר צו דעם אנדרן · בון וואנן לערן
איך אבר ווען איינר אליין איז אוב׳ לערנט דארום גיט דער פסוק
אן אלר שטאט דא איך מאך גדענקן מיין נאמן איך וויל קומן צו דיר
אוב׳ איך וויל בענשן דיך · רבי אליעזר זון יהודא איין מאן
בון ברתותא זאייט גיבא דעם בורא בון דעם זיינן דען דו אוב׳ דש

דיין איז אלז זיין · אונ׳ אזו וינדן מיר גשריבן בייא דוד · ווען פֿון דיר האבן וויר אלש אונ׳ פֿון דיינר האנט געבן וויר דירש ·
רבי יעקב זאייט דער דא גיט אים וועג אונ׳ לערנט אונ׳ זיכט אינוואן אין באוים אודר איין אקר אונ׳ הערט אויף פֿון לערנן אונ׳ שפריכט אייא וויא איין הויפשר באוים אודר וויא איין הויפשר אקר איז דש ווען אים עבווש גישעך זא רעכנט אימש דער פסוק אז ווער ער שולדיג אן אים זעלוורט ·

רבי דוסתי זון ינאי זאגט פֿון רבי מאיר ווען · איין איטליכר דער איינרלייא ור גישט פֿון זיינם לערנן זא רעכנט אימש דער פסוק אז ווער ער שולדיג אן אים זעלוורט · אז דער פסוק זאגט בווייערט הויט דיך אונ׳ הויט דיין לייבא זיר דש דו ניט ור גישט די רידא דיא דיין אויגן האבן גיזעהן · מאג עש אבר גיזיין דש איינר אויך זולט שולדיג זיין אן אים זעלוורט ווען ערש שון ניט גערן פֿור גישט זונדר דש ער אזו ויל הוט גילערנט דש ער איינש פֿור דעם אנדרן ניט בהאלטן קן · נאיין דש איז ניט דען עש שטיט דר נוך אים זעלבן פסוק ופן יסורו מלבבך · דש איז צו טייטשן אונ׳ לייכט זי ווערדן אב גיטון פֿון דיינם הערצן · דא פֿון הער איך וואל דש איינר ניט חייב איז אן אים זעלוורט ביש דש ערש מוטווילג פֿון זיינם הערצן אב טוט ·
רבי חנינא זאגט איין איטליכש מענש דא דיא לייט נהנה פֿון אים זיין זא איז דער בורא אויך נהנה פֿון אים · אונ׳ איין איקליך מענש דז די לייט ניט נהנה פֿון אים זיין זא איז דער בורא אויך ניט נהנה פֿון אים · רבי ישמעאל זגט זייא גרינגא צו דען ראשים ווען זי דיך איינווש הייסן · אונ׳ זייא זעפֿנט צו דער הערשאפֿט · וויש דו אין טושט דש טוא אין ווילגליך · אונ׳ אנפֿאנגאלי מענשן מיט ורייידא : רבי עקיבא זאגט ווער דא שימפֿא אונ׳ קלות ראש טרייבט דש גוויינט איין מענשן צו שאנדא · דער רבי עקיבא

זאייט אויך דיא מסורת זיין אז איין צוין אוים דיא תורה · דש מן
רעכט מעשר גיבט דש איז אז איין צוין צום רייכטום דש דער
רייכטום ניט צו גיט אונ׳ ווען איינר נדרים טוט אונ׳ הלט
זיא דש איז איין צוין צו דער ורומקייט דש זיך איינר גווינט בון
בוזן דינגן צו שיידן דער צוין צו דער ווישהייט איז שווייגן ·
דער זעלבין רבי עקיבא זאייט מיר וויא גאר ליבא מוזא
דער מענש זיין דש ער איז ווארדן בישאפן אין דעם בורים גוטש
אונ׳ דז איז נוך איין אויברינגי ליבשאפט דש זיא גוט הוט ווישן לושן
דש זיא אין גוטש בורים בישאפן זיין אז דער פסוק זאגט ווען אין
דעם בורים גוטש הוט ער בשאפן דעם מענשן וויא גר ליבא מוזן
ישראל זיין דש זי גהאיישן זיין גוטש קינדר אונ׳ דש איז נוך איין
אויברינגי ליבאשאפט דש זיא גוט הוט ווישן לושן דש זי גוטש קינדר
גהאיישן זיין אז דער פסוק זאגט קינדר זייט איר צו גוט אויערם
גוט וויא גאר ליבא מוזן ישראל זיין דש אין איז געבן ווארדן איין
לושטיגש כלי דא דיא וועלט איז מיט בישאפן ווארדן · אונ׳ דש איז
נוך איין אויברינגי ליבשאפט דש זיא גוט הוט ווישן לושן דש ער אין
אזא איין לושטיג כלי געבן הוט · אז דער פסוק זאגט ווען איין גוטי
לערנונג הון איך אייך געבן מיין תורה זולט איר ניט ור לושן · אל
דינג ווערט גלונגט אונ׳ דער גוואלט איז דעם מענשן געבן דש ער
מג טון ווש ער וויל · אונ׳ מיט גוטם ווירט דיא וועלט גריכט אונ׳
אלש דרנוך איינר ויל גוטר מעשים טואט · דער רבי עקיבא
זאייט נוך מיר אל דינג בורגט מן איינם אונ׳ איין משכון · אונ׳
דש גארן איז אונ׳ גישפראייט אונ׳ אלז דש דא לעבט · דער קרום
שטיט אופן דער קרעמר דער בורגט · אונ׳ דיא טאבל שטוט אופן
אונ׳ דיא האנט שרייבט אל דינג אן · אונ׳ דיא גבאים דיא די שולדן
איין מאנן דיא גינן אוים שטעטליך אל טאג אונ׳ ווערדן בינצאלט בון
אין מענשן עש זייא איינם ליבא אודר לאיידא אונ׳ דיא זעלבין

AKADEMIA KÖNYVTÁRA

גבאים האבן וואל איין מעכטיגן הערן דא זיא זיך מוזן אויך ור לושן
אונ׳ דז געריכט איז איין ווארהפטיג געריכט אונ׳ עש איז אל דינג
בירייט צו דער סעודה דש איז אלש איין משל אויך דש דער
מענש דיא וואל הוט דש ער מאג גוטש אודר בוזא טון . אונ׳
דש אונזר הער גוט דעם מענשן וואל קאן איין וויל בורגן ווען ער
וואז בוזא טוט דען ער איז אים גלייך אז גוויש אז העט ער איין
משכון בון אים אונ׳ מיט דער צייט ווערט דעם רשע ניכש
גישענקט דען גוט הוט ויל שלוחים אונ׳ מלאכי מות דא ער דיא
רשעים מיט צאלן אונ׳ שטרופן קאן אונ׳ דרום דש דאז משל אלש
גיט נוייערט אויף דיא רשעים וויא זיא גוט צאלן קאן אבר בון דען
צדיקים הוט ער ניקש גיזאגט וויא אין גוט אירן לון אויך גיבט אום
אירי גוטי ווערק דען מן וינט ויל צדיקים דען עש איבל גיט אויף
דער וועלט דארום לושט ער הינטן אויש אונ׳ עש איז אל דינג
בירייט צו דער סעודה דא מיינט ער מיט דען לון דען הקב״ה
גיבט דען צדיקים אום אירי מעשים טובים דען ביהאלט ער אינן
אין יענר וועלט אונ׳ גלייכט עש צו איינר גוטן סעודה ·
רבי אלעזר זון עזריא זאגט וואו ניט תורה איז דא איז אויך ניט דרך
ארץ · אונ׳ וואו ניט דרך ארץ איז דא איז אויך ניט תורה · וואו ניט
חכמה איז דא איז אויך קיין גוטש בורכט · אונ׳ וואו קיין גוטש
בורכט איז דא איז אויך קיין חכמה · וואו קיין זין איז דא איז אויך
קיין ור נופט · וואו קיין ור נופט איז דא איז אויך קיין זין · וואו
ניט מעל איז · דא איז אויך קיין תורה · אונ׳ וואו ניט תורה איז דא
איז אויך קיין מעל: ער זאגט מער איין איטליכר דש זיין
לערנן אונ׳ זיין קונן מער איז דען זיינר מעשים טובים דער איז
גלייך צו איינם באום דער ויל צווייג הוט אונ׳ ויניג ווארצלן אונ׳ ווען
איין גרושר שטארקר ווינט קומט זא רייסט ער דען באום אויש
דער ערדן אונ׳ שטירצט אין אויף זיין אנצליט · אז דער פסוק זאגט

אונ׳ ער ווערט זיין אז איין איינזידיל אין דער וואוישטנייא דער
ניט זיכט ווען איטוואש גוטש אין דען עולם קומט · אונ׳ ער ווערט
רואען דויר אין דער וואוישטנייא אין איינם וואוישטן לאנד דש ניט
ביזעצט איז · אבר איין איטליכר דז זיינר מעשים טובים מיר זיין
דען זיין לערנן אודר זיין קונן דער איז גגליכן צו איינם באום
דער זיינר צוויינג הוט אונ׳ ויל וואורצלן אונ׳ ווען שון אלי דיא ווינדא
קעמן דיא אים עולם זיין אונ׳ דראן וועאטן דענוך קונטן זי אין ניט
זר וואגילן בון זיינר שטאט · אז דער פסוק זאגט אונ׳ ער וירט זיין
אז איין באום דער דא איז גפלאנצט ביא דעם וואשר אונ׳ ביז אן
דען באך יובל ווערן גשטרעקט זייני וואורצלן · אונ׳ ער ווערט ניט
אכטן ווען שון איין גרושי היץ קומט · אונ׳ זייני בלעטר ווערדן זיין
צווייגהאפטיג אונ׳ אין איינם דורן יאר ווערט ער ניט זורגן אונ׳
ווערט נוימר אויף הורן בון צו וואכשן אופש רבי אלעזר
זון חסמא זאגט · דיא הלכות בון דען יונגן בויגל וועלכי די דא כשר
זיין צו קרבן אונ׳ דיא הלכות בון נדה דש זעלבינג זיין דיא רעכטן
עיקר הלכות צו לערנן · אונ׳ דז מן תקופות אונ׳ גמטריאות רעכנט
דש זעלבינג איז איין גברויקיל צו דער חכמה ·

סליק דער דריט פרק רבי חנניה זון עקשיא

דש איז דער פירד פרק

# בן זומא

זון זומא דער זאגט וועלכר האיישט
איין ווייזר מאן דער בון אידרמאן
לערנט דארויף זאגט דער פסוק
בון אלן מיינן לערנרן בין איך קלוג װאָרדן ווען דיין תורה איז
איין קורץ וויל צו מיר · וועלכר האיישט דען איין שטארקר דער
זיין יצר ביצווינגן קאן אז דער פסוק זאגט עז איז בעשר איינר דער
לאנגזם צו דר צורנן איז מיר דען איין שטארקר · אונ׳ דער דא
גוועלטיג איז אן זיינם גמוידא דער איז בישר מיר דען איינר דער

איין שטאט געווינן קאן · וועלכש הייסט דען איין רייכר דער זיך ורייעט אן זיינם טאייל דז אים גאט בשירט הוט אז דער פסוק זאגט · ערבייט דיינר הענד ווען דו אישט וואל דיר אונ׳ עש איז גוט צו דיר · וואל דיר אין דעם עולם אונ׳ עש איז גוט צו דיר אים עולם דער דא קומט · וועלכר הייסט דען איין געאירטר מאן דער דיא לייט אירט אז דער פסוק זאגט אלי דיא מיך אירן די וויל איך אויך אירן · אונ׳ דיא מיך ור שמעהן דיא ווערן ור לייכטרט ווערדן

**בן עזאי** זון עזאי זאגט לויף צו איינר איטליכן מצוה דיא דיך שון דונקט גרינג זיין אונ׳ פליך בון איינר איטליכן עבירה דען איין מצוה ברענגט דיא אנדר מצוה אונ׳ איין עבירה ברענגט דיא אנדר עבירה דען דער לון בון איינר מצוה איז נוך איין מצוה אונ׳ דער לון בון איינר עבירה איז נוך איין עבירה ·

הוא היה ער זאגט נוך מיר דו זולשט קיין מענשן בור שמעהן זולט אויך ניט קריגן אויף איטליכי רידא דען דו וינדשט קיין מענשן דער ניט זיין שטונד הוט אונ׳ וינדשט קיין ריד די ניט איר שטאט הוט · רבי לויטס איין מאן בון יבנה זאגט גר זיר זולטו האבן איין נידר געמויט בור אלן מענשן דען דיא הופנונג בון איים איטליכם מענשן איז דוך וואורם · רבי יוחנן זון ברוקה דער זאגט איין איטליכר דער איין חילול השם הייםליך טוט אונזר הער גאט בצאלט אין אופנליך עש גילט גלייך און געבערדא אודר מוטוויליג בייא חילול השם ·

**רבי** ישמעאל דער זאגט ווער דא לערנט תורה דרום דש ער וויל אנדרי ווייטר לערנן דעם הילפט דער בורא דז ער קאן זעלברט לערנן אונ׳ ווייטר לערנן אבר דער דא לערנט דיא תורה דרום דש ער די מצות וויל הלטן

אונ׳ טון דעם הילפֿט דער בורא דר צו דש ער קאן זעלברט לערנן
אונ׳ ווייטר לערנן אונ׳ דיא מצות צו האלטן אונ׳ צו טון · רבי
צדוק זאייט דו זולשט דיין תורה ניט מאכֿן אז איין קרון דש דו דיך
וואלשט דר מיט אכֿפרן אונ׳ קושטליך האלטן אונ׳ זולשט זיא אויך
ניט מאכֿן אז איין הולץ אקשט דש דו דיך דר בֿון נירן אונ׳ עשן
וואלשט אונ׳ אזא הוט הילל אויך גיזאגט ווער דא ברויכֿט די קרון
בֿון דער תורה דז ער זיך דר בֿון נירן וויל דער ווערט אב גיטון בֿון
דער וועלט דא בֿון הור איך וואל ווער תורה לערנט דרום דז ער
הנאה וויל דר בֿון האבן דער נימט אים זיין לעבן זעלברט בֿון דער
וועלט : רבי יוסי זאייט ווער דיא תורה איירט זיין לייב ווערט
אויך גיאיירט בֿון דען לוייטן אוב ווער דיא תורה ור שמעכֿט זיין
לייבא ווערט אויך ור שמעכֿט בֿון דען לוייטן ·

רבי ישמעאל זאייט ווער זיך זעלברט ור מיידט בֿון
דעם גיריכֿט דש ער ניט גערן מיט דען לוייטן
רעכֿט דער רייסט אבא בֿון אים ויינטשאפֿט
אונ׳ רויבא אונ׳ ואלשי שבועות אונ׳ ווער איין הופֿרטיגן הערץ הוט
אין זיין הוראות זאגן דש מיינט ווען מן אין איין דין ורוגט זא
זאגט ערש וליקש און בידוכֿט אודר וויל ניט איין זעהן אין דש ספֿר
ווען אים שון ספֿק אן דעם דין איז גלייך אז קוינט ער די דינים אל
וואל אוישן ווענדיג דער איז איין נאר אונ׳ איין רשע אונ׳ איין
הופֿרטיגר גיאויט דער זעלבין רבי ישמעאל זאייט מיר דו
זולשט קיין ריכֿטר אליין זיין דען עז איז קיין ריכֿטר אליין נויארט
איינר דש איז דער בורא דו זולשט אויך ניט שפרעכֿן צו דען
אנדרן ריכֿטרן דיא נעבן דיר זיצן נעמט איין זין אן אונ׳ שפרעכֿט
דען דין וויא איך זאג דען זיא האבן עש מאכֿט צו טון אוב זי וואלן
אונ׳ ניט דו · רבי יוחנן זאייט ווער די תורה בשטעטיגט
אין זיינר ארמוט דער ווערט זיא צו לעצט אויך קוינן בשטעטיגן בֿון

וועגן גרושה רייכֿטום אונ׳ ווער דיא תורה בֿור שטורט בֿון וועגן
רייכֿטום דש ער מיט אנדרן עסקים אום גיט. אונ׳ ור שטורט דיא
תורה· דער ווערט זיא צו לעצט אויך מוזן בֿור שטורן בֿון וועגן
גרושר ארמוט· רבי מאיר דער זאגט האב זונשט
וויניג גישעפֿט אונ׳ האב דיין גישעפֿט אין דער תורה אונ׳ האב
איין נידרש גימויט בֿור אלן מענשן ווען דו דיך זעלברט בֿור
שטורשט בֿון דער תורה אונ׳ ווילשט מוטוויליג ניט לערנן זא שיקט
דיר הקב״ה נוך אזא ויל בטולים דער גיגן צו דש דו גאר ניקש לערנן
קאנשט הושטו אבר גיערבייט אין דער תורה זא ווערט דיר ויל
לון דרום געבן·

רבי אליעזר זון יעקב דער זאגט ווער איין מצוה טוט
דער קאויפֿט אים אז אופֿט איין בֿור שפרעכר
אונ׳ ווען איינר איין עבירה אויבר וארט דער
קאויפֿט אים אז אופֿט איין הינדרער דיא תשובה אונ׳ דיא גוטן
ווערק זיינן אז איין טארטשא בֿור דעם אונגלויק· רבי
יוחנן דער הולן שוך מאכר דער זאגט איין איטליכי זאמלונגא דיא
דא איז לשם שמים דיא בלייבט בשטין אונ׳ די ניט איז לשם שמים
דיא בלייבט צו לעצט ניט בשטין· רבי אלעזר זון שמוע
דער זאגט דיינש תלמיד איר זול דיר אז ליב זיין אז דיין אייגן איר
אונ׳ דיינש חברש איר אז דיא בֿורכֿט דיינש רבי אונ׳ די בֿורכֿט
דיינש רבי אז דעש בֿורכֿט דער אים הימיל איז· רבי
יהודה זאגט זייא גיווארנט אן דעם לערנן דען ווען דו שון
בשוגג ניט לערנשט זא קומשטו דר צו דז דו עבירות טושט במזיד
רבי שמעון זאגט עש זיין דרייא ערלייא קרונן די
קרון בֿון דער תורה אונ׳ דיא קרון בֿון דער כהונה אונ׳ דיא קרון
בֿום מלכות אבר דיא קרון בֿון איינם שם טוב דיא גיט אויבר זיא
אל· רבי נהוראי זאגט זייא וואנדרן אן איין שטאט דא

אן תורה לערנט דען דו דארפשט ניט גידענקן דש דיא תורה דיר
ווערט נוך גן דען דיין חבֵרים דא דו מיט אויף דיא ישיבה גישט
אונ אויז דעם לערנן רידשט דיא מאכן דיך דיין תורה ביהאלטן
דז דו זיא ניט בור גישט אונ דו זולשט דיך ניט בור לושן אויף דיין
בור שטענדיקייט · רבי ינאי זאייט עש איז ניט אין
אונזרם בור שטאנד ווארום עש דען רשעים וואל גיט אונ ווארום
עש דען צדיקים איבל גיט ·

## רבי מתיא

זון חרש דער זאייט זייא דיך
בורדרן דז דו וואר שלום גיבשט
אודר גרוישט אלי מענשן אונ
ווארט ניט ביז דיך איין אנדרר בור גרוישט אונ זייא איין שוואנץ
צו דען ליוואן אונ ניט איין האייבט צו דען בוקשן דש מייגט אזא
דו זולשט אֵי איין קנעכט זיין בייא דען לערנרן אֵי דען איין הער
בייא דען דיא ניט קוינן לערנן · רבי יעקב זאייט
דיזי וועלט איז גיגליכן צו איינם בויר הובא בור דער וועלט דיא דא
קומט ביראייט דיך זעלברט אים בויר הוב אין דר ווארטן דש דו
מאגשט איין גין אין דען פאלש · הוא היה ער זאייט נוך
מיר עש איז בעשר איין שעה תשובה אונ גוטי ווערק צו טון אין
דער וועלט מיר דען אז לאנג אז מן לעבט אין דער וועלט דיא דא
קומט אונ איז אויך בעשר איין שעה בון לושט אונ קוירץ וויל אין
יענר וועלט מיר דען אז לאנג אז מן לעבט אין דיזר וועלט ·

## רבי

שמעון זון אלעזר זאייט דו זולשט דיין חבר ניט
ביוויליגן דר וויל ער נוך צורניג איז אונ זולשט
דיין חבר אויך ניט טרושטן דיא וויל דז מת נוך
בור זיינן אויגן ליגט אונ ווען דיין חבר איין נדר טוט זא זולשטו אין
ניט ברוגן אויף זיין נדר דש דו אים אין וואלשט מתיר זיין אז באלדא
אין דער זעלבן שעה דא ער דען נדר הוט גיטון אונ ווען עש אים

איבל גיט דז אים איבוויש געשעהן איז זא זולשטו אים ניט אז באלדא
אונטר דיין אויגן גן צו זעהן אין ·

שמואל הַקָטוֹן זאייט ווען דיין ויינט ואלט זא
וריא דיכֿש ניט   אונֿ ווען ער
שטרויכֿילט זא זול זיך דיין הערץ ניט
וראייען ויל לייכֿט מוכֿט עש גוט זעהן אונֿ מוכֿט אים איביל גיבֿאלן
אין זיינן אויגן אונֿ מוכֿט זיין צורן בֿון אים אב טון אונֿ מוכֿט אין אויף
דיך טון ·   אֱלִישַׁע זון אֲבוּיָה זאייט ווער דא לערנט דיא וויל
ער נוך יונג איז דש איז גלייך אז ווען מן מיט טינטן שרייבט אויף
נוייא פאפייער דש גיט נוימר אב אזו איז אויך וואש איינר אין דער
יוגנט לערנט דש ביהאלט ער איוויג ·   אבר ווען איינר לערנט ווען
ער אלט איז דש איז גלייך אז ווען מן מיט טינטן שרייבט אויף אלטן
אב גימעקטן פאפייער דש גיט באלד אב אזו בֿור גישט אויך איינר
באלד וויש ער אין דער אילטר לערנט   רבי יוסי זון יהודא
איין מאן בֿון דעם דורף בייא בָבֶל דער זאייט   ווער דא לערנט בֿון
דען קליינן ווארצו איז עז גלייך צו איינם דער דא אישט אונצייטיגי
טרויבן אודר טרינקט ווין דער אֵירשט בֿון דעם קעלטר אב הער
לויפֿט   אבר ווער דא לערנט בֿון דען אלטן ווארצו איז עש גלייך צו
איינם דער דא אישט גוטי צייטיגי טרויבן אונֿ טרינקט גוטן וירבן
ווין   רבי דער זאייט דו זולשט ניט לוגן אן איין קאן לונ
וואש דארינן איז   דען עש איז אונטר וויילן איין קאן דיא נוייא איז
אונֿ איז בֿול גוטן וירבן ווין אונֿ אופֿט איין אלטי קאן דא אֲפִילוּ נוייער
ווין ניט אינן איז ·   דז מיינט אזא האלט דען מן ניט אז דו אין אוישן
זעבדיגן אן זיכֿשט ביז דו ווישט וואז הינטר אים שטעקט ·
רבי אלעזר דער הַקַפָּר זאייט דיא נײדונג · אונֿ דיא גילושטונג · אונֿ
דש איינר מֵיר אֵיר בֿיגערט דען ער ווערט איז ·   דיא ברענגן דען
מענשן בֿון דיזר וועלט ·   הוא היה ער זאגט נוך מֵיר

אל דיא גיבורן ווערדן דיא מוזין שטערבן · אונ׳ אל דיא טוטן ווערדן
ווידר לעבנדין ווערדן · אונ׳ ווען זי ווידר לעבנדין ווערדן זא ווירט
מן זיא ריכטן דרום דש דיא לייט זולן ווישן אונ׳ זולן עש לושן ווישן
אונ׳ דש עש זול ווערדן דר קענט דש ער איז גוט ער איז דער
שופפר · ער איז דער בישעפר · ער איז דער אל דינג פרויבט ·
ער איז דער דיין ער איז דער עד ער איז דער מיינשטר דעש
גריכטש ער ווירט הערנוך ריכטן גילובט זייא ער ער טוט ניאנט
אונרעכט · ער זר גישט אויך ניכש ער זר טראגט ניט אנגזיכט · ער
ניאט קיין שוחד · אונ׳ אל דינג איז זיין אונ׳ וויש דש אל דינג ווערט
דעם חשבון נוך זיין אונ׳ דיין יצר הרע זול דיך ניט זר זיכרן דש
דיא גרובא ווערט דיין זלוכטא הויז זיין דש דארפשטו ניט גידענקן
דען אויבר דיין דאנק בישטו ווארדן בישאפן אונ׳ אויבר דיין דאנק
בישטו ווארדן גיבורן אונ׳ אויבר דיין דאנק מושטו לעבן אונ׳ אויבר
דיין דאנק מושטו שטערבן אונ׳ אויבר דיין דאנק מושטו הערנוך צו
רעכט שטין אונ׳ רעכנונג געבן פור דעם קוניג דער דא איז איין
קוניג אויבר אל דיא קוניג הקב״ה

סליק דער וירד פרק רבי חנניא זון עקשיא

דש איז דער פונפט פרק

**בעשרה** מאמרות נברא העולם · מיט ציהן
זאגן הוט גוט דען עולם בישאפן דש
זיין דיא ציהן מול ויאמר די פורן אין
בראשית שטינן ביז אן ויכלו · אונ׳ ווארום הוט ער אין מיט ציהן זאגן
בישאפן הער ער אין דוך וואל מיט איינר זאגן קוינן בישאפן · ער
הוט עש דרום גיטון דש ער זיך וויל ביצאלן פון דען רשעים די דא
מאכן זר לירן דען עולם דער מיט ציהן זאגן איז בישאפן ווארדן ·
אונ׳ דש ער דען צדיקים גוטן לון וויל געבן די דען עולם בישטעטין
דער מיט ציהן זאגן בישאפן איז ווארדן · ציהן גיבורדא זיין

גיוועזן פֿון אדם אן ביש אן נח · דא מיט לושט ער אונש ווישן וויא
גאר לאנגם הקבה צו דר צורנן איז דען אל דיא צעלבין ציהן גבוירד
די דר צורנטן אל הקבה ביז דש ער אויף זי ברוכֿט וואשר דז מבול
· ציהן גבוירדא זיין גיוועזן פֿון נח ביש אן אברהם דא
מיט לושט ער אונש ווישן וויא גאר לאנגם הקבה צו דער צורנן איז
דען אל דיא צעלבן גבוירדא דיא דער צורנטן אויך אל הקבה ביז
דש דא קאם אברהם אונזר ואטר אונ׳ נאם אויף זיך דען לון פֿון אין
אלן · מיט ציהן ערלייא פֿור זוכונג פֿור זוכֿט הקבה אברהם
אונזרן ואטר אונ׳ ער בשטונד אן אינן אלן דא מיט לושט ער אונז
ווישן דיא גרוש ליבשאפֿט דיא הקבה הט צו אברהם אונזרם ואטר
ציהן צאייכֿן וואורדן אונזרן אילטרן גיטון אין מצרים אונ׳
ציהן אויף דעם מיר · ציהן מכות ברוכֿט הקבה אויף די מצריים
אין מצרים אונ׳ ציהן אויף דעם מיר · ציהן מול פֿור זוכֿטן אונזרי
אילטרן הקבה אין דער מדבר אז דער פסוק זאגט אונ׳ זיא האבן
מיך פֿור זוכֿט דש איז דש ציהנד מול אונ׳ ניט זיא האבן גיהורט אין
מיינר שטים · ציהן צאייכֿן גישאכֿן אונזרן אילטרן אים
בית המקדש אונ׳ דש זיין זיא קיינר וראויען גינגניא קיין קינד
אב פֿון דעם גשמאק פֿון דעם האיילגן ולאייש דש מן פֿור ברענט
אויף דעם אוספֿר שטול אונ׳ דש צעלבין ולאייש פֿון קדשים וואורד
אויך נוימר מיר שטינקן עש וואורדא אויך נוימר מיר קיין וליג
גיזעהן אין דעם מעציל הויזא דא מן דיא קרבנות אינן שעכֿטט
עש גישאך אויך ניא קיינם כהן גדול קיין גשיכֿט אם יום כיפורים
דש ער ווער טמא גיווארדן אונ׳ העט ניט דיא עבֿודה קוינן אויש
שון אונ׳ דער רעגן דער פֿור לעשט ניא דז פֿייער דז דא וואר
אן גריכֿט אויף דעם אוספֿר שטול צו דען קרבנות אונ׳ דען ראויך
דער פֿון דעם צעלווין פֿייער אויף גינג דען קונט ניא קיין ווינט ור
וועאן דש ער ניט גלייך גראד וויא איין זייל ווער אויבר זיך גאנגן
בג

אונ׳ עש ווארדא ניא קיין פסול גיבונדן אם עומר דען מן אים
פסח ברוכט אונ׳ דען צווייא ברוט די מן אם שבועות בון דעם
צווייאן קורן ברוכט אונ׳ אן דעם לחם הפנים דש מן אל שבת מושט
אן ריכטן אין דעם בית המקדש אונ׳ ווען זיא וויט שטונדן אין דעם
בית המקדש דש איינר אם אנדרן שטונד אונ׳ ענגן האטן דוך ווען
זיא זיך בוקטן זא ווארדא אינן ווייט · עז טעט אויך ניא קיין שלאנג
אודר קיין ענדיש קיינם מענשן קיין שאדן צו ירושלים · אונ׳ ווען
כל ישראל צום רגל קאמן גין ירושלים דא האט אידרמן וויט אונ׳
הערבירג גינונג דש ניא קיינר העט גישפרוכן צו זיינם חבר דיא
שטאט איז אונז צו ענג דיא צו אויבר גיעכטיגן · ציהן ערלייא
בישוף גוט אם ערב שבת צווישן טאג אונ׳ נאכט דא ער נון האט דיא
גנ׳ן וועלט בישאפן אונ׳ זולט נון שיר שבת ווערדן אונ׳ דש זיין די
דז מונד בון דער ערדן די קרח ור שלאנדא מונד דעש ברונן בון
מרים הנביאה · מונד דער איזלין דיא מיט בלעם רידט · דען רעגן
בוגן · דען מן דען ישראל אין דער מדבר אשן · אונ׳ דען שטאבא
דא משה רבינו זיין נסים מיט טעט · אונ׳ דען ווארם דא מן דיא
שטיין מיט שפאלט צו דעם בית המקדש אונ׳ די לעטרש אונ׳ דיא
גישריפט · אונ׳ דיא שטיינן טאבלן דא דיא עשרת הדברות אן
גישריבן ווארן · איין טאייל זאגן אויך דיא שדים אונ׳ דש קבר דא
משה רבינו אינן בגראבן איז · אונ׳ דש ווידר דש אברהם אבינו צו
קרבן ברוכט אן יצחקש שטאט אונ׳ איין טאייל זאגן אויך די אירשט
צוואנגא דיא מן מיט איינר צוואנגא העט מוזן מאכן · זיבן ערלייא
זיין אן איינם גולם · אונ׳ זיבן ערלייא זיין אויך אן איינם וויזן ·
דער ווייזא דער רידט ניט בור איינם דער קושטליכר איז מער דען
ער מיט ווישהייט אונ׳ מיט דער עלטר · אונ׳ ער ואלט אויך ניאנט
אין זיין רידא · אונ׳ ווען מן אין איצווש ורוגט זא איילט ער ניט צו
ענטוורטן · ער ורוגט גלייך אונ׳ ענטוורט אז רעכט איז · אונ׳
ווען מן אין מער דען איינרלייא

ורונט זא ענטוורט ער אוין דש אירשט צום אירשטן אונ׳ אוין
דש לעצט צום הינטרשטן אונ׳ ווען מן אים עצוויש זאנט אים לערנן
דש ער ניט הוט גיהורט זא שפריכט ער איך הון עש ניט גיהורט
אודר ניט ור שטאנדן אונ׳ שעמט זיך ניט · אונ׳ ער ביקענט אוין
דיא ווארהאייט · אונ׳ דיא דינג זיין אל להפך אן איינם גולם ·
זיבן ארלייא אונגליק קומן אין עולם בון זיבן ערלייא רעכטי גרונדא
עבירות ווענן · ווען איין טאייל לוייט מעשר געבן · אונ׳ איין טאייל
לוייט ניט מעשר געבן דא קומט איין דוירר הונגר אין דען עולם
דז איין טאייל לוייט מוזן הונגר ליידן אונ׳ איין טאייל ווערדן זאט ·
גיבט אבר נימנט קיין מעשר זא קומט איין ור טומילטר אונ׳ איין
דוירר הונגר אונ׳ ווען מן ניט חלה נימט זא קומט איין ור דורבנער
הונגר · דער דבר קומט אין דען עולם אוים ווילן דיא
לוייט די דען טוט ור שולדא האבן אונ׳ דש בית דין טאר זי דוך ניט
דן זיין געבן דעם רעכטן אונ׳ דרום דז מן ניט גיווארנט איז אן דען
פירות דיא דא וואכשן אין דעם זיבנדן יאר אין דער שמיטה ·
קרין קומט אין עולם דרום דז מן דיא לוייט פייניגט אונ׳ ור ניכט אם
גיריכט · אונ׳ דש מן אונרעכטי דינים שפריכט · אונ׳ דרום
דש מן אונרעכטי הוראות אויש דער תורה זאגט · דיא בוזן חיות
קומן אין עולם בון ואלשר שבועות ווענן אונ׳ בון חלול השם ווענן ·
גלות קומט אין דיא וועלט דרום דש מן עבודה זרה דינט
אונ׳ דרום דש מן זנות טרייבט אונ׳ דש
מן גיל בלוט בור גישט אונ׳ דרום דש מן די ערדא ניט רואען לושט
אים זיבנדן יאר · אין ויר צייטן ספלינט דער שינוי אוויר
גיט בהויט אונש שטארק צו קומן אים וירדן יאר בון דער שמיטה
אונ׳ אים זיבנדן יאר אונ׳ ווען דש זיבנד יאר אויש גיט אונ׳ ווען
סוכות אויש גיט אל יאר ווארום קומט ער אים וירדן יאר
דרום דז מן דען ארמן אים דריטן יאר דש מעשר ניט געבן הוט

אונ׳ ווארום קומט ער אים זיבנדן יאר דרום דש מן
דש מַעֲשֵׂר עָנִי אים זיבֿשטן יאר ניט געבן הוט דען מן מושט בֿור
ציטן אין ארץ ישראל אל מול דש דריט אונ׳ דז זיבֿשט יאר בֿון דער
שמיטה דען ארמן דש אנדר מעשר געבן · ווארום קומט ער
דען ווען דש זיבנד יאר אויז גיט דרום דש מן ניט געווארנט איז אן
דען פֵּירוֹת דיא אים זיבנדן יאר וואכֿשן אין דער שמיטה ·
ווארום קומט ער דען אל יאר ווען סוכות אויש גיט דרום דש מן
דיא ארמן בירויבט אונ׳ גיבט אינן ניט אירי גובן דיא מן אין שולדיג
איז צו געבן · וויר ערלייא מִידות זיין אן דען לוייטן ווער
דא זאגט דש מיין איזט מיין אונ׳ דש דיין איז דיין דש איז איין
מיטל מעשיגי מִדָּה אונ׳ איין טאייל זאגן עס זייא דיא מידה בֿון
סְדוֹם ווער דא זאגט דז מיין איז דיין אונ׳ דז דיין איז מיין דער
איז איין עַם הָאָרֶץ ווער דא זאגט דש מיין אונ׳ דש דיין איז דיין
דער איז איין בידרמן ווער דא זאגט דש דיין אונ׳ דש מיין איז
מיין דער איז איין בוזוויכֿט · וויר ערלייא מִדוֹת זיין אן
דען לוייטן ווער דא איז לייכֿט צו דר צוירנן אונ׳ איז אויך לייכֿט
ווידר צו ביוולין עש גיט הין זיין ור לושט מיט זיינם געווין ·
ווער דא איז הערט צו דר צוירנן אונ׳ הערט ווידר צו ביוולין עש
גיט הין זיין געווין מיט זיינם ור לושט · ווער הערט איז צו דר
צוירנן אונ׳ ווען ער צורנינג איז זא איז ער לייכֿט ווידר צו ביוולין
דער איז איין בידרמאן · ווער דא איז לייכֿט צו דר צוירנן
אונ׳ איז דר צו הערט צו ביוולין דער איז איין בוזוויכֿט ·
וויר ערלייא מִידוֹת זיין אן דען תלמידים ווער באלדא בֿור
שטיט אונ׳ ווידר באלד בֿור גישט עש גיט הין זיין געווין מיט זיינם
בֿור לושט ווער ניט באלד בֿור שטיט אונ׳ אויך ניט באלד איין דינג
בֿור גישט עש גיט הין זיין בֿור לושט מיט זיינם געווין ווער איין
דינג באלד בֿור שטיט אונ׳ בֿור גישט עש ניט באלדא ווידר דש איז

איין גוטי טוגנט. ווער אבר איין דינג ניט באלד פֿור שטיט אונ׳
ווען ערש נון קאן זא פֿור גישט ערש דר נו באלד ווידר דז איז איין
בוזי טוגנט. ויר ערלייא מִידות זיין אן דען לייטן דיא דא
צְדָקָה געבן ווער גערן צדקה גיבט אונ׳ ער מאג ניט זעהן דז אנדר
לייט צדקה געבן דער הוט איין בוזא אויגן אן אנדר לייט גוטא
ווער גערן זיכט דש אנדר לייט צדקה געבן אבר ער וויל זעלברט
ניקש געבן דער הוט איין בוזא אויגן אן זיינם איגנן גוטא ווער
גערן גיבט אונ׳ זיכט גערן דש אנדר לייט אויך געבן דער איז איין
חסיד ווער אבר ניט געבן מאג אונ׳ מאג אויך ניט ליידן דש
אנדר לייט געבן דער איז איין בוזוויכט. ויר ערלייא
מִידות זיין אן דען דיא אין דש בֵית הַמִדְרָש גין צום לערנן דער
צום לערנן גיט אונ׳ לערנט ניט דער הוט דענוך איין לון אוים דען
גאנג דען ער גאנגן איז דער דא היים לערנט אונ׳ גיט ניט צום
לערנן דער הוט איין לון דרומ דש ער דא היים גילערנט הוט
דער דא גיט צום לערנן אונ׳ לערנט דער איז איין חָסִיד
דער ניט גיט אונ׳ לערנט דא היים אויך ניט דער איז איין רָשָע
ויר ערלייא מידות זיין אן דען תלמידים די דא
זיצן פֿור דען חכמים אונ׳ לערנן די איין מידה איז אז איין שוואם
דען מן אינש וואשר לייגט דער זיכט אלז אן זיך אזו לערנט ער אויך
אל דינגא. דיא אנדר מידה איז אז איין טרעכטר וויש מן אובן
דריין גישט דז רינט אונטן אלז ווידר הערויש אזא איז דער אויך
וואש ער לאנג לערנט דש פֿור גישט ער אלש ווידר אונ׳ גיט אים
צו איינם אור איין אונ׳ צו דעם אנדרן ווידר אויש
דער דריט איז גלייך וויא איין הֵיפֿן זאק דער לושט
דען ויין דורך זיך רינן אונ׳ ביהאלט דיא היפֿן אזא איז דער אויך
ער ביהאלט דש בוזא אונ׳ דש בעשט פֿור גישט ער אלש.
דער וירד איז גלייך אז איין זיבא דא מן זעמיל מעל מיט מאכט דא

לאניפֿט דש אירשט מעל דורך דש זיבא אונ׳ בלייבט דער גריז אים
זיבא דש מאלט אן דען נוך איין מול דא ווירט שון זעמיל מעל אויש
דש איז ניל בישר דען דש אירשט מעל   אלזא איז דער אויך דער
לערנט אונ׳ ביהאלט דש בישט אונ׳ לושט דש בויזא וארן ·
איין איטליכֿר קרין דער דא איז לְשֵׁם שָׁמַיִם דער
בלייבט צו לנגֿט בשטין   אבר וועלכֿר ניט איז לשם שמים דער הוט
צו לנגֿט קיין בישטאנד   וועלכֿש היישט איין קרין דער דא איז לשם
שמים דש איז דער קרין פֿון הילל אונ׳ שמאי   די קריגטן אימרדר
מיט אננדר אין דער תורה   אונ׳ וועלכֿש היישט איין קרין דער
ניט איז לשם שמים ·   דש איז דער קרין פֿון קֹרַח אונ׳ אל זיינר
זאמלונגא ·   איין איטליכֿי ליבשאפֿט דיא דא הענגט אן
איינר זאך   ווען די זעלבין זאך פֿור גיט זא איז דיא ליבשאפֿט אויך
פֿור גאנגן   אבר איין ליבשאפֿט דיא ניט הענגט אן איינר זאך דיא
זעלבין ליבשאפֿט פֿור גיט נוימר מיר   וועלכֿש הייסט איין
ליבשאפֿט דיא דא הענקט אן איינר זאך   דש איז דיא ליבשאפט פֿון
אַמְנוֹן אונ׳ תָּמָר   אונ׳ וועלכֿש הייסט איין ליבשאפֿט די ניט הענגט
אן איינר זאך   דש איז די ליבשאפֿט פֿון דוד דען קונינג אונ׳ יְהוֹנָתָן
איין איטליכֿר דער אנדר לייט ורום מאכֿט דעם קומט
קיין זינדא צו האנדן   אונ׳ קומט אויך קיין זינדא דורך אין   אבר
ווער אנדר לייט זינדן מאכֿט   דעם ווערט ניט אז ניל וויל דש ער
קאן תְּשׁוּבָה טון   מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וואר ורום אונ׳ מאכֿט אנדר לייט
אויך ורום   דרום הענגט דיא ורומקייט פֿון אנדרן לייטן אן אים
אז דער פסוק זאגט   גירעכֿטיקייט גאטש ער הוט גיטון   אונ׳ זייני
גריכֿט מיט ישראל ·   יָרָבְעָם זון נְבָט דער זינדט אונ׳ מאכֿט אנדר
לייט אויך זינדן   דרום הענגן דיא זינדא פֿון אנדרן לייטן אן אים
אז דער פסוק זאגט   אום ווילן דיא זינד פֿון ירבֿעם זון נבֿט די
ער הוט גיזונדט אונ׳ דיא ער הוט מאכֿן זינדן ישראל ·

איין איטליכר דער דיא דרייא ערלייא די הרנוך שטין אן אים הוט
דער איז פֿון דען תלמידים פֿון אברהם אונזר ואטר אונ׳ ווער דיא
אנדרן דרייא ערלייא אן אים הוט דער איז פֿון דען תלמידים פֿון
בלעם הרשע · איין גוטא אויג אונ׳ איין נידרש געמויט אונ׳ איין
טעמוטיגן לייבא דער איז פֿון דען תלמידים פֿון אברהם אבינו ·
אבר איין בוזא אויג אונ׳ איין הוהעש געמויט אונ׳ איין הופֿרטיגן
לייבא דער איז פֿון דען תלמידים פֿון בלעם הרשע · אונ׳ ווש
איז נון דער אונטר שאייד צווישן דען תלמידים פֿון אברהם אבינו
אונ׳ צווישן דען תלמידים פֿון בלעם הרשע · דיא תלמידים פֿון
אברהם אבינו דיא האבן אלש גוטש אין דעם עולם אונ׳ ערבן דר צו
דען עולם הבא · אז דער פסוק זאגט · צו מאכן ערבן מייני
ורוינד דען עולם הבא דז האב איך וואל אונ׳ אירי ביהעלטניש איך
וויל פֿולן אין דעם עולם · אבר דיא תלמידים פֿון בלעם הרשע דיא
ערבן דש גיהנם · אונ׳ זיא נידרן אין דיא אלר אונטרשט גרובא אז
דער פסוק זאגט · אונ׳ דו גוט דו זולט מאכן נידרן זיא אין דיא אלר
אונטרשט גרובא דיא מאכן דיא שולדיגן אונ׳ דיא לישטיגן · אונ׳ זיא
זולן ניט הלבא אויש לעבן אירי טעג אבר איך · איך ור זיכר מיך אן
דיך · יהודא זון תימא זאגט · זייא וועשט אז איין ליפארט
אונ׳ גרינגא אז איין אדלער אונ׳ לויפֿ׳ אז איין הירז · אונ׳ שטארק
אז איין לייבא צו טון דען ווילן דיינש ואטרש דער אים הימל איז ·
הוא היה ער זאייט מיך מיר איין עזות פנים קומט אין דז
גיהנם איין שעמין פנים אין דש גן עדן · עז זול זיין ווילן צו פֿור
פֿור דיר גוט אונזר גוט אונ׳ גוט אונזרר פֿורדרן דש עש זול ווערדן
גבויאעט דש בית המקדש באלדא אין אונזרן טאגן אונ׳ גיבא אונש
אונזר טייל אין דיינר תורה · זון בן בג בג זאייט קיר די
תורה אוים אונ׳ ווידר הר אוים אונ׳ דר טורן זיא אופט · דען דז
וינדשט אל דינג דרינן אונ׳ בלייבא בייא איר אונ׳ פֿון איר זולשו ניט

ור וואנגן · דען עז איז קיין בישרי מידה דען תורה לערנן ·
זון הא זאייט דרנוך דו דיר וויא טושט אוב דיר תורה לערנשט
דר נוךווירט דיין לון ויל זיין · שמואל הקטן דער זאייט
ווען דיין ויינדא ואלט זא ורייא דיכש ניט · אוב ווען ער
שטרויכלט זא זול זיך דיין הערץ ניט ורייען · לייכט מוכט עש
גוט זעהן אוב מוכט אים אויבל געבאלן אין זיין אוגן · אוב מוכט אב
טון זיין צורן בון אים אוב מוכט אין אויף דיך טון · דער זעלבג
שמואל זאייט נוך מיר איין זון בון בוינף יארן זול פסוק לערנן ·
איינר בון ציהן יארן זול משנה לערנן · איינר בון דרייציהן יארן
איז בר מצוה אוב איז שולדיג מצות צו טון · איינר בון בוינפציהן
יארן זול תלמוד לערנן · איינר בון אכציהן יארן זול איין ווייבא
נעמן · איינר בון צווינציק יארן זול יאגן נוך דער נארונג ·
איינר בון דרייסיק יארן דער הוט זיין קראפט גאר : איינר בון
וירציק יארן דער היישט נון וואל איין ור נוינפטיגר מאן · איינר
בון בוינפציק יארן מג מן וואל אין איין עצה נעמן · איינר בון
זעכציק יארן דער היישט איין אלטר מאן · איינר בון זיבנציק
יארן הייסט איין גרייז גרואער מאן · איינר בון אכציק יארן
דער מוש בטבע איין שטארקר מאן זיין דש ער אזו לנג לעבט ·
איינר בון נויינציק יארן דער געהורט אין דש קבר · איינר בון
הונדרט יארן דער איז גלייך אז ווער ער שון טוט אוב ור גאנגן אוב
ור שטורט בון דיזם עולם

סליק דער בוינפט פרק רבי חנניא זון עקשיא

דז איז דער זעכשט פרק

# שנו חכמים

זיא האבן געלערנט אונזר
חכמים אין שפראך דער
משנה געלובט זייא דער
דער דא הוט דר וועלט אן איבן אוב אן אירם לערנן · רבי

מאיר זאייט   איין איטליכר דער דא ערבייט אין דער תורה לשם
שמים דער איז זוכה צו ויל זכן אונ׳ ניט דז אליין זונדר דז ער דעש
גאנצן עולם וואל ווערט איז · ער ווערט גיהייסן איין גיזעל אונ׳ איין
ורינדא · ער הוט ליבא דען בורא אונ׳ הוט ליבא דיא לוייט : ער
דר ורייעט דען בורא אונ׳ דיא לוייט אונ׳ די תורה קלאיידט אין אן
מיט דעמוטיקאייט אונ׳ מיט גוטש בורכט אונ׳ זיא רעכט ורטיגט
אין צו זיין איין צדיק אונ׳ איין חסיד אונ׳ איין רעכטוערטיגר וואר
הפטיגר מאן אונ׳ זיא מאכט אין זיך וערן בון זינדן אונ׳ גינעהט אין
צו ווירדיקייט אונ׳ אידראן גישט זיינש גוטן רוטש אונ׳ זיינר תורה
אונ׳ זיינר בור שטענדיקייט אונ׳ זיינר שטערק   אז דער פסוק
זאגט צו מיר איז דער רוטא אונ׳ דיא תורה איך בין אייטל ור נופט
אונ׳ צו מיר איז דיא שטערק   אונ׳ זיא גיבט אים דש קוניגרייך
אונ׳ גיוועלטיקאייט אונ׳ בורשונג דעש גריכט אונ׳ מן אנפליקט אים
דיא בור בוירקניש בון דער תורה   אונ׳ ער ווערט גלייך אז איין
קוועל ברונן דער ניט אויף הורט צו קוועלן   אונ׳ אז איין באך דער
זיך שטערקט אונ׳ אי לענגר אי גרושר ווערט אונ׳ זיא מאכט אין דז
ער צניכטיג ווערט אונ׳ איין לאנגן גימויט גיווינט אונ׳ דש ער בור
צייהט אויף זיין שאנדא   אונ׳ זיא אכפרט אין אונ׳ דר הוהעט אין
אויבר אלי ווערק ·   ער זאגט רבי יהושע זון לוי אלי
טעגליכי טאג גיט איין שטים אויז דעם בערג חורב אונ׳ שרייט אויז
אונ׳ זאגט וויא דען לוייטן דש זיא דיא תורה אזא שמאליך הלטן אונ׳
ניט לערנן דען ווער דא ניט ערבייט אין דער תורה דער איז
גיהייסן איין בור שמעכטר   אז דער פסוק זאגט   אז איין גילדן
נאז באנד אן דער נאז דעש חזיר · אזא איז גלייך איין שוני ורואיא
דער דער אוטם שטינקט · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אונ׳ די טאבלן
דיא זיין ווערק גוטש אונ׳ די גישריפט איז גישריפט גוטש חרות על
הלחות גיגראבן אויף דען טאבלן · דו זולשט עז ניט לייאן חרות דש

איז גיגראבן טוייטשא נוייערט חרות דש איז ורייא טוייטש דען עז
איז קיינר ורייא דען ווער דא תורה לערנט אונ׳ איין איטליכר דער
דיא תורה לערנט דער ווערט דר הויכט אז דער פסוק זאגט אונ׳
די תורה ווארד גיגעבן אים טאל אונ׳ בום טאל אין די הוך ·

איינר דער בון זיינם חבר לערנט איין פרק אודר איין הלכה אודר
איין פסוק אודר נוייערט איין רידא אליין דער איז שולדיג דש ער
אין זול אין אירן הלטן דען מן וינט עז אזו גישריבן בייא דוד המלך
דער האט ניט מין גילערנט בון אחיתופל נוייערט צווייא
ערלייא אליין אונ׳ היש אין דענוך זיין רבי זיין לערנר אונ׳ זיין
ורוינד אז דער פסוק זאגט אונ׳ דו בישט איין מענש אז קושטליך
אז איך בין מיין לערנער אונ׳ מיין ורוינדא איז דש נון ניט איין קל
וחומר דוד דער וואר דוך איין קוניג איבר אל ישראל אונ׳ האט
ניט מיר דען צווייא ערלייא גילערנט בון אחיתופל דענוך היש ער
אין זיין רבי אונ׳ זיין לערנער אונ׳ זיין ורוינד ווען נון איינר בון
זיינם חבר לערנט איין פרק אודר איין הלכה אודר איין פסוק אודר
נוייערט איין רידא מכל שכן דש ער אין מוז אין אירן הלטן אונ׳
עש איז קיין איר נוייערט דיא תורה אז דער פסוק גיט איר דיא
חכמים זיא ווערדן ערבן אונ׳ די גאנץ ורומן זי ווערדן ערבן גוטש
אונ׳ עש איז קיין גוטש נוייערט דיא תורה אז דער פסוק זאגט
ווען איין גוטי לערנונג האב איך גיגעבן צו אייך מיין תורה זולט איר
ניט בור לושן · אזא איז דער זיטן בון דער תורה

ווער זיא לערנן וויל זאלץ אונ׳ ברוט זולשטו עשן אונ׳ וואשר מיט
דער מאש זולשטו טרינקן אונ׳ אויף דער ערדא זולשטו שלופן אונ׳
איין הערט לעבן זולשטו לעבן אונ׳ אין דער תורה זולשטו ערבייטן
טושטו אזו זא וואל דיר אונ׳ גוטש צו דיר וואל דיר אין דיזר וועלט
אונ׳ גוטש צו דיר אין יענר וועלט ·

אל דו זולשט ניט בגערן אכפרקייט אונ׳ זול דיך ניט

לושטן איר טוא גוטי ווערק איר דען דיין לערנן אונ' קונן איז דז
גלושט דיך איך ניט לושן גלוישטן אויף דיא טיש בון דען מלכים
דען דיין טיש איז קושטליכר מיר דען איר טיש אונ' דיין קרון איז
אכפרר מיר דען איר קרון אונ' ער איז ווארהפטיג דער מייסשטר
דעם דו ערבייטשט דש ער דיר ווערט בצאלן דען לון בון דיינר
ערבייט · די תורה איז קושטליכר מיר דען די כְּהֻנָּה
אונ' מיר דען דש קונינג רייך דען דש מַלְכוּת דש הוט דרייאשיק
מַעֲלוֹת אונ' דיא כְּהֻנָּה הוט ויר אונ' צווינציק מעלות אבר דיא
תורה ווירט גקאויפט מיט עכט אונ' וירציק ערלייא זאכן אונ' דש
זיין דיא מיט לערנן מיט צו הורן דעש אור מיט אן ריכטונגא
דער לעפצן מיט ור נופט דעש הערצן מיט אנגשט מיט בורכט
מיט דעמוטיקייט מיט ורוידא אונ' דש מן דען חכמים דינן זול
אונ' דש זיך דיא חברים מיט לערנן צו אננדר ביהעפטן אונ'
דש דיא תלמידים מיט אננדר מְפַלְפֵל זיין מיט בירוטר דיעה מיט
פסוק לערנן מיט מִשְׁנָה לערנן מיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ מיט לאנגזאם צורן
מיט וואל גמוטם הערצן מיט גלויבן אן דיא חכמים מיט אן נעמן
דיא יסורים מיט ווינינג שלופן מיט ווינינג סחורה טרייבן מיט ווינינג
רידן מיט ווינינג זענפטיגונג מיט ווינינג לאכן מיט ווינינג נוך דער
נארונגא שטין אונ' דער זיך זעלברט דער קענט אונ' דער זיך
ורייעט מיט דעם דש ער הוט אונ' דער איין צוין צו זיינן רידן
מאכט דז ער ניקש אונרעכטש רידט אונ' דער זיך זעלברט ניט
גוט דונקט זיין אונ' דער דא גליבט איז אונ' דער דען בורא ליבא
הוט אונ' דער דיא לוייט ליבא הוט אונ' דער די רעכט וערטיקייט
ליבא הוט דער דיא שטרופונג ליב הוט דער זיך וערט בון דער
איר אונ' יאגט ניט נוך דער איר אונ' איז ניט הופרטיג זיין הערץ
אין דען הוראות אונ' דער דא טראגט אים יוך מיט זיינם חבר
אונ' איז זיין חבר בן צו אייטיל גוטש אונ' אונטר ריכט זיינן חבר

ורידא אונ׳ אונטר ריכֿט אין אוין דיא ווארהאייט אונ׳ הוט איין
בירוט הערץ אין זיינם לערנן ער ורונט אונ׳ ענטוורט ער הורט
איין דינג אונ׳ מירט דרויף צו לערנן דער דא לערנט דרום דז ער
קוינן וויל אונ׳ דער דא לערנט דרום דש ער דיא מצוֹת טון וויל
דער דא מאכֿט ווייזא זיין רבי אונ׳ דער דא פרוּבֿט וואש אים
דער רבי זאגט אונ׳ דער איין דינג זאגט אין דעש נאמן דא ערש
בֿון גיהורט דא בֿון לערנט מאן ווען איינר איין שְׁמוּעָה זאגט אין
דעש נאמן דא ערש בֿון גיהורט הוט דער ברענגט איין גְאֻלָּה אין
עולם אז דער פסוק זאגט אונ׳ זיא זאגטש אֶסְתֵּר דעם קוינינג אין
מָרְדְּכַי׳ש נאמן · וויא קוּשטליך איז דיא תּוֹרָה דש זיא גיבט לאנג
לעבן צו דעם דער זי האלט אונ׳ טוט אין דער וועלט אונ׳ אין יענר
וועלט אז דער פסוק זגט ווען איין לאנג לעבן זיין דיא מצוֹת צו דען
דיא זי וינדן אונ׳ צו אל זיים לייבא איין האיילונג אונ׳ נוך איין פסוק
זאגט איין האיילונג איז זיא צו דיינם נאבֿיל אונ׳ מארק צו דיינן
גיבאיין אונ׳ נוך איין פסוק זאגט ווען איין ביהעפֿטונג וויטזעליג
קייט זיין זיא צו דיינם האויבט אונ׳ שוני גולר צו דיינר קעלן אונ׳
נוך איין פסוק זאגט זי ווערט געבן צו דיים האויבט ביהעפֿטונגא
ווייטזעליקייט איין שוני קרון ווערט זי איבר ענטוורטן דיר אונ׳
נוך איין פסוק זאגט ווען איין באוים דעש איווין לעבן איז זיא
צו דענן דיא דא בינרייפֿן אן איר אונ׳ איר אונטר לאיינר ווערט
גישטערקט אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אירי וועג זיין זוישי וועג אונ׳
אונ׳ אל אירי שטיינג זיין ורידליך · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט לאנגי
טעג אן אירר רעכֿטן זייטן אונ׳ אן אירר לינקן זייטן רייכֿטום אונ׳
אֵיר · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט ווען לאנגי טעג אונ׳ יאר דעש
איווין לעבן זיא ווערן מירן צו דיר · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט
ווען אן מיר זיא ווערדן זיך מירן דייני טעג אונ׳ זיא ווערדן מירן צו
דיר יאר דעש איווין לעבן · ער זאגט

רבי יהושע בֿון וועגן רבי אליעזר דיא שונהאייט אונ֞ דיא קראפֿט
אונ֞ דיא רייכֿטום · אונ֞ די חכֿמה אונ֞ די גרייזקאייט אונ֞ די קינדר
אונ֞ דיא איֵר · דש ציאט וואל צו דען צדיקים · אונ֞ ציאט וואל דער
וועלט אז דער פסוק זאגט · איין שוני קרון איז דיא גרייזקייט אים
וועג דער צְדָקָה ווירט זיא גיבֿונדן · אונ֞ נוך איין פסוק זאגט
שונהאייט דער יונגן איז איר קראפֿט אונ֞ שונהאייט דער אלטן איז
דיא גרייזקייט · אונ֞ נוך איין פסוק זאגט איין קרון דער איֵלטרן
זיין דיא קינדש קינדר · אונ֞ דיא שונהאייט דער קינדר דש זיין
איר בֿורדרן · אונ֞ נוך איין פסוק זאגט אונ֞ זיא ווערדן ור שעמט
דיא דא דינן דער לְבָנָה · אונ֞ זיא ווערדן ור שעמט דיא דיא דא
דינן דער זונן · ווען ער הוט גיקוינגט גוט דער הער
אן דעם בערג ציון אונ֞ אין יְרוּשָׁלַיִם אונ֞ גגן זיינן אלטן איֵר ·
רבי שמעון זון מְנַסְיָא זאייט דיזי מִדוֹת דיא דיא חכֿמים דא גיצילט
האבן דיא זיין אל גיוועזן אן רבי אונ֞ אן זיינן זונן · בֿוינף
ערלייא בשעפֿניש הוט גוט אין זיינם עולם ליפליך בישאפֿן מיר דען
אנדרי בישעפֿטניש אונ֞ דש זיין זיא · דיא תורה איינש · הימל
אונ֞ ערדא איינש דש בית המקדש איינש אבֿרהם אבֿינו איינש
ישראל איינש וואש ווייש איך דש עש אזו איז · דיא תורה
דא גיט דער פסוק אוין׳ גוט הוט בישאפֿן מיך אירשטן זיינש וועגש
בֿור אלן זיינן ווערקן בֿון דעם זעלבן מול · הימל אונ֞ ערדא גיט
דער פסוק אוין׳ אזא ער הוט גיזאגט גוט דיער הימל איז מיין שטול
אונ֞ דיא ערדא איז איין שעמיל מיינר בֿויש · ווערכֿש איז דען
איין הויזא דש איז מיר קוינט בויאן אונ֞ ווערכֿש קאן דען זיין איין
אורט מיינר רואונג אוין׳ אבֿרהם זאגט דער פסוק אונ֞ ער בֵינשט
אין אונ֞ ער זאייט גיבענשט זייא אבֿרם צו גוט דעם אוברשטן
דער דא הוט בישאפֿן הימל אונ֞ ערדא אוין׳ ישראל זאגט דער
פסוק ביש עז אובר וארט דיין בֿולק גוט ביש עש אובר וארט דש
[illegible]ולק דש ליבא דש דו הושט בישאפֿן · אונ֞ נוך איין פסוק זאגט

אים וולן די האיילין אָבֿות די אין דער ערדן זיין אונ׳ דיא שטארקן
דא אל מיין בינגער איז אן אינן · דש בית המקדש דא שטיט דער
פסוק גשריבן דש בית המקדש גאט זיא האבן ביראייט דייני הענד
אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אונ׳ ער הוט גיברוכֿט זיא צו זיינם
האיילגן געמערק דען בערג דען דיזן דען הוט בישאפֿן זיין רעכֿטי
הנאט · ער זאייט רבי יוסי זון קִסְמָא איין מול בין איך אם וועג
גאנגן דא בינגנט מיר איין מאן דער גאבא מיר שָׁלוֹם אונ׳ איך גאבא
אים ווידר שָׁלוֹם דא זאייט ער צו מיר רבי בֿון וועלכֿר שטאט זייט
איר דא זאייט איך צו אים איך בין בֿון איינר גרושן שטאט דא
אייטיל חכֿמים אונ׳ סופֿרים אינן זיין · דא זאייט ער צו מיר רבי
וואלט איר וואונן בייא אונז אין אונזר שטאט זא ויל איך אייך געבן
טויזנט מול טויזנט אורטר גילדן דא זאייט איך צו אים אונ׳ ווען
דו מיר געבשט אל דש זילבר אונ׳ גולדא דש אין דער וועלט איז זא
וואלט איך דענוך ניט געגנט וואונן דען אין איינר שטאט דא מן תורה
אינן לערנט דען מן וינט אזא גישריבן אין דעם סֵפֶר תְּהִלִּים דורך
דָוִד קונינג ישראל זיא איז מיר בֶּישר דיא לערנונג דיינש מונדש
מֵיר ווען ויל טויזנט גולדא אונ׳ זילבר · דען אין דער צייט ווען
איין מענש בֿון דיזם עולם שאיידט זא בילאייט אין ניט זיין זילבר
נוך זיין גולדא נוך זיין אֲבָנִים טוֹבוֹת אודר זייני פערליך נוייערט
זיין תורה אונ׳ מַעֲשִׂים טוֹבִים אז דער פסוק זאגט אין דיינם גן זי
ווערט בֿוירן דיך אין דיינם ליגן זיא ווערט הויטן דיך אונ׳ ווען
דו ווערשט אנטוואכֿן זיא ווערט רֵידן בֿור דיך אין דיינם גן זיא
ווערט בֿוירן דיך דש מיינט אין דיזם עולם · אין דיינם ליגן זיא
ווערט הויטן דיך דש מיינט אים קֶבֶר · אונ׳ ווען דו ווערשט
אנטוואכֿן זיא ווערט רֵידן בֿור דיך דש מיינט צו תְּחִיַּת הַמֵּתִים ·
אונ׳ נוך איין פסוק זאגט מיין איז דש זילבר אונ׳ מיין איז דש גולדא
זאגט גאט דער הֵיר · כו׳ מַה׳ אלש דש הקבה הוט בישאפֿן אין

זיינר וועלט דש הוט ער גוייערט בון זיינר איר וועגן בישאפֿן אז דער פסוק זאגט אלש דש מן געבן קאן אין מיינם נאמן אונ' צו מיינר איר הון איכש בישאפֿן · איך הון עש בישאפֿן אונ' הון עז אויך גימאכֿט · אונ' נוך איין פסוק זאגט גוט ער ווערט קוניגן צו אוימר אונ' איוויג ·

## רבי חנניה

זון עקשיא זאייט ער הוט גוואלט הקבה צו ווירדיגן ישראל דארום הוט ער אין ויל תורה אונ' מצות געבן אז דער פסוק זאגט גוט הוט גיוואלט אום ווילן זיינר גרעכֿטיקאייט ער הוט גימאכֿפרט די תורה אונ' הוט זי גישטערקט ·

דיא פרקים האבן איין ענד גוט שטערק אונז אונזר הענד ·

דז שמנה עשרה אורט מן אם ראש השנה צו מנחה אונ' צו מעריב אונ' צו יוצר

## ייי שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך

גוט מייני לעפצן דו זולשט אפֿנן אונ' מיין מונד זול קונדן דיין לובא

## ברוך

אתה גילובט זיישטו גוט אונזר גוט אונ' גוט אונזרר בורדרן גוט אברהם גוט יצחק אונ' גוט יעקב דער גוט דער אכֿפר דער שטארק אונ' דער בורכֿטגן גוט דער אוברשט דער דא ור גילט גוטי גינודא אונ' ער בישאפֿט אל דינג אונ' ער גידענקט דיא גינודא דער בורדרן אונ' ער ברענגט איין לוזער צו אירן קינדש קינדן אום ווילן זיין נאמן מיט ליבשאפֿט

**זכרנו** לחיים גידענק אונש צו לעבן דער קוניג
דער דא בִיגערט אם לעבן אונ׳ שרייבא
אונש אין בוך דעש איוויגן לעבן אום דיינן
ווילן לעבנדיגר גֿט דער קוניג דער דא איז איין העלפר אונ׳ ער
הילפט אונ׳ בישירמט · גילובט זיישטו גֿט דער דא הוט בישירמט
אברהם ·

**אתה** גבור דו בישט איין שטארקר צו איוויג גֿט דער
דא מאכט לעבנדיג דיא טוטן בישטו אונ׳ איין
מיינשטר צו העלפן ער שפייזט דיא לעבנדיגן
מיט גינודא ער מאכט לעבן דיא טוטן מיט ויל דר בארמיקייט ער
אונטר לייגט דיא דא ואלן אונ׳ ער היילט דיא קראנקן אונ׳ מכט לידיג
דיא גיבאנגן אונ בישטעטיגט זיין ווארהייט צו דענן דיא דא שלופן
אין דער ערדן ווער איז אז דו איין שטארקר מיינשטר אונ׳ ווער
איז דיר גלייך דער קוניג דער דא טוט אונ׳ מאכט לעבנדיג אונ׳
מאכט שפרושן דיא הילף

**מי כמוך** ווער איז אז דו איין דר בארמיגר ואטר
ער גידענקט זייני בישעפניש צו לעבן
מיט דר בארמיקאייט אונ׳ ווארהאפטיג
בישטו צו מאכן לעבן דיא טוטן · גילובט זיישטו גֿט דער דא מאכט
לעבן דיא טוטן ·

**אתה קדוש** דו בישט הייליג אונ׳ דיין נאמן
איז הייליג אונ׳ דיא הייליגן אל
טאג זיא לובן דיך אל ווענן

**ובכן** תן פחדך אונ׳ דא מיט גיבא דיין אנגשט
גֿט אונזר גֿט אויף אל דייני ווערק · אונ׳
דיין בורכט אויף אלז דז דו הושט בישאפן
· אונ׳ זיא ווערדן בורכטן דיך אל דיא ווערק · אונ׳ זיא ווערדן זיך

נאייגן פור דיר אל דיא דא זיין ווארדן בישאפן · אונ׳ זיא ווערדן
גימאכט אל זאמן אז איין בונט צו טון דיינן ווילן מיט גאנצם הערצן ·
אז וויר וואל ווישן גאט אונזר דש דער געוואלט איז פור דיר דיא
קראפט איז אין דיינר לינקן הנט אונ׳ דיא שטערק אין דיינר רעכטן
האנט · אונ׳ דיין נאמן איז פורכטזם אויף אלש דש דו הושט
בישאפן ·

**ובכ** תן כבוד אונ׳ דא מיט גיבא איר גאט צו דיינם
בולק לובא צו דיינן פורכטרן אונ׳ הופנונגא צו
דענן דיא נוך דיר פורשן אונ׳ איין גוטי אויז
רידא צו דען דיא צו דיר הופן איין ורײדא צו דיינם לאנדא אונ׳
איין וואון צו דיינר שטאט אונ׳ שפראשונגא הערשאפט צו דויד דיינם
קנעכט אונ׳ אן ריכטונגא דעש ליכט צו זון ישי דיינם געזאלבטן
באלדא אין אונזרן טעגן ·

**ואז** אונ׳ דען דיא צדיקים זיא ווערן עש זעהן אונ׳ זיא
ווערדן זיך ורייען אונ׳ דיא רעכט ועַרטיגן זיא
ווערדן זיך ורייען אונ׳ די חסידים מיט געזאנג
זיא ווערדן זיך ורייען אונ׳ דיא אונרעכט ווערט צו שלישן אירן
מונט אונ׳ אל דיא בושהייט אל צו מול אז איין רויך זיא ווערט פור
גין ווען דו ווערשט אבא טון דען מוטווילין געוואלט פון דער ערדן ·

**ותמלוך** אונ׳ דו זולשט קונינן גאט דו אליין בלד
אויף אל דייני ווערק אן בערק ציון
רואונג דיינר איר אונ׳ אין ירושלים
דיינר הײלגן שטאט אז דא איז געשריבן אין דיין הײלגן כתובים
ער ווערט קונינן גאט צו איוויג דיין גאט ציון צו געבורדא אונ׳ געבורדא
לובט גאט

**קדוש**

האיילגן בישטו אונ׳ איין בורכטזאר איז דיין
נאמן אונ׳ איז קיין גאט און דו אליין
אונ׳ דער פסוק זאגט אונ׳ ער איז הוך גאט
דער הער אין גיריכט אונ׳ גאט דער היילגער איז ווארדן גיהאיילגט
מיט גירעכטיקאייט : גילובט זייסטו גאט דער קונינג דער האיילג ·

**אתה בחרתנו**

דו הושט דר וועלט אונז
בון אל דען בולקרן דו
הושט ליבא אונש אונ׳
הושט אונש אן גינומן אונ׳ הושט דר הוכט אונש מיר דען אלי
שפרוכן אונ׳ דו הושט גיהאיילגט אונש מיט דיינן גיבוטן אונ׳ דו
הושט גינעהט אונש אונזר קונינג צו דיינם דינשט אונ׳ דיין נאמן
דען אכפרן אונ׳ דען האיילגן אויך אונש דו הושט גירופן אונ׳ דו
הושט געבן צו אונש גאט אונזר גאט מיט ליבשאפט דען · טאג
דען שבת דען דיזן אונ׳ · טאג דער גידעכטניש דען דיזן ·
טאג דער שאלונג רופונג האיליקייט איין גידעכטניש צו דעם אויש
גאנג בון מצרים

**אלהינו**

אונזר גאט אונ׳ גאט אונזרר אלטרן עש זול
אויף גין אונ׳ עש זול קומן עש זול גיראייכן
עש זול ווערדן גיזעהן אונ׳ עש זול ווערדן
אן גינעמן אונ׳ זול ווערדן גיהורט אונ׳ זול ווערדן גידוכט אונ׳ עש
זול ווערדן גידוכט אונזר גידעכטניש אונ׳ אונזר ביבעלונג אונ׳
גידעכטניש אונזרר בורדרן אונ׳ גידעכטניש משיח זון דוד דיינש
קנעכטש אונ׳ גידעכטניש ירושלים דיינר האיילגן שטאט אונ׳
גידעכטניש אל דיין בולק גינדא ישראל צו בור דיר צו אנטרינונג צו
גוטם צו לייטזעליקייט צו גינוד צו דער בארמונג צו לעבן אונ׳ צו וריד
אן טאג דער גידעכטניש דען דיזן גידענק אונש גאט אונזר גאט אן

איך צו גוטם · אונ׳ ביהיט אונש אן איך צו בענשונג · אונ׳ היל״ף
אונש אן איך צו לעבן אונ׳ מיט רידא הילף אונ׳ דר בארמיקאייט דר
בארם דיך אונ׳ ווייטצלינג אונש · אונ׳ דר בארם דיך אויף אונש
אונ׳ הילף אונש · ווען צו דיר זיא הנגן אונזרי אויגן וואן איין גוט איין
קוניג איין ווייטצליגר אונ׳ איין דר בארמיגר בישטו ·

**אלהינו** אונזר גוט אונ׳ גוט אונזרר בורדרן זייא
קוניג אובר דיא גאנץ וועלט אל צו מול
מיט דיינר איר · אונ׳ הערשא אובר אל
דיא לאנדא מיט דיינר ווירדיקאייט · אונ׳ דר ווייזט מיט שונהאייט
הערשאפט דיינר שטערק אויף אלי זיגר דער ערדן דיינש לאנדש
זא וועדט ווישן איין איטליכש ווערק דז דו הושט געווערקט אין אונ׳
וירט פרובן איין איטליכש בישעפניש דש דו הושט בישאפן אין ·
אונ׳ זי ווערדן זאגן אלי דיא דא איין נְשָמָה האבן אין אירן נאזן
גוט גוט ישראל איז דער רעכט קוניג · אונ׳ זיין קוניגרייך איז אן
אידרמאן געוועלטיג ·

**קדשנו** האיליג אונש מיט דיינן מִצְוֹת · אונ׳ גיבא
אונז אונזר טאייל אין דיינר תורה · מאך
זאט אונז בון דיינם גוטן · אונ׳ דר וראייא
אונש מיט דיינר הילף · אונ׳ ראייניג אונזר הערץ צו דינן דיר מיט
ווארהאייט · ווען דו בישט גוט ווארהפטיג · אונ׳ דיין רידא אונזר
קוניג איז ווער אונ׳ בלייבט איוויג · געלובט זיישטו גוט דער קוניג
אובר אל דיא לאנד דער דא האיליגט · ישראל אונ׳ דען שבת
דען טאג דער געדעכטניש

**רצה** נים אן גוט אונזר גוט דיין בולק ישראל אונ׳ איר
תפילה · אונ׳ מאך ווידר קירן דען דינשט
צו פאלש דיינש בית המקדש · אונ׳ דיא בוייער
אופפר ישראל אונ׳ איר תפילה מיט ליבשאפט דו זולשט אנפאנגן

מיט גוטם ווילן  אוני זיא זול זיין צו גוטם ווילן שטעטליך דיא דינשט
ישראל דיינש בֿולקש  אוני זיא זולן זעהן אונזרי אויגן זא דו ווערשט
ווידר קירן צו ציון מיט דר בארמיקייט  גילובט זיישטו גוט דער דא
מאכֿט ווידר קירן זיין שְׁכִינָה צו ציון

# מודים

וויר ביקענן דיר דש דו בישט גוט אונזר גוט
אוני גוט אונזרר בֿורדרן אויאר אוני איוויג
שוספֿר אונזרש לעבן איין שילט אונזר הוילף
בישטו  צו גבורדא אוני גבורדא וויר וואלן לובן דיך אוני וויר וואלן
דר צילן דיין לובא  אויף אונזר לעבן דש דא איז גיענטוורט אין דיין
גיוואלט אוני אויף אונזרי נְשָׁמוֹת דיא דיר ביבֿולהן זיין  אוני אויף
דייני צאייכֿן די אל טאג מיט אונש זיין · אוני אויף דייני וואונדר אוני
דייני גוטא די אלי טאג צייט אובנט אוני מורגנש אוני מיטאג זיין · דו
גוטר גוט דש ניט זי זיין בֿולענדט דייני דר בארמיקאייט אוני דו דר
בארמיגר גוט דז ניט זי זיין צו גאנגן דייני גינוד בֿון איוויג וויר הופֿן צו
דיר ·  אוני אויף זי אל צו מול ער זול זיין גילובט אוני ער זול זיין דר
הוכֿט דיין נאמן אונזר קוניג שטעטליך אויאר אוני איוויג  וּכְתוֹב
אוני שרייבא אן צו גוטם לעבן אלי קינדר דיינר זיכֿרהאייט  אוני
אלי די דא לעבן זיא ווערן לובן דיך אל וועגן  אוני זיא ווערן לובן דיין
נאמן מיט ווארהאייט  דער גוט דער דא איז אונזר הוילף אוני אונזר
בייא שטאנד אל וועגן  גילובט זיישטו גוט דש גוטא איז דיין נאמן אוני
צו דיר ציאט וואל צו לובן

# אלהינו

אונזר גוט אוני גוט אונזרר בֿורדרן  בענש
אונש מיט דער בְּרָכָה דיא דא איז גידריט
אין דער תורה ·  די דא איז גשריבן דורך
מֹשֶׁה דיין קנעכֿט  דיא דא איז ווארדן גיזאגט בֿון מונט אַהֲרֹן  אוני
זיינר זון דיא כֹּהֲנִים דיין הייליגש בֿולק אז דא איז ווארדן גיזאגט ·

**יברכך** ער זול בענשן דיך גׄט אונ׳ ער זול ביהויטן דיך · **יאר** ער זול דר לוייכטן גׄט זיין שְׁכִינָה צו
דיר אונ׳ ער זול לוייטזעליגן דיך · **ישא** ער זול ביצוינגן גׄט
זיין צורן צו דיר אונ׳ ער זול מאכן צו דיר ורידא

**שים** שָׁלוֹם טוא ורידא גוטש אונ׳ בענשונגן אונ׳ לוייט
זעליקייט אונ׳ גינודא אונ׳ דר בארמיקייט אויף
אונש אונ׳ אויף אל ישראל דיין בֿולק בענש
אונש אונזר ואטר אונש אלי זאמן מיט ליכט דיינר שכינה ווען מיט
ליכט דיינר שכינה הושטו אונז געבן גׄט אונזר איין תורה דעש
איוויגן לעבן אונ׳ ליבשאפט גינוד אונ׳ גירעכטיקייט אונ׳ בענשונגן
אונ׳ דר בארמיקייט אונ׳ לעבן אונ׳ ורידא · אונ׳ עש גיבֿאלט וואל
אין דיין אויגן צו בענשן דיין בֿולק ישראל אין אלר צייט אונ׳ אין אלר
שטונד מיט דיינם ורידא גלובט זיישטו גׄט דער דא בענשט זיין
בֿולק ישראל מיט ורידא ·

**בספר** חַיִים אין בוך דעש לעבן בענשונגא אונ׳
ורידא אונ׳ גוטי נארונגא וויר זולן ווערדן
גידוכט אונ׳ וויר זולן ווערדן אן גישריבן
צו בֿור דיר וויר אונ׳ אל דיין בֿולק גיינד ישראל צו לעבן אונ׳ צו ורידא
· גלובט זיישטו גׄט דער דא הוט בישאפן דען ורידא ·

**שלום** רָב ויל ורידא אויף ישראל דיין בֿולק דו זולשט
טון צו איוויגן ווען דו בישט איין קוינגן איין
הער צו אלם ורידא אונ׳ עש גיבֿאלט וואל אין
דיינן אויגן צו בענשן דיין בֿולק ישראל אין אלר צייט אונ׳ אין אלר
שטונד מיט דיינם ורידא · בְּסֵפֶר חַיִים גלובט זיישטו
גׄט דער דא בענשט זיין בֿולק ישראל מיט ורידא ·

# אלהי נצור

מיין גָט הויט מיין צונג פֿור בוזם
אונ׳ מייני לעפֿצן פֿון צו רידן
לישטיקייט אונ׳ צו דען דיא מיך
ווֹכֿן מיין לייבא זול שווייגן מיין לייבא אז דיא ערדא צו אידרמן זי
זול זיין · אופֿן מיין הערץ אין דיינר תורה אונ׳ אין דיינן מצות
זול יאגן מיין לייבא אונ׳ אל דיא דא גידענקן איני׳ מיך בוזא באלדא
זר שטור אירן רוטא אונ׳ זר דערב אירי גידאנקן זי זולן זיין צו ניטש
ווילן זאגן מיינש מונדש אונ׳ טיכֿטונג מיינש הערצן צו פֿור דיר מיין
שוספֿר אונ׳ מיין דר לוזער · עושה שלום · דער דא מאכֿט
פֿרידא אין זיינם הימל ער זול מאכֿן פֿריד איני׳ אונש אונ׳ איני׳ אל
ישראל אונ׳ זאגט אמן ·

# יהי רצון

עש זול זיין ווילן צו פֿור דיר גָט מיין
גָט אונ׳ גָט מיינר פֿורדרן דש עש
זול ווערדן גיבויאט דש בית המקדש
באלדא אין אונזרן טאגן אונ׳ גיבא אונז אונזר טייל אין דיינר תורה ·

# אבינו מלכנו

אונזר ואטר אונזר קוניג וויר הון גזוינדט צו פֿור דיר
אונזר ואטר אונזר קוניג וויר האבן קיין קוניג נויערט דיך ·
אונזר ואטר אונזר קוניג טוא מיט אונש אום ווילן דיינש נאמן
אונזר ואטר אונזר קוניג דר נוייא איני׳ אונש איין גוטא יאר
אונזר ואטר אונזר קוניג זר שטור פֿון אונש אלי הערטי גזירות
אונזר ואטר אונזר קוניג זר שטור גידאנקן אונזרר ויינדא ·
אונזר ואטר אונזר קוניג פֿור שטור דען רוטא אונזרר ויינדא
אונזר ואטר אונזר קוניג זר דערבא אל די לאיידיגר אונ׳ הינדרר

פֿון אב אונש ·

אונזר ואטר אונזר קונינג ור מאייד דען מורט אונ׳ קריג אונ׳ הונגר

אונ׳ גֿפֿענקניש אונ׳ דען שָׂטָן הַמַשְׁחִית אונ׳ פלוגא פֿון קינדר דיינר זִיכָּרהייט

אונזר ואטר אונזר קונינג ור מייד דען געהן מורט פֿון דיינר אֵירב

אונזר ואטר אונזר קונינג מאך ווידר קירן אונש מיט גאנצר תְּשׁוּבָה צו פֿור דיר ·

אונזר ואטר אונזר קונינג זענד איין גאנצי האיילונג צו קראנקייט דיינש פֿולקש ·

אונזר ואטר אונזר קונינג ור גיב אונ׳ ור צייהא אונז אל אונזרי זינד

אונזר ואטר אונזר קונינג מעק אויש אום ווילן דיינר דרבראומגא דער ויל זיין אל אונזרי שולדא בריף ·

אונזר ואטר אונזר קונינג וואוש אב אונ׳ טוא אב אונזרי מישטוט פֿון גאַנ דיינן אוגן ·

אונזר ואטר אונזר קונינג צו רייש אלי בוזי אורטייל אונזרש געריכטש

אונזר ואטר אונזר קונינג גידענק דש וויר ערדא זיין ·

אונזר ואטר אונזר קונינג גדענק אונז מיט גוטר גדעכטניש פֿור דיר

אונזר ואטר אונזר קונינג טואש אום דיינן ווילן ווילשטו ניט אום אונזרן ווילן ·

אונזר ואטר אונזר קונינג טואש אום דיינן ווילן אונ׳ הילף אונש

אונזר ואטר אונזר קונינג ריך פֿור אונזרן אוגן ראכונג דעש בלוט דיינר קנעכט דש דא איז ווארדן פֿור גוסן

אונזר ואטר אונזר קונינג טואש אום ווילן דיא זיך האבן לושן דר שלאגן אום ווילן דיינש האיילגן נאמן ·

אונזר ואטר אונזר קונינג טוש אום ווילן די זיך האבן לושן שעכטן אום ווילן דיינר איינקייט ·

אונזר ואטר אונזר קונינג טוש אום ווילן דיא דא זיין קומן אין

בֿוייטר אוּנֿ אין וואשר אוים הא איילֿיקייט דיינש נאמן ·
אונזר ואטר אונזר קוינינג טוש אוים ווילן דיינר דר בארמונג דער
ניל זיין ·
אונזר ואטר אונזר קוינינג טוש אוים ווילן דיינן נאמן דען אכֿפרן
דען שטארקן אוּנֿ דען בֿורכֿטזאמן דער דא איז ווארדן גֿירויפֿן
אויף אונש · אונזר ואטר אונזר קוינינג לֿוייטזעלינג אונש אוּנֿ
ענטוורט אונש ווען עז זיין ניט אן אונז גֿוטי ווערק טוא מיט אונז
צְדָקָה אוּנֿ גֿינודא אוּנֿ הילף אונש ·

# אַם רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מוּסַף אוֹרט מַן דַשׁ שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה ווִיא צוּ יוֹצֵר בִּיז אַן יַעֲלֶה וְיָבֹא אוּן דֶר נוֹךְ הֵיבְט מַן דָא אַן מִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ

# מִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ

בֿון וועגן אונזר זינדי זיין וויר ווארדן ור טריבן בֿון אונזרם
לאנד אוּנֿ וויר זיין ווארדן גֿיווערט בֿון אונזרם ערטריך אוּנֿ ניט וויר
קוינן צו אויף גֿין אוּנֿ צו ווערדן גֿיזעהן אוּנֿ צו נאייגן זיך צו בֿור דיר
אוּנֿ צו מאכֿן וויש וויר שולדינג זיין אין דיינם דר ווילטן הויזא ·
אין דעם הויזא דעם גֿרוש אכֿפרן אוּנֿ דעם האיילינג דא דיין נאמן
אויף איז ווארדן גֿירויפֿן בֿון וועגן האנט דעש ווינדש דיא דא
איז ווארדן גֿיזענדט אן דיינם בית המקדש : עש זול זיין
ווילן צו בֿור דיר גֿוט אונזר גֿוט אוּנֿ גֿוט אונזרר בֿורדרן דר בארמינגֿי

קונינג דש דו זולשט ווידר קירן אוב׳ זולשט דיך דר בארמן איבר אונש אוב׳ איבר דיין בית המקדש מיט דיינן דר באמרונגא דער גיל זיין אוב׳ דו זולשט עש באלדא באויען אוב׳ דו זולשט גרושן זיין איר · אונזר ואטר אונזר קונינג דר גאיינג איר דיינש קונינגרייכש אויף אונש באלד אוב׳ דר לוייכט אוב׳ הערשא איבר אונש בור אויגן אלש דש דא לעבט אוב׳ גינעך אונזר בור שפראייטונג בון צווישן דען בולקרן אוב׳ אונזר בור שפראייטונגא זאמיל בון ענדן דער ערדן אוב׳ ברענג אונש צו ציון דיינר שטאט מיט גיזאנג אוב׳ גין ירושלים אין דיין בית המקדש מיט איינר איוויגן ורײדא אוב׳ אלדא וואלן וויר מאכן צו בור דיר קרבנות די וויר שולדיג זיין די טעגליכן אוספר אז איר אן ריכטונג אוב׳ דיא קרבן מוסף אז איר רעכט ·

אוב׳ דש קרבן מוסף בון דעם טאג דעש שבת דעש דיזן אוב׳ טאג דער גידעכטניש דעש דיזן וויר וואלן מאכן אוב׳ וויר וואלן גינעהן צו בור דיר מיט ליבשאפט אז גיבוט דיינש ווילן אז דו הושט גישריבן אויף אונש אין דיינר תורה דורך משה דיינן קנעכט בון מונדא דיינר איר אז דא איז ווארדן גזאגט

דש זאגט מן אם שבת

וביום השבת אוב׳ אם טאג דעם שבת :

צוויא שוף יונגי איינש יארש גאנצי אוב׳ צוויא ציהנטאייל זעמל מעל פריזנט גמושט מיט אול אוב׳ זיין גישונגא · דש זול זיין אוספר דעש שבת אן זיינם שבת · אן דש טעגליך אוספר אוב׳ איר גישונגא

ובחדשיכם :

אוב׳ אם מונעט דעם זיבנדן אם אירשטן טאג אים מונעט רויפונג האייליקייט זול זיין צו אייך קיינר לייא דינשטליך ווערק זולט איר ניט טון איין טאג דער שאלונגא ער זול זיין צו אייך · אוב׳ איר זולט מאכן אוספר צו גישמאק

זענפֿטונג צו גוט איין שטיר יונג רינדא · אונ׳ איין ווידר זיבן שוף
יונגי איינש יארש גאנצי ·

**ומנחתם**

אונ׳ איר פריזנט זעמיל מעל גימישט
מיט אויל דרייא ציהנטייל צום שטיר
צוואיי ציהנטאייל צום ווידר אונ׳ איין
ציהנטאייל צו איטליכם שוף פֿון דען זיבן שופֿן און דש אופפֿר פֿון
ראש חֹדש אונ׳ איר פריזנט אונ׳ און דש טעגליך אופפֿר אונ׳ זיין
פריזנט אונ׳ אירי גישונגא אז איר גירעכֿט צו גישמאק זענפֿטיגונגא
פֿייער אופפֿר צו גוט אונ׳ צוויא ציקליך צו פֿור געבן אונ׳ דיא צוויא
טעגליכֿן אופפֿר אז איר רעכֿט

אם שבת זאגט מן דש

**ישמחו**

במלכותך · זיא ווערדן זיך וראייען אין
דיינם קוניגרייך די דא היטן דען שבת
אונ׳ דיא דא רופֿן זענפֿטיגונגא דש פֿולק
ישראל דיא דא הייליגן דען זיבנדן טאג · זיא אל צו מול זיא זולן
ווערדן זאט אונ׳ זי זולן ווערדן גיזענפֿטיגט פֿון דיינם גוטן אונ׳ דען
זיבנדן טאג הושטו אן גינומן אונ׳ דו הושט אין גיהייליגט איין לושט
אלר טעג הושטו אין גירופֿן גידעכֿטניש צו דעם ווערק פֿון
בראשית

**עלינו**

לשבח · אויף אונז איז צו לובן · דען דער
איין הער איז אובר אידרמאן · צו געבן
אכֿפרקייט צו דעם דער דא הוט בשאפֿן די
ווערק פֿון בראשית דרום דש ניט ער הוט בישאפֿן אונש אז דיא
פֿולקר דער ערדן אונ׳ ניט ער הוט גימאכֿט אונש אז דיא גישלעכֿט
דער וועלט · אונ׳ דרום דש ער ניט הוט גיטון אונזר טאייל אז איר
טאייל · אונ׳ אונזר גורל אז אל איר ברואונגא · אונ׳ וויר קניאען
אונ׳ נאייגן זיך אונ׳ ביקענן פֿור דעם קוניג דער דא איז איין קוניג

איבר אלי קויניגן דער דא הוט גמאיינט דען היאל אונ׳ הוט גיגרונט
ועשטיגט דיא ערדא אונ׳ גיזעש זיינר ווירדיקאייט וויז אים היאל
אובן · אונ׳ שְׁכִינָה זיינר שטערק זין הֹוך דער היאל ·
הוא אֱלֹהֵינוּ ׃ ער איז אונזר גוט אונ׳ קיין אנדרר · עז איז ווער
ער איז אונזר קויניג אונ׳ איז קיינר מֵין אן אין · אז דא איז גישריבן
אין דיינר תורה · אונ׳ דו זולשט ווישן הוייט אונ׳ דו זולשט ווידר
קירן צו דיינם הערצן · דש גוט איז דער רעכט גוט אובן אים היאל
אונ׳ אוני׳ דער ערדן אונטן איז קיינר מֵיר

# עַל כֵּן נְקַוֶּה לְךָ

· דרום וויר הופן צו דיר גוט אונזר גוט · צו זעהן בלד אין שונהייט דיינר שטערק · צו מאכן איבר ווארן די אונווערדיקאייט בון דער ערדן · אונ׳ די אבגוטר ור שניטן זי זולן ווערדן ור שניטן צו בירייטן דען עולם מיט קויניגרייך דעש אלמעכטיגן אונ׳ אלי קינדר דער קרעטוייער זיא ווערדן אן רופן דיין נאמן · צו מאכן קירן זיך צו דיר אלי דיא רְשָׁעִים דער ערדן · זיא ווערדן דר קענן אונ׳ זיא ווערדןווישן אל זִיצַר דער ערדן דש צו דיר זיא זולן קניאן אלי קניא זי זולן שווירן אלי צונגן · צו בור דיר גוט אונזר גוט זיא ווערדן קניאען אונ׳ זיא ווערדן ואלן אונ׳ צו מֵיר דיינש נאמן ווירדיקאייט זיא ווערדן געבן אונ׳ זיא ווערדן אנפפנגן זיא אל צו מול דש יאָך דיינש קויניגרייכש אונ׳ דו זולשט קויניגן איבר זיא באלד אויאר אונ׳ איוויג ווען דש קויניגרייך עז איז דיין אונ׳ אויאר אונ׳ איוויג דו ווערשט קויניגן מיט אֵיר אז גישריבן איז אין דיינר תורה גוט ער ווערט קויניגן אויאר אונ׳ איוויקליך · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט ביט ער הוט גילוגט אונרעכטש אן יעקב אונ׳ ניט ער הוט גיזעהן ואלשקייט אן ישראל גוט זיין גוט איז מיט אים אונ׳ גילשאפט דעש

קויניגש הַקָבָה אן אים · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אונ׳ גֿט
דער איז אונזר ישראל איין קויניג זא זיך זאמלן די האייבט הערן
דעש בֿולקש מיט אננדר געשלעכֿט ישראל · אונ׳ אין דיין
האיילגן כְּתוּבִים איז געשריבן צו זאגן ווען צו גֿט איז דז קויניגרייך
אונ׳ ער איז געוועלטיג אן דען בֿולקרן · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט
גֿט ער הוט גקוינינגט הערשאפֿט הוט ער אן געקלאיידט ער הוט
אן געקלאיידט גֿט מיט שטערק הוט ער זיך אום געגיירט אויך בֿון
זיינר הערשאפֿט ווערט בירייט דיא ערדא דש זיא ניט גלייטט ·
אונ׳ נוך איין פסוק זאגט דר הֵיבט איר פפֿורטן אוייער האייבט
אונ׳ זייט אייך דר היבן פפֿורטן דער וועלט אונ׳ לושט היניין קומן
דען קויניג דען געאֵירטן ווער איז דער קויניג דער געאֵירט גֿט
דער קרעפֿטיג אונ׳ דער שטארק גֿט איין שטארקר דעש שטרייט
אונ׳ נוך איין פסוק זאגט דר הֵיבט איר פפֿורטן אוייער האייבט
אונ׳ דער היבט אייך טוירן דער וועלט אונ׳ לושט היניין קומן דען
קויניג דען געאֵירטן ווער איז דער קויניג דער געאֵירט גֿט דער
הער איז דער קויניג דער געאֵירט אל וועגן · אונ׳ דורך
דייני קנעכֿט דיא נְבִיאִים איז געשריבן צו זאגן אזו הוט גזאגט גֿט
דער קויניג בֿון ישראל אונ׳ זיין דר לֵזער גֿט דער הער איך בין
דער אֵירשט אונ׳ איך בין דער לעצֿט אונ׳ און מיך איז קיין גֿט ·
אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אונ׳ זיא ווערדן אויף גין דיא
העלפֿר אם בערג ציון צו ריכֿטן דען בערג עֵשָו דען ווערט זיין צו
גֿט דש קויניגרייך · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אונ׳ ער ווערט
זיין גֿט איין קויניג איבר אל די לאנד אם טאג דען זעלבן ער ווערט
זיין גֿט אייניג אונ׳ זיין נאמן אייניג אונ׳ אין דיינר תורה איז געשריבן
צו זאגן הור ישראל גֿט אונזר גֿט איז איין אייניגר גֿט ·

**אלהינו**

אונזר גָט אונֿ גָט אונזרר פֿורדרן זייא
קונִיגֿ איבר דיא גאנץ וועלט אל צו מול
מיט דיינר אֵיר · אונֿ הערשא איבר אל
דיא לאנדא מיט דיינר ווירדיקאייט · אונֿ דר לויכֿט מיט שונהאייט
הערשאפֿט דיינר שטערק אוין אלי זיצר דער ערדן דיינש לאנדש
זא ווערט ווישן איין איטליכֿש ווערק דז דו הושט גֿוועקט אין אונֿ
ווירט פֿרויבֿן איין איטליכֿש בישעפֿניש דש דו הושט בישאפֿן אין ·
אונֿ זי ווערדן זאגֿן אלי דיא דא איין נְשָמָה האבן אין אירן נאזן
גָט גָט ישראל איז דער רעכֿט קוניגֿ אונֿ זיין קוניגֿרייך איז אן
אידראאן גֿיוועלטיגֿ ·

**קדשנו**

האייליגֿ אונש מיט דיינן מִצְוֹת אונֿ גיבא
אונז אוּנזר טאייל אין דיינר תוֹרה מאך
זאט אונז פֿון דיינם גוטן אונֿ דר וראייא
אונש מיט דיינר הילף · אונֿ ראייניגֿ אונזר הערץ צו דינן דיר מיט
ווארהאייט · ווען דו בישט גָט ווארהאפֿטיגֿ אונֿ דיין רידא אונזר
קוניגֿ איז ווער אונֿ בלייבט איוויגֿ גלובט זיישטו גָט דער קוניגֿ
איבר אל דיא לאנד דער דא האייליגֿט ישראל אונֿ דען שבת
דען טאגֿ דער גידעכֿטניש

**אתה**

זוכֵר דו גידענקשט אלי ווערק דער וועלט
אונֿ גידענקשט אלי בשעפֿניש פֿון פֿור מולש
צו פֿור דיר זיין אוֹפֿן ווער אלי ור הערונגֿ אונֿ
אלי פֿור בורקניש פֿון דעם ווערק פֿון בראשית ווען עש איז קיין
ור געשן פֿור שטול דיינר אֵיר אונֿ איז ניכֿש פֿור בורגֿ פֿון גיגֿ דיין
אויגֿ דו גדענקשט איין איטליכֿש ווערק אונֿ אויך איין איטליכֿש
בשעפֿניש איז ניט ור מיטן פֿון דיר עש איז אלש אופֿן ווער אונֿ
ווישנליך צו פֿור דיר גָט אונזר גָט דער דא זיכֿט אונֿ לוגט ביז ענדא
אלר גיבוירדא ווען דו ברענגשט איין גיזץ דער גידעכֿטניש צו

ווערדן גידוכֿט אלי גימויט אונ׳ זילן צו ווערדן גידוכֿט ויל ווערק אונ׳
ניל ברוזונגא אלר קרעטוייער דיא קיין ענדא האבן בֿום אנפֿאנג
אלכֿש הושטו לושן ווישן אונ׳ בֿון בֿור אלש הושטו עש אנפליקט
דש דער טאג איז אנפֿאנג דיינר ווערק איין גידעכֿטניש צו דעם
אירשטן טאג ווען איין גיזיץ צו ישראל איז ער איין גיריכֿט צו גוט
יעקבֿ · אונ׳ אויך דיא לאנדא אן דעם טאג ווערט גישפרוכֿן
ווילכֿש צו קריג אודר ווילכֿש צו ורידא ווילכֿש צו הונגר אודר
ווילכֿש צו זאטקייט אונ׳ אלי בשעפֿניש ווערדן אן דעם טאג גיציילט
צו גידענקן זי צום לעבן אודר צום טוט ווער ווערט ניט גידוכֿט
אן דעם הייטיגן טאג ווען גידעכֿטניש אלר בישעפֿניש צו בֿור דיך
עז קומט ווערק דעש מאנש אונ׳ זיין ביבֿעלונג אונ׳ ווערק שריט
איינש איטליכֿן מאנש גידאנקן דעש מענשן אונ׳ זיין גיטרעכֿטש
אונ׳ גידאנקן ווערק דעש מאנש · זעליג איז דער מאן דער דיין
ניט בֿור גישט אונ׳ זון איינש מענשן דער זיך שטערקט אן דיך
ווען דייני בֿורשר צו איווינג ווערדן זיא ניט שטרויכֿלן אונ׳
זיא ווערדן ניט ור שעמט איוויקליך אל דיא דא הופֿן אן דיך ווען
גידעכֿטניש אלר ווערק צו בֿור דיך עש קומט אונ׳ דו בֿורששט דיא
ווערק בֿון אין אלן · אונ׳ אויך נח מיט ליבשאפֿט דו הושט גידוכֿט
אונ׳ דו הושט גידוכֿט אין מיט רידא הייליג׳ אונ׳ דר בארמיקייט דא
דו הושט גיברוכֿט די וואשר דעש מבול צו ור דערבן אלי קרעטוייר
אוים ווילן אירר בוזן ווערקן אוים אזו זיין גידעכֿטניש קאם צו בֿור
דיך גוט אונזר צו מירן זיין זומן אז עשא דער ערדן אונ׳ זייני
קינדר אז זאנדא דעש מיר אז דא איז גישריבן אין דיינר תורה
אונ׳ ער גידוכֿט גוט נח אונ׳ אל דיא טיר אונ׳ אל דש ויך דש
מיט אים וואר אין דער לאדן אונ׳ ער מאכֿט איבר וארן גוט איין
ווינט אויף דער ערדן אונ׳ זיא וואורדן שטיל דיא וואשר : אונ׳
נוך איין פסוק זאגט אונ׳ ער הורט גוט איר גישרייא א:ב׳ ער גידוכֿט

גאט זיין זיכרהאייט מיט אברהם אונ׳ מיט יצחק אונ׳ מיט יעקב
אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אונ׳ איך וויל גדענקן מיין זיכרהאייט
פֿון יעקב אונ׳ אויך מיין זיכרהייט פֿון יצחק אונ׳ אויך מיין זיכר
האייט פֿון אברהם איך וויל גדענקן אונ׳ דש לאנדא איך וויל גדענקן
אונ׳ אין דיין הייליגן כתובים איז גשריבן צו זאגן איין
גדעכטניש ער הוט גטון צו זיינן וואונדרן איין לייטזעליגר אונ׳ איין
דר בארמיגר איז גאט · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט שפייז ער גיבט
צו זיינן פֿורכטרן ער גידענקט צו אייביג זיין זיכרהאייט · אונ׳
נוך איין פסוק זאגט אונ׳ ער גדוכט צו זיא זיין זיכרהאייט אונ׳ ער
בידוכט זיך אז ויל זיין גנודא · אונ׳ דורך דייני קנעכט
דיא נביאים איז גשריבן צו זאגן גיא אונ׳ דו זולשט רופֿן אין אורן
ירושלים צו זאגן אזא ער הוט גזאגט גאט איך האב גידוכט צו דיר
גנוד דיינר יוגנט ליבשאפֿט דיינר חופה דש דו בישט גאנגן נוך
מיר אין דיא וואושטנייא אין איין לאנד דש ניט גזעאט איז · אונ׳
נוך איין פסוק זאגט אונ׳ איך וויל גדענקן מיין זיכרהאייט מיט דיר
אז טעג דיינר יוגנט אונ׳ איך וויל אויף ריכטן מיט דיר איין אייביגי
זיכרהייט · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אוב איז אפרים מיין
ווירדיגר זון אודר איז ער קינד מיינר דר מאייאונגא דש ווען איך
רידא פֿון אים גדענקן איך מוז גידענקן אין נוך מיר אוים אזא זיא
ברומן מייני גדערים צו אים דר בארמן איך וויל דר בארמן אין
זאגט גאט ·

אלהינו אונזר גאט אונ׳ גאט אונזרר פֿורדרן גידענק
אונז מיט גוטר גדעכטניש צו פֿור דיר אונ׳
ביפֿעל אונש מיט ביפֿעלונג הוילף אונ׳ דר
בארמיקאייט פֿון הימיל דער הימיל פֿור מולש אונ׳ גידענק אונש
גאט אונזר גאט דיא זיכרהייט אונ׳ דיא גנודא אונ׳ דיא שבועה דיא
דו הושט גשווארן צו אברהם אונזרם פֿאטר אן דעם בערג מוריה

אונ' דיא זול ווערדן גזעהן צו בור דיר דיא בינדונג דש ער באנדא
אברהם אונזר ואטר יצחק זיין זון אויף דש מזבח אונ' ער ביצוואנג
זיין דר בארמיקייט צו טון דיינן ווילן מיט גאנצם הערצן אזו זולן
אויך ביצווינגן דייני דר בארמיקייט דיין צורן בון אב אונש אונ'
מיט דיינר גרושן גוטיקייט זול ווידר קירן דיין גרים צורן בון דיינם
בולק אונ' בון דיינר אירבא · אונ' בישטעטיג אונז גוט
אונזר גוט דיא רידא דיא דו אונז הושט צו גזאגט אין דיינר תורה
דורך משה דיינם קנעכט בון מונדא דיינר איר אז דא איז ווארדן
גזאגט אונ' איך וויל גדענקן צו אינן זיכרהייט דער אירשטן דש
איך הון אויש גצוהן דיא בום לאנד מצרים בור אויגן דער בולקר צו
זיין צו אינן צו איינם גוט איך בין גוט · ווען איין גדענקר
אלי ור געשונגן בישטו בון איוויג אונ' עז ווירט ניכש ור געשן בור
שטול דיינר איר אונ' דיא עקידה בון יצחק צו זיינם זאמן ישראל
הנייט מיט דער בארמיקאייט זולשטו גדענקן גלובט זיישטו גוט
דער דא גדענקט דיא זיכרהאייט ·

אתה נגלית · דו הושט דיך דר צאייגט אין וואלקן
דיינר איר אויף דיין הייליג בולק צו רידן מיט
אין בום הימל הושטו לושן הורן זי דיין שטים
אונ' דו הושט דיך דר צאייגט אויף זיא אין ראיינן נעבילן · אויך
די גאנץ וועלט אל צו מול זי איז דר שראקן בור דיר אונ' די אירשטן
בישעפניש זי דר שראקן בון דיר · דא דו דיך דר צאייגשט אונזר
קוניג אויף דעם בערג סיני צו לערנן דיין בולק תורה אונ' מצות ·
אונ' דו לישט זיא הורן דיא שונהאייט דיינר שטים אונ' דיין הייליגי
רידא אין בייערן לאמן · מיט שטימן דונדר אונ' בליצן הושטו דיך
אויף זיא דר צאייגט · אונ' מיט דעם שטים דעש שופר אויף זיא דו
הושט דר לייכט · אז גשריבן איז אין דיינר תורה אונ'
עש וואר אם טאג דעם דריטן דא עש וואר אן דעם מורגן אונ' עז

ווארן שטים אונ׳ בלין אונ׳ שווערר וואלקן אויף דעם בערג אונ׳ דיא
שטים דעש שופר וואר זייר שטארק אונ׳ עז דר שראק אל דז פֿולק
דז אין דער שאר · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אונ׳ עז וואר
שטים דעש שופר גין אונ׳ שטערקן זיך זייר משה ער רידט אונ׳
גט ער ענטוועורט אים מיט דער שטים : אונ׳ נוך איין פסוק
זאגט אונ׳ אל דש פֿולק זיא זוהן דיא שטים אונ׳ דיא ברענדא אונ׳
שטים דעש שופר אונ׳ דען בערג ראויכן אונ׳ עז זאך עז דש פֿולק
אונ׳ זיא ור וואגלטן הינטר זיך · אונ׳ זיא שטונדן פֿון וערן ·
אונ׳ אין דיינן האיילין כתובים איז גישריבן צו זאגן · ער איז גילובט
גט מיט שאלן גט מיט שטים דעש שופר · אונ׳ נוך איין פסוק
זאגט · מיט פוזויאן אונ׳ שטים דעש שופר זייט שאלן צו פֿור דעם
קוניג גט · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט טוטשט אין דעם מונעט דש
שופר אין דעם ור הולן טאג אונזרש ואייערן ווען איין גזייץ צו
ישראל איז עש אונ׳ איין גיריכט צו גט יעקב · אונ׳ נוך איין פסוק
זאגט · לובט גט · לובט גט אין זיינר הייליקאייט · לובט אין אין
הימיל זיינר שטערק · לובט אין מיט זיינן שטערקן · לובט אין
אז ויל זיינר אכפרקייט · לובט אין מיט טוטשן דעש שופר · לובט
אין מיט גיגן אונ׳ הארפפן · לובט אין מיט פויקן אונ׳ מיט טאנצן
· לובט אין מיט שלאייאן אונ׳ מיט אורגלן · לובט אין מיט טרומביטן
דער פֿור זאמונג · לובט אין מיט טרומביטן דער שאלונג · איין
איטליכי זיל זיא זול לובן גט לובט גט · איין איטליכי זיל זיא זול לובן
גט לובט גט · אונ׳ דורך דייני קנעכט די נביאים איז גישריבן
צו זאגן אלי זיצר דער וועלט אונ׳ דיא דא רואען אויף דער ערדן
זא מן ווערט אויף היבן איין וענלן אויף דען בערגן זא ווערט אירש
זעהן אונ׳ ווען מן ווערט טוטשן מיט דעם שופר זא ווערט אירש
הורן · אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אונ׳ עש ווערט זיין אם
טאג דעם זעלבן אונ׳ זיא ווערדן קומן די דא פֿור לורן זיין אים לאנד

אשור אונ׳ די דא ור שטושן זיין בום דעם לאנדא מצרים אונ׳ זיא
ווערדן זיך נאייגן צו גוט אן דעם הייליגן בערג אין ירושלים אונ׳ נוך
איין פסוק זאגט אונ׳ גוט אוני׳ זיא ער וירט זיך דר צאייגן אונ׳ ער
וירט אויש גין אז דער בליץ זיין פפייל אונ׳ גוט דער הער מיט
דעם שופר ער ווערט טוטשן אונ׳ ער וירט גין מיט דעם שטורם
וינט בון דרום גוט דער הער ער ווערט בשירמן אוני׳ זיא אזא
זולשטו אויך בשירמן אוני׳ דיין בולק ישראל מיט דיינם ורידא

**אלהינו** אונזר גוט אונ׳ גוט אונזרר בורדרן טוטשא
מיט איינם גרושן שופר צו אונזר ורייאונג
אונ׳ היבא אוני׳ איין ועבלן צו זאמלן אונזרי
גליות אונ׳ נינעהא אונזר צו שטרייאונג בון צווישן דען בולקרן אונ׳
אונזר ור שפרייטונג זאמיל בון ענדן דער ערדן אונ׳ ברענג אונז
צו ציון דיינר שטאט מיט גיזאנג אונ׳ גין ירושלים דיין הייליגי
שטאט מיט איינר איוויגן ורײדא אונ׳ אלדא וואלן ויר מאכן צו בור
דיר אז דא איז ווארדן גבוטן אוני׳ אונז אין דיינר תורה דורך משה
דיינן קנעכט בון מונד דיינר איר אז דא איז ווארדן גזאגט אונ׳
אם טאג אוייערר ורײדא אונ׳ אן אוייערן ימים טובים אונ׳ אן
אוייערן ראש חדש אונ׳ איר זולט טוטשן מיט דען פוזויין אויבר
אוייערן אופפרן אונ׳ אויבר שעכטונג אוייער בור זונונג אונ׳ זיא
זולן זיין צו אויך צו גדעכטניש צו בור אוייערם גוט איך בין גוט
אוייער גוט · ווען דו הורשט דיא שטים דעש שופר אונ׳ דו
ור ניאשט דיא שאלונגא אונ׳ ווער איז גלייך צו דיר גלובט זיישטו
גוט דער דא הורט דיא שטים שאלונגא זיינש בולק ישראל מיט דר
בארמיקייט ·

**רצה** נים אן גוט אונזר גוט דיין בולק ישראל אונ׳ איר
תפילה אונ׳ מאך ווידר קירן דען דינשט
צו פאלש דיינש בית המקדש אונ׳ דיא בויער

אופפֿר ישראל אונ׳ איר תפילה מיט ליבשאפט דו זולשט אנפאנגן
מיט גנעדם ווילן אונ׳ זיא זול זיין צו גנעדם ווילן שטעטליך דיא דינשט
ישראל דיינש פֿולקש אונ׳ דיא זולן זעהן אונזרי אויגן דא דו ווערשט
ווידר קירן צו ציון מיט דר בארמיקייט גילובט זיישטו גוט דער דא
מאכט ווידר קירן זיין שְׁכִינָה צו ציון

# מוֹדִים

וויר ביקענן דיר דש דו בישט גוט אונזר גוט
אונ׳ גוט אונזרר פֿורדרן אויאר אונ׳ איוויג
שופפֿר אונזרש לעבן איין שילט אונזר הילף
בישטו צו געבוירדא אונ׳ געבוירדא וויר וואלן לובן דיך אונ׳ וויר וואלן
דר צילן דיין לובא אויף אונזר לעבן דש דא איז גיענטוורט אין דיין
גיוואלט אונ׳ אויף אונזרי נְשָׁמוֹת דיא דיר ביפֿולהן זיין אונ׳ אויף
דייני צאייכן די אל טאג מיט אונש זיין · אונ׳ אויף דייני וואונדר אונ׳
דייני גוטא די אלי טאג צייט אובנט אונ׳ מורגנש אונ׳ מיטאג זיין · דו
גוטר גוט דש ניט זי זיין פֿולענדט דייני דר בארמיקאייט אונ׳ דו דר
בארמיגר גוט דז ניט זי זיין צו גאנגן דייני גינוד פֿון איוויג וויר הופֿן צו
דיר · אונ׳ אויף זי אל צו מול ער זול זיין גילובט אונ׳ ער זול זיין דר
הויכט דיין נאמן אונזר קוניג שטעטליך אויאר אונ׳ איוויג וּכְתוֹב
אונ׳ שרייבא אן צו גוטם לעבן אלי קינדר דיינר זיכרהאייט אונ׳
אלי די דא לעבן זיא ווערן לובן דיך אל וועגן אונ׳ זיא ווערן לובן דיין
נאמן מיט ווארהאייט דער גוט דער דא איז אונזר הילף אונ׳ אונזר
בייא שטאנד אל וועגן גילובט זיישטו גוט דש גוטא איז דיין נאמן אונ׳
צו דיר צימט וואל צו לובן

# אֱלֹהֵינוּ

אונזר גוט אונ׳ גוט אונזרר פֿורדרן בענש
אונש מיט דער בְּרָכָה דיא דא איז גידריט
אין דער תורה · די דא איז גשריבן דורך
מֹשֶׁה דיין קנעכט דיא דא איז ווארדן גיזאגט פֿון מונט אַהֲרֹן אונ׳
זיינר זון דיא כֹּהֲנִים דיין הייליגש פֿולק אז דא איז ווארדן גיזאגט

**יברכך** ער זול בענשן דיך גוט אונ' ער זול ביהויטן דיך
· יאר ער זול דר לוייכטן גוט זיין שכינה צו
דיר אונ' ער זול לוייטזעלין דיך · ישא ער זול ביצווינגן גוט
זיין צורן צו דיר אונ' ער זול מאכן צו דיר ורידא

**שים** שלום טוא ורידא גוטש אונ' בענשונגא אונ' לוייט
זעליקייט · אונ' גינודא אונ' דר בארמיקייט אויף
אונש אונ' אויף אל ישראל דיין בולק בענש
אונש אונזר ואטר אונש אלי זאמן מיט ליכט דיינר שכינה ווען מיט
ליכט דיינר שכינה הושטו אונז געבן גוט אונזר איין תורה דעש
איוויגן לעבן אונ' ליבשאפט גינוד אונ' גירעכטיקייט אונ' בענשונג
אונ' דר בארמיקייט אונ' לעבן אונ' ורידא · אונ' עש גיבאלט וואל
אין דיין אויגן צו בענשן דיין בולק ישראל אין אלר צייט אונ' אין אלר
שטונד מיט דיינם ורידא גלובט זיישטו גוט דער דא בענשט זיין
בולק ישראל מיט ורידא ·

**בספר** חיים אין בוך דעש לעבן בענשונגא אונ'
ורידא אונ' גוטי נארונגא וויר זולן ווערדן
גידוכט אונ' וויר זולן ווערדן אן גישריבן
צו בור דיר וויר אונ' אל דיין בולק גיינר ישראל צו לעבן אונ' צו ורידא
· גלובט זיישטו גוט דער דא הוט בישאפן דען ורידא ·

**אחי בצור** מיין גוט הויט מיין צונג בור בוזש
אונ' מייני לעפצן בון צו רידן
לישטיקייט אונ' צו דען דיא מיך
ולוכן מיין לייבא זול שווייגן מיין לייבא אז דיא ערדא צו אידרמן זי
זול זיין · אופן מיין הערץ אין דיינר תורה אונ' אין דיינן מצות
זול יאגן מיין לייבא אונ' אל דיא דא גידענקן אויף מיך בוזא באלדא
ור שטור אירן רוטא אונ' ור דערב אירי גידאנקן זי זולן זיין צו גיטש

ווּלן זאגן מיינש מונדש אונ׳ טיכטונגן מיינש הערצן צו בור דיר מיין שטפר אונ׳ מיין דר לויזער · עושה שלום · דער דא מאכט ורידא אין זיינם הימל ער זול מאכן וריד אויף אונש אונ׳ אויף אל ישראל אונ׳ זאגט אמן ·

**יהי רצון** עש זול זיין ווילן צו בור דיר גוט מיין גוט אונ׳ גוט מיינר בורדרן דש עש זול ווערדן גיבויאט דש בית המקדש באלדא אין אונזרן טאגן אונ׳ גיבא אונז אונזר טייל אין דיינר תורה ·

דש שמונה עשרה אורט מן אם יום כפורים צו כל נדרי אונ׳ צו יוצר אונ׳ צו מנחה אונ׳ אם ערב יום כיפורים צו מנחה אורט מן שמונה עשרה וויא מן עש אין דער וואכן אורט ביז אן אלהי נצור אונ׳ דר נוך היבט מן אן אין דעם שמונה עשרה אן אלהינו דש בור אשמנו שטיט אונ׳ אורט עש בולנט אויש

**יי שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך**

גוט מייני לעפצן דו זולשט אפנן אונ׳ מיין מונד זול קונדן דיין לובא

**ברוך** אתה גילובט זיישטו גוט אונזר גוט אונ׳ גוט אונזרר בורדרן גוט אברהם גוט יצחק אונ׳ גוט יעקב דער גוט דער אכפר דער שטארק אונ׳ דער בורכטזם גוט דער אוברשט דער דא ור גילט גוטי גינודא אונ׳ ער בישאפט אל דינג אונ׳ ער גידענקט דיא גינודא דער בורדרן אונ׳ ער ברענגט איין לויזער צו אירן קינדש קינדרן אום ווילן זיין נאמן מיט ליבשאפט

**זכרנו** לחיים גידענק אונש צו לעבן דער קוניג
דער דא בינערט אם לעבן אונ׳ שרייבא
אונש אין בוך דעש איוויגן לעבן אום דיינן
ווילן לעבנדיגר גוט דער קוניג דער דא איז איין העלפר אונ׳ ער
הילפט אונ׳ בישירמט. געלובט זיישטו גוט דער דא הוט בישירמט
אברהם ·

**אתה** גבור דו בישט איין שטארקר צו איוויגן גוט דער
דא מאכט לעבנדיגן די טוטן בישטו אונ׳ איין
מיינשטר צו העלפן ער שפייזט די לעבנדיגן
מיט גינודא ער מאכט לעבן די טוטן מיט ניל דר בארמיקייט ער
אונטר לייבט די דא ואלן אונ׳ ער היילט די קראנקן אונ׳ מכט לידיג
די גיבאנגנן אונ׳ בישטעטיגט זיין ווארהייט צו דענן די דא שלופן
אין דער ערדן ווער איז אז דו איין שטארקר מיינשטר אונ׳ ווער
איז דיר גלייך דער קוניג דער דא טוט אונ׳ מאכט לעבנדיג אונ׳
מאכט שפרושן די הילף׳

**מי כמוך** ווער איז אז דו איין דר בארמיגר ואטר
ער גידענקט זייני בישעפניש צו לעבן
מיט דר בארמיקאייט אונ׳ ווארהאפטיג
בישטו צו מאכן לעבן די טוטן · געלובט זיישטו גוט דער דא מאכט
לעבן די טוטן ·

**אתה קדוש** דו בישט הייליג אונ׳ דיין נאמן
איז הייליג אונ׳ די הייליגן אל
טאג זיא לובן דיך אל וועגן

**ובכן** תן פחדך אונ׳ דא מיט גיבא דיין אנגשט
גוט אונזר גוט אויף אל דייני ווערק · אונ׳
דיין בורכט אויף אלז דז דו הושט בישאפן
אונ׳ זיא ווערדן בורכטן דיך אל די ווערק · אונ׳ זיא ווערדן זיך

נאיין בור דיר אל דיא דא זיין ווארדן בישאפן · אונ' זיא ווערדן
גימאכט אל זאמן אז איין בונט צו טון דיינן ווילן מיט גאנצם הערצן ·
אז ויר וואל ווישן גאט אונזר גאט דש דער גיוואלט איז בור דיר דיא
קראפט איז אין דיינר לינקן הנט אונ' דיא שטערק אין דיינר רעכטן
האנט · אונ' דיין נאמן איז בורכטזם אוני' אלש דש דו הושט
בישאפן ·

**ודבר** תן כבוד אונ' דא מיט גיבא איר גאט צו דיינם
בולק לובא צו דיינן בורכטרן אונ' הופנונגא צו
דענן דיא נוך דיר בורשן אונ' איין גוטי אויז
רידא צו דען דיא צו דיר הופן איין בראיידא צו דיינם לאנדא אונ'
איין וואון צו דיינר שטאט אונ' שפראשונג הערשאפט צו דוד דיינם
קנעכט אונ' אן ריכטונגא דעש ליכט צו זון ישי דיינם גיזאלבטן
באלדא אין אונזרן טעגן ·

**וראו** אונ' דען דיא צדיקים זיא ווערן עש זעהן אונ' זיא
ווערדן זיך בראייען אונ' דיא רעכט ווערטיגן זיא
ווערדן זיך בראייען אונ' די חסידים מיט גיזאנג
זיא ווערדן זיך בראייען אונ' דיא אונרעכט ווערט צו שלישן אירן
מונט אונ' אל דיא בושהייט אל צו מול אז איין רויך זיא ווערט בור
גן ווען דו ווערשט אבא טון דען מוטווילגן גיוואלט בון דער ערדן ·

**ותמלוך** אונ' דו זולשט קוניגן גאט דו איין בלד
אוני' אל דייני ווערק אן בערק ציון
רוואונג דיינר איר אונ' אין ירושלים
דיינר הייליגן שטאט אז דא איז גישריבן אין דיין הייליגן כתובים
ער ווערט קוניגן גאט צו איוגן דיין גאט ציון צו גבורדא אונ' גבורדא
לובט גאט

**קדוש** האייליג בישטו אונ׳ איין בורכטזאר איז דיין
נאמן אונ׳ איז קיין גאט און דו אליין
אונ׳ דער פסוק זאגט אונ׳ ער איז הוך גאט
דער הער אים גריכט אונ׳ גאט דער הייליג ער איז ווארדן גיהאייליגט
מיט גירעכטיקאייט : גילובט זיישטו גאט דער קוניג דער האייליג ·

**אתה בחרתנו** דו הושט דר וועלט אונז
בון אל דען בולקרן דו
הושט ליבא אונש אונ׳
הושט אונש אן גינומן אונ׳ הושט דר הוכט אונש מיר דען אלי
שפרוכן אונ׳ דו הושט גיהאייליגט אונש מיט דיינן גיבוטן אונ׳ דו
הושט גינעהט אונש אונזר קוניג צו דיינם דינשט אונ׳ דיין נאמן
דען אכפרן אונ׳ דען האייליגן אויף אונש דו הושט גירופן אונ׳ דו
הושט געבן צו אונש גאט אונזר גאט מיט ליבשאפט דען · טאג
דען שבת דען דיזן אונ׳ · טאג דער בור געבונגא דען דיזן ·
צו ור צייהונגא אונ׳ צו ור געבונגא אונ׳ צו ור צייהן אן אים אל אונזרי
זינדא רויפונג האייליקייט איין גידעכטניש צו דעם אויש גאנג בון
מצרים

**אלהינו** אונזר גאט אונ׳ גאט אונזרר אילטרן עש זול
אויף גין אונ׳ עש זול קומן עש זול גיראייכן
עש זול ווערדן גיזעהן אונ׳ עש זול ווערדן
אן גינעם אונ׳ זול ווערדן גיהורט אונ׳ זול ווערדן גידוכט אונ׳ עש
זול ווערדן גידוכט אונזר גידעכטניש אונ׳ אונזר ביבעלונג אונ׳
גידעכטניש אונזרר בורדרן אונ׳ גידעכטניש משיח זון דוד דיינש
קנעכטש אונ׳ גידעכטניש ירושלים דיינר האיילגן שטאט אונ׳
גידעכטניש אל דיין בולק גיינדא ישראל צו בור דיר צו אנטרינונג צו
גוטם צו ווייזעליקייט צו גינוד צו דער בארמונג צו לעבן אונ׳ צו וריד

אן יום כפורים דען דיזן גידענק אונש גוט אונזר גוט אן
אים צו גוטם אונ׳ ביזוך אונש אן אים צו בענשונג אונ׳ הילף
אונש אן אים צו לעבן אונ׳ מיט רידא הילף אונ׳ דר בארמיקאייט דר
בארם דיך אונ׳ לייטזעליג אונש אונ׳ דר בארם דיך אויף אונש
אונ׳ הילף אונש ווען צו דיר זיא הופן אונזרי אויגן ווען איין גוט איין
קוניג איין לייטזעליגר אונ׳ איין דר בארמיגר בישטו ·

אלהינו אונזר גוט אונ׳ גוט אונזרר פורדרן ור צייהא
אונזר זונדא אם יום כיפורים דעם דיזן
וואויש אבא אונ׳ מאך אויבר וארן אונזר
מישטוט פון גיגן דיין אויגן אז דא איז ווארדן גיזאגט איך וויל אבא
וואישן דייני מישטוט אום מיינן ווילן אונ׳ דייני זונדא וויל איך ניט
גידענקן אונ׳ נוך איין פסוק זאגט אונ׳ איך וויל אבא וואישן אז איין
דיקן וואלקן דיין מישטוט אונ׳ אז איין וואלקן דיין זונדא ווידר קער
צו מיר ווען איך וויל דר לויזן דיך אונ׳ נוך איין פסוק זאגט ווען אם
טאג דעם דיזן ער ווערט ור געבן אויף אייך צו ראייניגן אייך פון
אלן אוייערן זונדן צו פור גוט איר זולט זיין ראיין

קדשנו האיילג אונש מיט דיינן מצות אונ׳ גיבא
אונז אונזר טאייל אין דיינר תורה מאך
זאט אונז פון דיינם גוטן אונ׳ דר וראייא
אונש מיט דיינר הילף אונ׳ ראייניג אונזר הערץ צו דינן דיר מיט
ווארהאייט · ווען דו בישט גוט ווארהפטיג אונ׳ דיין רידא אונזר
קוניג איז ווארהאפטיג אונ׳ בלייבט איוויג גילובט זיישטו גוט דער קוניג
דער דא ור צייהט אונ׳ ור גיבט אונזרי זונדא אונ׳ זונדא זיינש
פולקש ישראל אונ׳ ער מאכט אויבר וארן אל אונזרי שולדא אל יאר
אונ׳ יאר דער קוניג אויבר אלי לאנד דער דא האיילגט דען שבת
ישראל אונ׳ דען יום כיפורים ·

**רצה** נימן אן גאט אונזר גאט דיין בולק ישראל אונ׳ איר
תפילה אונ׳ מאך ווידר קירן דען דינשט
צו פאלש דיינש בית המקדש אונ׳ דיא בוייער
אופפר ישראל אונ׳ איר תפילה מיט ליבשאפט דו זולשט אנפפאנגן
מיט גנעדן ווילן אונ׳ זיא זול זיין צו גנעדן ווילן שטעטיך דיא דינשט
ישראל דיינש בולקש אונ׳ זיא זולן זעהן אונזרי אויגן זא דו ווערשט
ווידר קירן צו ציון מיט דר בארמיקייט גילובט זיישטו גאט דער דא
מאכט ווידר קירן זיין שכינה צו ציון

**מודים** ויר ביקענן דיר דש דו בישט גאט אונזר גאט
אונ׳ גאט אונזרר פורדרן אוימר אונ׳ איוויג
שופפר אונזרש לעבן איין שילט אונזרי הילף
בישטו צו גבורדא אונ׳ גבורדא ויר וואלן לובן דיך אונ׳ ויר וואלן
דר צילן דיין לובא אוים אונזר לעבן דש דא איז גיענטוורט אין דיין
גיוואלט אונ׳ אוים אונזרי נשמות דיא דיר ביבולהן זיין אונ׳ אוים
דייני צאייכן די אל טאג מיט אונש זיין · אונ׳ אוים דייני וואונדר אונ׳
דייני גוטא די אלי טאג צייט אובנט אונ׳ מורגנש אונ׳ מיטאג זיין · דו
גוטר גאט דש זי ניא זיין בולענדט דייני דר בארמיקאייט אונ׳ דו דר
בארמיגר גאט דז זי ניא זיין צו גאנג דייני גנוד בון איוויג ויר הופן צו
דיר · אונ׳ אוים זי אל צו מאל ער זול זיין גילובט אונ׳ ער זול זיין דר
הוכט דיין נאמן אונזר קוניג שטעטיך אוימר אונ׳ איוויג וכתוב
אונ׳ שרייבא אן צו גוטם לעבן אלי קינדר דיינר זיכרהאייט אונ׳
אלי די דא לעבן זיא ווערן לובן דיך אל וועגן אונ׳ זיא ווערן לובן דיין
נאמן מיט ווארהאייט דער גאט דער דא איז אונזר הילף אונ׳ אונזר
בייא שטאנד אל וועגן גילובט זיישטו גאט דש גוטא איז דיין נאמן אונ׳
צו דיר ציאט וואל צו לובן

**אלהינו** אונזר גאט אונ׳ גאט אונזרר פורדרן בענש
אונש מיט דער ברכה דיא דא איז גידריט
אין דער תורה · די דא איז גשריבן דורך

משֶׁה דיין קנעכט דיא דא איז ווארדן גיזאגט בון אונט אַהֲרֹן אונ׳ זיינר זון דיא כֹּהֲנִים דיין הייליגש בֿולק אז דא איז ווארדן גיזאגט

**יְבָרֶכְךָ** ער זול בענשן דיך גוט אונ׳ ער זול ביהויטן דיך · יָאֵר ער זול דר ליכטן גוט זיין שְׁכִינָה צו דיר אונ׳ ער זול לוייטזעליג דיך · יִשָּׂא ער זול בֿיצווינגן גוט זיין צורן צו דיר אונ׳ ער זול מאכן צו דיר ורידא

**שִׂים** שָׁלוֹם טוא ורידא גוטש אונ׳ בענשונג אונ׳ לוייטזעליקייט אונ׳ גינודא אונ׳ דר בארמיקייט אויף אונש אונ׳ אויף אל ישראל דיין בֿולק בענש אונש אונזר ואטר אונש אלי זאמן מיט ליכט דיינר שכינה ווען מיט ליכט דיינר שכינה הושטו אונז געבן גוט אונזר איין תורה דעש איוויגן לעבן אונ׳ ליבשאפט גינוד אונ׳ גירעכטיקייט אונ׳ בענשונג אונ׳ דר בארמיקייט אונ׳ לעבן אונ׳ ורידא · אונ׳ עש גיבֿאלט וואל אין דיין אויגן צו בענשן דיין בֿולק ישראל אין אלר צייט אונ׳ אין אלר שטונד מיט דיינם ורידא גילובט זיישטו גוט דער דא בענשט זיין בֿולק ישראל מיט ורידא ·

**בְּסֵפֶר** חַיִּים אין בוך דעש לעבן בענשונגא אונ׳ ורידא אונ׳ גוטי נארונגא ויר זולן ווערדן גידוכט אונ׳ ויר זולן ווערדן אן גישריבן צו בֿור דיר ויר אונ׳ אל דיין בֿולק גיינד ישראל צו לעבן אונ׳ צו ורידא · גילובט זיישטו גוט דער דא הוט בישאפן דען ורידא ·

**שָׁלוֹם** שלום רב זאגט מן גוייערט דיא נאכט בון כל נדרי רָב ויל ורידא אויף ישראל דיין בֿולק דו זולשט טון צו איוויג ווען דו בישט איין קויניג איין הער צו אלם ורידא אונ׳ עש גיבֿאלט וואל אין דיינן אויגן צו בענשן דיין בֿולק ישראל אין אלר צייט אונ׳ אין אלר שטונד מיט דיינם ורידא ·

**בספר** חיים אין בוך דעש לעבן בענשונגא אונ׳
ורידא אונ׳ גוטי נארונגא וויר זולן ווערדן
גידוכט אונ׳ וויר זולן ווערדן אן גישריבן
צו בור דיר וויר אונ׳ אל דיין בולק גמינד ישראל צו לעבן אונ׳ צו ורידא
· גילובט זיישטו גוט דער דא הוט בישאפן דען ורידא ·

**אלהינו** אונזר גוט אונ׳ גוט אונזרר בורדרן זיא
זול קומן צו בור דיר אונזר גיבעט אונ׳
דו זולשט דיך ניט ור הלן בון אונזרם
גיבעט דען וויר זיין ניט שטרייטיג ענצליט אונ׳ הערט נאקיג דש
וויר וואלטן זאגן צו בור דיר גוט אונזר גוט אונ׳ גוט אונזרר בורדרן
וויר זיין צדיקים אונ׳ האבן ניט גזונדט נייערט וויר האבן גזונדט ·

**אשמנו** וויר האבן גישולדיגט ·
בגדנו וויר האבן גיבעלשט ·
גזלנו וויר האבן גיראויבט ·
דברנו דופי וויר האבן גירעט לשטר · העוינו וויר האבן ור קרומט
והרשענו אונ׳ וויר האבן בושהייט גיטון · זדנו וויר האבן גימוט
וויליגט · חמסנו וויר האבן אונרעכט גיטון · טפלנו שקר וויר
האבן אונש גיהעפט צו ואלשקייט · יעצנו רע וויר האבן גירוטן
בוזא · כזבנו וויר האבן גילוגן · לצנו וויר האבן גישפוט ·
מרדנו וויר האבן ווידר שפעניגט · ניאצנו וויר האבן דיך דר
צוירנט · סררנו וויר האבן אב גיקירט · עוינו וויר האבן גזונדט
פשענו וויר האבן גימישטוט · צררנו וויר האבן גילאיידיגט ·
קשינו עורף וויר האבן גיהערט אונזרן נאקן · רשענו וויר האבן
איבל גיטון · שחתנו וויר האבן ור דערבט · תיעבנו וויר
האבן ור אונוועדיקט · תעינו ויר האבן זיך גיאירט ·

תִּיעַתָּעְנוּ וויר האבן אנדרי ור אירט · סַרְנוּ מיר האבן אב
גיקירט בון דיינן גיבוטן אונ׳ בון דיינן גוטן גריכטן אונ׳ דש הוט
אונש ניט גיטוכט · וְאַתָּה צַדִּיק אונ׳ דו בישט גירעכט
אויף אלש דש דא קומט אויף אונש ווען דיאווארהייט הושטו גיטון
אונ׳ וויר האבן עש ור שולדט ·

**מַה** נֹאמַר וואש זולן וויר זאגן צו בור דיר דער דא
זיצט אין דער הֵיךְ אונ׳ וואש זולן וויר דר ציילן צו
בור דיר דער דא רואעט אין דען היימלן בור
וואר אל די בור בורגני אונ׳ אופן ווארי זאכן די ווישטו אל וואל · דו
ווישט די הייםליכקייט דער וועלט אונ׳ די ור הטלונג בור בוירקניש
אלר לעבנדיגן דו דורך זוכשט אל קאמרן דעש באוייכש אונ׳ דו
פרוּבשט אל גידאנקן אונ׳ הערץ קיינרלייא זאך איז בור הולן בור
דיר אונ׳ ניכש איז בור בורגן בון צו גיגן דיינן אויגן ·

**יְהִי רָצוֹן** עז זול זיין ווילן צו בור דיר גוט אונזר
גוט אונ׳ גוט אונזרר בורדרן דז דו זולט
בור געבן אונש אל אונזרי זינדא אונ׳
דו זולשט אונש ור צייהן אויף אל אונזרי זינדא אונ׳ דו זולשט בור
געבן אונש אויף אל אונזרי מישטוט ·

**עַל חֵטְא** אויף די זינדא די וויר האבן גזוינדט צו
בור דיר גיגוויט אונ׳ מיט גוטם ווילן אונ׳
אויף די זינד די וויר האבן גיזוינדט צו
בור דיר מיט שטערקן דש הערץ ·
אויף דיא זינדא דיא וויר האבן גיזוינדט צו בור דיר דא וויר ניט בון
ווישן אונ׳ אויף דיא זינדא דיא וויר הון גיזוינדט צו בור דיר מיט
רידא דער לעפצן ·
אויף דיא זינדא דיא וויר הון גזוינדט צו בור דיר אַפנקליך אונ׳

האייאליך אונ׳ אוך׳ דיא זינדא דיא וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר
מיט אנפלעקונגא דער שאנדא ·
אוך׳ דיא זינדא די וויר האבן גיזינדט צו בֿור דיר מיט רֵידא דעש
מונדש · אונ׳ אוך׳ דיא זינדא דיא וויר האבן גיזינדט צו בֿור דיר
מיט ווישן אונ׳ מיט לישטן ·
אוך׳ דיא זינדא דיא וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט גדאנקן דעש
הערצן · אונ׳ אוך׳ דיא זינדא דיא וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט
לאייכֿן איין גיזעלן
אוך׳ די זינדא די וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט ביקענונג דעש
מונדש · אונ׳ אוך׳ די זינדא דיא וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט
ביטעדינגן צו זְנוּת
אוך׳ דיא זינדא די וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מוטווילן אונ׳ מיט
אישגרייבֿן · אונ׳ אוך׳ דיא זינדא דיא וויר האבן גיזינדט צו בֿור
דיר מיט שמעהונג דיא אילטרן אונ׳ דיא לערנר
אוך׳ דיא זינדא דיא וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט שטארקר
מאכֿט · אונ׳ אוך׳ דיא זינדא דיא וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט
חִלוּל הַשֵׁם
אוך׳ דיא זינדא די וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט טוֹרהייט דעש
מונדש · אונ׳ אוך׳ די זינדא דיא וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט
אונרייניקייט דער לעפֿצן
אוך׳ די זינדא די וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט דעם יֵצֶר הָרַע
אונ׳ אוך׳ דיא זינדא די וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט וואושן
אונ׳ און וואושן
ור גיבא אונז ור צייהא אונש ור גיבא אונז
אוך׳ דיא זינד די וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט לאייקנן אונ׳ מיט
ליגן אונ׳ אוך׳ דיא זינדא דיא וויר הון גיזינדט צו בֿור דיר מיט
שוֹחַד נעמן אונ׳ געבן

אויך דיא זינדא דיא וויר האבן גזוינדט צו בֿור דיר מיט לשון הרע
רידן אוב׳ אויך דיא זינדא דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר מיט
שפּוטרייא

אויך דיא זינדא דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר מיט אונרעכֿטם
משא ומתן אוב׳ אויך דיא זינדא דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר
מיט עשן אוב׳ מיט טרינקן

אויך די זינדא דיא וויר האבן גזוינדט צו בֿור דיר מיט ביישונג אוב׳
מיט רִבית · אוב׳ אויך דיא זינדא דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר
מיט אויך גרייכֿטר קעל

אויך דיא זינדא דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר מיט ווינקן דער
אויגן · אוב׳ אויך דיא זינדא דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר מיט
רידן אונזר לעפֿצן

אויך דיא זינד דיא וויר האבן גזוינדט צו בֿור דיר מיט עזות מצח ·
אוב׳ אויך די זינד דיא וויר האבן גזוינדט צו בֿור דיר מיט הופֿרטיגן
אויגן

ור גיבא אונש ור צייהא אונז ור גיבא אונש

אויך דיא זינדא דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר מיט אב רייסן דש
יאך בֿון דער תורה · אוב׳ אויך דיא זינדא די וויר הון גזוינדט צו
בֿור דיר מיט ריכֿטן

אויך דיא זינד דיא וויר האבן גזוינדט צו בֿור דיר מיט בוזם אויגן ·
אוב׳ אויך דיא זינדא דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר מיט ביטריגן
דען גיזעלן

אויך דיא זינד דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר מיט קלות ראש :
אוב׳ אויך דיא זינדא דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר מיט הארטן
נאקן

אויך די זינד דיא וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר מיט לויפֿן דער בֿויש
צו בוזא · אוב׳ אויך דיא זינדא די וויר הון גזוינדט צו בֿור דיר מיט

רְכִילוּת

אוין דיא זינד דיא וויר הון גזינדט צו פור דיר מיט וואלשן שבועות
אוב אוין דיא זינד דיא וויר הון גיזינדט צו פור דיר מיט וויינטשפט
אום זינשט

אוין דיא זינדא דיא וויר הון גזינדט צו פור דיר מיט גלובן דער
האנט · אוב אוין דיא זינדא דיא וויר הון גזינדט צו פור דיר מיט
ור טיאלונג דעש הערצן

אוין דיא אל גט דער ור געבונגא ור גיבא אונש ור צייהא אונש ור
גיבא אונש

אוב אוין דיא זינדא דא וויר אוין שולדיג זיין איין קָרְבַּן חַטָּאת
אוב אוין דיא זינדא דא וויר אוין שולדיג זיין איין קָרְבַּן אָשָׁם
אוב אוין דיא זינדא דא וויר אוין שולדיג זיין איין קָרְבַּן עוֹלָה
אוב אוין די זינד דא וויר אוין שולדיג זיין איין קָרְבַּן עוֹלֶה וְיוֹרֵד ·
אוב אוין דיא זינדא דא וויר אוין שולדיג זיין איין טוט פון גוטש
הענדן

אוב אוין דיא זינדא דא וויר אוין שולדיג זיין כָּרֵת דש איינר זיין
טג ניט אויש לעבט אוב עֲרִירִי דש איינר אן קינדר בלייבט ··
אוב אוין דיא זינדא דא וויר אוין שולדיג זיין מַלְקוּת צו שלאגן ·
אוב אוין דיא זינד דא וויר אוין שולדיג זיין מַכַּת מַרְדּוּת צו שלאגן ·
אוב אוין דיא זינד דא וויר אוין שולדיג זיין דיא ויר ערלייא מִיתוֹת
פון דעם בֵּית דִּין

## סְקִילָה

שְׂרֵפָה הֶרֶג וְחֶנֶק ור שטיינן ור ברענן
דר שלאגן מיט דעם שווערט אוב הענגן

אוין דיא מִצְוֹת דיא גיבוטן זיין צו טון
אוב אוין דיא מצות דיא ור בוטן זיין דש מן זיא ניט זול טון · עש
זייא דש עש איז פור בוטן טוא דז ניט גזייארט שטייא אוין אוב טוא
דש · אודר דש עש שלעכט פור בוטן איז טוא דש ניט · עש זייא

דיא אונש אופן וואר אונ׳ ווישנליך זיין · אודר דיא אונש ניט אופן
וואר זיין · די אונש אופן וואר אונ׳ ווישנליך זיין די הון וויר איבונגד
אל גיזאגט צו פור דיר גוט אונזר גוט אונ׳ גוט אונזרר פורדרן אונ׳
האבן דיר דרויף ביקענט · אבר דיא אונש שון ניט אופן וואר זיין
דיא זיין דיר אל אופן וואר אונ׳ ווישנליך אז דיא רידא דיא דא איז
ווארדן גיזאגט · דיא ור בורגן זינדא זיין צו גוט אונזרם גוט אונ׳ די
אופן ווארן זיין צו אונש אונ׳ צו אונזרן קינדן ביש איוויג צו טון אל
רידא דער תורה דער דיזן · ווען דו בישט איין ור געבר צו ישראל
אונ׳ איין ור צייהר צו דען גשלעכטן פון ישראל · אונ׳ און דיך אליין
איז קיין קוניג דער דא ור צייהט אונ׳ ור גיבט נוייערט דו ·

# אלהי

איין גוט אי דז איך בין ווארדן בישאפן בין איך
ניט ווערט גיוועזן דש איך זולט ווערדן בישאפן
אונ׳ איצונט זא איך בין בישאפן בין איך גלייך אז
ווער איך ניט ווארדן בישאפן · איך בין ערד די וויל איך נוך לעבא
מכל שכן ווען איך גישטורבן בין פור וואר איך בין צו פור דיר
אז איין געשיר דש דא איז פול שאם אונ׳ שאנדא עש זול זיין ווילן צו
פור דיר גוט מיין גוט אונ׳ גוט מיינר פורדרן דש איך נוימיר זול
זינדן אונ׳ וואש איך פור גיזינדט הון צו פור דיר דז מעק אב מיט
ויל דיינר דר בארמיקאייט · אבר ניט מיט קעשטיגונגא אונ׳ בוזן
קראנקהאייטן · דיא זולן זיין צו געטם ווילן זאג מיינש מונדא אונ׳
גידאנקן מיינש הערצן צו פור דיר גוט מיין שופפר אונ׳ מיין דר
לויזער · עושה שלום דער דא מאכט ורידא אין זיינם הימיל
ער זול מאכן ורידא אויף אונש אונ׳ אויף אל ישראל אונ׳ זאגט
אמן

# יהי רצון

עש זול זיין ווילן צו פור דיר גוט מיין
גוט אונ׳ גוט מיינר פורדרן דש עש

זול ווערדן גיבויאט די בית המקדש באלד אין אונזרן טאגן אונ׳ גיבא
אונז אונזר טייל אין דיינר תורה

צו מוסף׳ אורט אן דש שנה עשרה וויא צו יוצר ביש אן יעלה ויבא
דען היבט מן אן ומפני חטאינו

# מפני חטאינו

פֿון וועגן אונזר זינד זיין וויר ווארדן פֿר טריבן פֿון אונזרם לאנד אונ׳ וויר זיין ווארדן גיוערט פֿון אונזרם ערטריך אונ׳ ניט וויר קונן צו אויף גין אונ׳ צו ווערדן גיזעהן אונ׳ צו נאייגן זיך צו פֿור דיר אונ׳ צו מאכן וויש וויר שולדיג זיין אין דיינם דר וויילטן הויזא · אין דעם הויזא דעם גרוש אכפרן אונ׳ דעם הייליגן דא דיין נאמן אויף איז ווארדן גירופֿן פֿון וועגן האנט דעש ויינדש דיא דא איז ווארדן גיזענדט אן דיינם בית המקדש · עש זול זיין ווילן צו פֿור דיר גאט אונזר גאט אונ׳ גאט אונזרר פֿורדרן דר בארמיגר קוניג דש דו זולשט ווידר קירן אונ׳ זולשט דיך דר בארמן איבר אונש אונ׳ איבר דיין בית המקדש מיט דיינן דר בארמונגן דער ויל זיין אונ׳ דו זולשט עש באלדא באויען אונ׳ דו זולשט גרושן זיין איר · אונזר פֿאטר אונזר קוניג דר צייג איר דיינש קוניגרייכש אויף אונש באלד אונ׳ דר לויכט אונ׳ דער הויא איבר אונש פֿור אויגן אלש דש דא לעבט אונ׳ ניאנעך אונזר פֿור שפראייטונג פֿון צווישן דען פֿולקרן אונ׳ אונזר פֿור שפראייטונגא זאמיל פֿון ענדן דער ערדן אונ׳ ברענג אונש צו ציון דיינר שטאט מיט גיזאנג אונ׳ גין ירושלים אין דיין בית המקדש מיט איינר איוויגן פריידא אונ׳ אלדא וואלן וויר מאכן צו פֿור דיר קרבנות די וויר שולדיג זיין די טעגליכן אופפֿר אז איר אן ריכטונג אונ׳ דיא קרבן מוסף׳ אז איר רעכט · אונ׳ דש קרבן מוסף׳ פֿון דעם טאג דען שבת דען דיזן אונ׳ טאג דער פֿור געבונגא דען דיזן וויר וואלן מאכן אונ׳ וויר וואלן

גינעבן צו בֿור דיר מיט ליבשאפֿט אז גיבוט דיינש ווילן אז דו הושט
גישריבן אויף אונש אין דיינר תורה דורך משה דיינן קנעכֿט בֿון
מונדא דיינר איר אז דא איז ווארדן גיזאגט

**וּבֶעָשׂוֹר**

לַחֹדֶשׁ אונֿ אן דעם ניהנדן טאג
אין מונעט דעם זיבנדן דען דיזן
רויפֿונגא האיילינג ער זול זיין צו
אויך אונֿ איר זולט פייניגן אוייערי
לייבר קיינר לייא דינשטליך ווערק
זולט איר ניט טון · אונֿ איר זולט
גינעבן אוספֿר צו גוט גישמאק
זענפֿטונגא · איינן שטיר יונגש רינדא אונֿ איין ווידר · זיבן שוף
יונגי איינש יארש גאנצי זיא זולן זיין צו אויך

דש זאגט מן אם שבת̄

**וּבְיוֹם** הַשַּׁבָּת̄ אונֿ אם
טאג דעם שבת̄
צווייא שוף יונגי איינש יארש
גאנצי אונֿ צווייא ציהנטאייל
זעמל מעל פריזנט גימושט מיט
אֳל אונֿ זיין גישונגא · דש זול
זיין אוספֿר דעש שבת אן
זיינם שבת̄ · אן דז טעגליך
אוספֿר אונֿ איר גישונגא

**וּמִנְחָתָם** · אונֿ איר פריזנט אונֿ איר גישונגא אז
דא איז ווארדן גירידט · דרייא
ציהנטאייל צום שטיר אונֿ צווייא
ציהנטייל צום ווידר · אונֿ איין ציהנטייל צו איטליכם שוף אונֿ וויין
אז זיין גישונגא · אונֿ צווייא ציקליך צו ור געבן · אונֿ דיא צווייא
טעגליכֿן אוספֿר אז איר רעכֿט

אם שבת זאגט מן דש

**יִשְׂמְחוּ** בְמַלְכוּתְךָ · זיא ווערדן זיך פֿראייען אין
דיינם קוניגרייך די דא היטן דען שבת
אונֿ דיא דא רויפֿן זענפֿטיגונגא דש פֿולק
ישראל דיא דא האיילגן דען זיבנדן טאג · זיא אל צו מול זיא זולן

ווערדן זאט אונ' זי זון ווערדן גיזעגנֿט־גט ב̄ון דיינם גוטן אונ' דען
זיבנדן טאג הושטו אן גינומן אונ' דו הושט אין גיהאיילינגט איין לושט
אלר טעג הושטו אין גירופֿן גידעכֿטניש צו דעם ווערק ב̄ון
בראשית

**אלהינו** אונזר גוט אונ' גוט אונזרר ב̄ורדרן ור צייהא
אונזר זונדא אם יום כיפורים דעם דיזן
וואיש אבא אונ' מאך אויבר וארן אונזר
מישטוט ב̄ון גיגן דיין אויגן אז דא איז ווארדן גיזאגט איך וויל אבא
וואישן דייני מישטוט אום מיינן ווילן אונ' דייני זונדא וויל איך ניט
גידענקן אונ' נוך איין פסוק זאגט אונ' איך וויל אבא וואישן אז איין
דיקן וואלקן דיין מישטוט אונ' אז איין וואלקן דיין זונדא ווידר קיר
צו מיר ווען איך וויל דר לויזן דיך אונ' נוך איין פסוק זאגט ווען אם
טאג דעם דיזן ער ווערט ור געבן אויף אייך צו ראייניגן אייך ב̄ון
אלן אוייערן זונדן צו ב̄ור גוט איר זולט זיין ראיין

**קדשנו** האיילג אונש מיט דיינן מִצוֹת אונ' גיבא
אונז אונזר טאייל אין דיינר תורה מאך
זאט אונז ב̄ון דיינם גוטן אונ' דר וראייא
אונש מיט דיינר הוילף אונ' ראייניג אונזר הערץ צו דינן דיר מיט
ווארהאייט · ווען דו בישט גוט ווארהפֿטיג אונ' דיין רידא אונזר
קוניג איז וואר אונ' בלייבט איוויג גילובט זיישטו גוט דער קוניג
דער דא ור צייהט אונ' ור גיבט אונזרי זונדא אונ' זונדא זיינש
ב̄ולקש ישראל אונ' ער מאכֿט אויבר וארן אל אונזרי שולדא אל יאר
אונ' יאר דער קוניג אויבר אלי לאנד דער דא האיילגט דען שַבָת
ישראל אונ' דען יום כִיפוּרִים ·

בון היבט מן ווידר אין דעם שמונה עשרה ב̄ון יוצר אן רצה אן אונ'
אורט עש גאר אויש אלש נוך אנדר ·

צו נעילה אורט מן שאונה עשרה גלייך אז צו יוצר אודר צו מנחה ביש אן אתה יודע רזי עולם גוייערט וואו מן ואר הוט גיזאגט אין זכרינו אוב׳ שרייבא אונש אן דא זאגט מן איבונד אוב׳ זיגל אונש אוב׳ אזא אין וכתוב לחיים דש מן בור הוט גיזאגט שרייבא אן זאגט מן אוב׳ זיגל צו גוטם לעבן אוב׳ אזא אין בספר חיים וואו מן בור הוט גיזאגט אוב׳ וויר זולן ווערדן אן גישריבן זא זאגט מן איבונד אוב׳ וויר זולן ווערדן גיזיגלט אוב׳ ווען מן האלט אן אתה יודע רזי עולם זא היבט מן דא אן אתה נותן ·

## אַתָּה נוֹתֵן

יד לפושעים דו ראייכשט די האנט צו דען מישטעטרן אוב׳ דיין רעכטי האנט איז גשפראייט צו אן נעמן די דא תשובה טון אוב׳ דו הושט גילערנט אונש גט אונזר גט צו ביקענן צו בור דיר אוין׳ אל אונזרי זינדא דרום דש וויר זולן בור מיידן בון בור צוקונגא אונזרר הענדא אוב׳ דו זולשט אן נעמן אונש מיט גאנצר תשובה צו בור דיר אז דיא בוייער אופפר אוב׳ דיא זענפטן גישמאק אוין וילן דיינר רידא אוב׳ רידא דיינש מונדש דז דו הושט גזאגט עש איז קיין ענדא צו בוייער אופפר אונזרר שולד אוב׳ איז קיין צאל צו זענפטן גישמאק אונזרר קרבן אשם דו ווייסט וואל דש אונזר ליצט איז וואורים אוב׳ מאדן דארום הושטו גימירט אונזר בור געבונגא · וואש זיין וויר וואש איז אונזר לעבן וואש איז אונזר גינודא וואש איז אונזר גירעכטיקייט וואש זיין אונזרי טעג וואש זיין אונזרי יאר וואש איז אונזר קראפט וואש איז אונזר שטערק וואש זולן וויר זאגן צו בור דיר גט אונזר זיין דוך אלי שטארקן אז ניכש צו גיגן דיר · אוב׳ די נאמהאפטיגן מאנן זיין אז ווערן זיא ניא גיוועזן אוב׳ דיא וויזן אז העטן זיא קיין זין אוב׳ דיא בור שטענדיגן אז העטן זיא קיין קלוגהאייט ווען אל אירי ווערק זיין ניכט אוב׳ דיא טעג אירש לעבן זיין טורהאייט

בור דיר אונ׳ וואז איין מענש מיר איז דען דש ויך אוין דיזם עולם
דש איז ניכש דען אייטיל טורהאייט ·

# אתה הבדלת

דו דו הושט אבא גשאיידן
דען מענשן בון אנואנג אוב
דו הושט דר קענט אין דש

ער זול שטין צו דינן בור דיר ווען ווער קאן זאגן צו דיר וואש
וואורקשטו אונ׳ ווען איין מענש שון ורום איז וואש גיבט ער דיר
אונ׳ דו הושט אונש געבן גוט אונזר גוט מיט ליבשאפט · דען
טאג דען שבת דען דיזן אונ׳ דען יום כפורים דען דיזן
ענדא אונ׳ בור געבונגא אונ׳ בור צייהונג צו אל אונזרן זינדן אונ׳
מיר וואלן ווידר קירן צו טון דיינן ווילן מיט גאנצם הערצן · אונ׳ דו
גוט מיט ויל דיינר דר בארמיקאייט דר בארים דיך אויף אונש דען
דו בגערשט ניט אן ור דערבונג דער וועלט · אז דער פסוק זאגט
בורשט גוט זא ער בור האנדן איז רויפט אין אן זא ער נוהנט איז
אונ׳ נוך איין פסוק זאגט ער זול ור לושן דער רשע זיין בוזן
וועג אונ׳ דער אונגירעכט מאן זייני בוזי גידאנקן אונ׳ ער זול
תשובה טון צו גוט זא וירט ער דר בארמן אין אונ׳ צו אונזרם גוט
ווען ער מירט צו בור געבן · אונ׳ דו גוט דער ור געבונג דו בישט
איין דר בארמיגר אונ׳ איין לוויטזעליגר איין לאנגזאמר צו דר צורנן
אונ׳ ויל גינודא אונ׳ ווארהאייט · אונ׳ דו ביגשט אן דיא תשובה
בון דען רשעים אונ׳ בינערשט ניט אן אירם שטערבן אז דער
פסוק זאגט זאג צו אינן אז לעב איך זאגט גוט דער הער אוב איך
בינער אן דעם טוט דעש רשע ווען נוייארט דש דער רשע זול
תשובה טון בון זיינם בוזן וועג זא ווערט ער בלייבן לעבן · אונ׳
נוך איין פסוק זאגט ווידר קירט בון אייערן בוזן וועגן
וואורום וואלט איר שטערבן גינדא ישראל · אונ׳ נוך איין פסוק

זאגט אוב בינער איך בינער שטערבן דעש רשע שפריכט גאט דער הער · פור וואר ווען ער ווידר קירט פון זיינן בוזן וועגן זא ווערט ער בלייבן לעבן · אונ' נוך איין פסוק זאגט ווען ניט איך בינער אן טוט דעש מענשן דער דען טוט ור שולדט הוט שפריכט גאט דער הער טונדא תשובה אונ' בלייבט לעבן ווען דו בישט איין פור געבר צו ישראל אונ' איין פור זייהר צו דען געשלעכטן פון ישראל · אונ' און דיך אליין איז קיין קונינג דער דא פור זייהט אונ' פור גיבט נוייערט דו ·

אלהי מיין גאט אֵי דז איך בין ווארדן בישאפן בין איך ניט ווערט געוועזן דש איך זולט ווערדן בישאפן אונ' איצונט זא איך בין בישאפן בין איך גלייך אז ווער איך ניט ווארדן בישאפן · איך בין ערד די וויל איך נוך לעבא מכל שכן ווען איך געשטורבן בין · פור וואר איך בין צו פור דיר אז איין געשיר דש דא איז פול שאם אונ' שאנדא · עש זול זיין ווילן צו פור דיר גאט מיין גאט אונ' גאט מיינר פורדרן · דש איך נוימיר זול זונדן אונ' וואש איך פור גזונדט הון צו פור דיר · דז מעק אב מיט ויל דיינר דר בארמיקאייט · אבר ניט מיט קעשטיגונגא אונ' בוזן קראנקהאייטן · זיא זולן זיין צו געטען ווילן זאגן מיינש מונדש אונ' גידאנקן מיינש הערצן צו פור דיר גאט מיין שופסר אונ' מיין דר לויזער · עושה שלום דער דא מאכט ורידא אין זיינם הימל ער זול מאכן ורידא אויף אונש אונ' אויף אל ישראל אונ' זאגט

אמן

יהי רצון עש זול זיין ווילן צו פור דיר גאט מיין גאט אונ' גאט מיינר פורדרן · דש עש זול ווערדן געבויאט דש בית המקדש באלדא אין אונזרן טאגן אונ' גיבא אונז אונזר טייל אין דיינר תורה ·

דש זיין דיא הושענות ··

# הושע נא

הילף נון ·

למענך אלהינו אום דיינן ווילן אונזר גוט הילף נון ·
למענך בוראינו אום דיינן ווילן אונזר בישעפר · הילף נון
למענך גואלינו אום דיינן ווילן אונזר דר לוזער הילף נון ·
למענך דורשנו אום דיינן ווילן אונזר בורשר · הילף נון

אם אירשטן טאג פון סוכות זאגט מן דיא הושענא

**אערוך** שועי · איך וויל אן ריכטן מיין גיבעט
אין דעם הויז דא איך אינן תפילה טוא
איך הון אנגפליקט אן דעם ואשט טג פון
יום כיפורים מיין מישטוט איך הון דיך גיפורשט אם זעלבן טאג צו
העלפן מיר ור נים צו שטים מיינש גישרייא אונ׳ דר צאיין דיך אונ׳
הילף מיר גידענק אונ׳ דאר בארם דיך מיין העלפר לעבנדיגר גוט
רעכט דו זולשט דר מייען מיך גוטר גוט אן מיין גישרייא קיר דיך
ער זול באלד קומן מיין העלפר · ואר דערבא דען יצר הרע דער
מיך בוזא מאכט דש ער מיך ניט נוך בוזר מאכט איי׳ גוט
מיינר הילף איוויקליך צו העלפן מיר ור טראג פון זינדא מיינר
בושהייט איבר ואר אוין׳ מיין מישטוט קיר דיך צו מיר אונ׳ הילף
מיר מיין שופפאר דער גירעכט העלפר אנפפאנג פון מיין
גישרייא דאר הויך דיא הערשפט מיינר הוילף אלמעכטיגר גוט
מיין העלפר דו זולשט דר לוייכטן אונ׳ זולט העלפן מיר הושענה
הילף נון

נון זאגט מאן כהושעת אלים אוב הושיעה את עמך אז הר נוך שטיט
דיא הושענה זאגט מן אם אנדרן טאג

א

למושעות דער שטארק גאט צו דער הוילף אן דיא ויר
שבועות דיא דו הושט געשווארן גנעבן זיא צו דאר
מאנן דיך מיט געשרייא דער תפלה זיא קלופפן אן
מיט אן ריכטונג דער תפלה · דיא דא לערנן דיא תורה דיא דא איז
איין דר מאייאונגא · אוב מיט דעם רעטניש פון דער תורה זיא דר
מאייען זיך · זיא שרייען צו דיר דש דו דיך זולשט צו זיא קירן ·
דיא דא הופן צו דיינר הוילף · דיא זיך ביהעפטן אן דיך צו קירן ·
דיא דא ווישן צו פרובן דיא צייט פון דען ימים טובים · דיא דא
קניאען פור דיר מיט געבעט דז דו זי זולשט מאכן פור שטין דיא
שמועות פון דער תורה · די איש דיינם מונט זיין ווארדן גהורט
ער גבעט הוילף · דיא צאל אוב דיא לויטונגא פון דען חשבונות פון
דער גאולה דיא דא עדות לושן הורן · דו וואורקר דער הוילף ·
שיק אונז דען גדיק משיח דער אונש זול העלפן · גנעך דיא הוילף
שטירמונג ור וואושטונגא דער דרייא שעות פון דער מלחמה פון
גוג ומגוג זולשטו איילן צו דער הוילף הושענא הילף נון
נון זאגט מן אבר כהושעת אלים אוב הושיעה את עמך ·
דיא הושענא זאגט מן אם דריטן טאג ·

אום

אני חומה הילף דעם פולק ישראל דיא דא זיין
אין דער אמונה אז שטארק אז איין מויער דיא
דא זיין לויטר אז דיא זון זי זיין ור טריבן אוב
אב גקירט פון ארץ ישראל · זיא זיין גגליכן צו איינם טייטל בוים
זיא לושן זיך דר שלאגן אוים דיינן ווילן אוב זיא זיין גיאכט אז
דיא שוף דיא מן וויל שעכטן · זיא זיין פור שפראייט צווישן דען
פולקרן דיא זיא דער צוירנן · זיא בינערן זיך צו בהעפטן אן דיך
זי לאדן דיין יוך אויף זיך זי זיין איין איינגש פולק צו אייניגן דיך
ן

זיא זיין ביצוואונגן אים גלות זיא לערנן דיין בורכט זיא לושן
זיך צו ספוקן דען קינבאקן אירש בארטש זיא לושן זיך אידרמן
שלאגן זיא ליידן וואש דו אוני זיא שיקשט אים גלות זי זיין ארם
אונ׳ דר שרוקן דיא דא זיין וואורדן דר לוזט דורך משה רבינו
דער דא היש טוביה זיא זיין גנליכן צו שוני דער קדשים דיא
זאאלונגא יעקב זי זיין גנייכנט מיט דיינם נאמן · זי שרייאן
הילף נון זיא בור לושן זיך אוני דיך הושענא הילף נון ·
זאגן אבר כהושעת אלים אונ׳ הושיעה את עמך
דיא הושענא זאגט מן אם וירדן טאג
אונ׳ זיא איז ניט וואל צו בור טייטשן אבר עז זיין אייטיל נעמן בון
דעם בית המקדש דיא מן אל אים פסוק וינדט דז עז אזא גהייאשן
איז דא ביטן מיר דש אים גאט זול הערלפן דש עש זול באלדא גבויאט
ווערדן אמן

**אבן** שתיה הילף דעם שטיין בון דעם גרונטזיישט
דעם דער וועלט הויז דער שוייער בון ארונה
דעם צייאליכן פאלש דעם בערג מוריה אונ׳
דעם בערג דא זיך גאט ספלינגט אוני צו דער צאיין דער הערברגן
דיינר שונהייט דער רואונגן בון דוד דעם גוטן וואלד דעם שונן
צווייג איין קרון דער שונהייט · איבר געכטינגן דער גירעכטי
קייט איין בראייטונגן צו דיינם גיזעש דיא שטיל וואונגא דיא
הויט בון ירושלים אוני זאגן דער גשלעכט צו דען שלש רגלים
דיא איך דער ווירדיקייט ציון דיא גצייכנט הייליגן דער הייליג
קייט דיא גספלאשטרט מיט ליבשאפט רואונגן דיינר איר איין
האויפן דער לערנונגן הושענא הילף נון ·
נון זאגן כהושעת אלים אונ׳ הושיעה את עמך
דיא הושענא זאגט מן אם בוינפטן טאג

# אדמה

מאֶרר · היזף דער ערדא בון וולכונגא
דעם ויך בון צו ור ווערפן דער שווייער
בון וואורמן דעם קורן בון ור ברענונג
דעם נאט בון מינרונג אונ׳ דער שפייזא בון ור טויאלונגא דעם
אויל באוים בון ור ווערפונגא דעם וואיין בון האיישרעקן דער
שפייזא בון האבר שרעקן דער קעלטר בון האיישרעקן דעם
ווין גארטן בון וואורמן דען זאנגן בון האיישרעקן דעם זוישן
אופש בון דען האיישרעקן דעם לייבא בון דר שרעקניש דער
זעטונגא בון האבר שרעקן דער הערטא ויך בון ור מאגרונגא
דעם אופש בון האגיל שלאכט דען שופן בון שריאפפן דעם שניט
בון ור וולכונגא דעם האויפן בון ור מאגרונגא דען עהרן בון
הערטיקייט דער ורוכט בון האיישרעקן
הושענא היזף נון

דש כהושעת זאגט מן אל טאג נוך דען הושענות אונ׳ דא מיט דש
איין איטליכר זול דעשטר באז ור שטין די הושענא וויל איך דא איין
גרונט שרייבן בון דער הושענא דיא הושענא ריט וארבן אלש בון
דעם גלות בון מצרים אונ׳ ריט גלייך אז ווער כביכול אונזר הער גוט
גלובט זייא ער זעלברט מיט ישראל אים גלות געוועזן אונ׳ ווער מיט
זיא דר לויזט ווארדן אונ׳ דש וינדשטו אים אירשטן געזעץ אונ׳ אים
אנדרן אונ׳ דר נוך אים וירדן אונ׳ אים בוינפטן אונ׳ אים זעכשטן
אונ׳ אים זיבנדן אונ׳ דרנוך אבר אים צעהנדן געזעץ דש זעלב גיט
אויף דש גלות בון בבל אונ׳ אזו וינדן מירש אים פסוק דש ער זאגט
דש הקבה כביכול זעלברט מיט ישראל אים גלות איז אז דער פסוק
גיט אין אל אירם לאיידא איז צו אים לאיידא אונ׳ אין ויהי נועם גיט
אויך דער פסוק מיט אים בין איך אים לאיידא

# בהושעת אלים

אז דו הושט געהולפֿן ישראל דא זיא ווארן אין מצרים מיט דיר · דא
דו בישט אויש גאנגן צו הולפֿי דיינש פֿולקש אזא הילף אויך נון ·
אז דו הושט געהולפֿן דעם פֿולק אונ׳ זיינם גאט · די דא פֿורשטן נוך
דער הולפֿי גאט אזא הולפֿי נון · אז דו הושט געהולפֿן דער
ברוונגא דעש היר · אונ׳ מיט אינן ווארן מלאכים דעש בורא אזו
הילף נון · אז דו הושט געהולפֿן ישראל דען ראיינן פֿון הוייזא
דא זיא זיין געוועזן קנעכֿט · זיא ווארן גלייך אז העטן זי דען בורא
זעלבשט מיט אירן הענדן מאכֿן ערבטן אזא הילף נון ·
אז דו הושט געהולפֿן ישראל דיא שיר ווערן פֿור זונקן אין טיפֿניש
דער שטויק פֿום מיר : דיין ווירדיקייט מאכֿטן זיא מיט אינן דורך
דש מיר אויבר וארן אזא הילף נון · אז
דו הושט געהולפֿן ישראל דיא דא זאגן ויושע יי׳ אונ׳ ער האלף גאט ·
צו אירם אויז ציהר איז עז געפוינטלט ויושע אונ׳ ער ווארדא געהולפֿן
גאט אזא הילף נון · אז דו הושט געהולפֿן דא דו זאגשט
והוצאתי אתכם אונ׳ איך וויל אויז ציהן אייך · דש ווערט בישאיידן
והוצאתי אתכם אונ׳ איך וויל ווערדן אויז געצוהן מיט אייך אזא הילף
נון · אז דו הושט געהולפֿן דענן דיא דא אוים רינגלן דש
מזבח · דיא דא זיין בילאדן מיט וואיידן צו אוים רינגלן דש מזבח
אזא הילף נון · אז דו הושט געהולפֿן מיט וואונדר דעם ארון דא
ער וואורד פֿור זונדט דש ער גנומן וואורדא · ער לאיידיגט דיא
פלשתים מיט גרים צורן אונ׳ אים ווארדא ווידר געהולפֿן אזא הילף
נון · אז דו הושט געהולפֿן דען קהילות דיא דו גען בבל זענדשט
דו דר בארמיגר דורך אירן ווילן וואורדשטו דאר געזענדט אזא
הילף נון · אז דו הושט געהולפֿן דער ווילדיקייט געשלעכֿט יעקב
דו זולשט ווידר קירן אונ׳ זולשט מאכֿן ווידר קירן די ווידר קירונג

דער גיזעלט פֿון יעקב אונ' הילף נון · אז דו הושט גיהולפֿן דיא דא הויטן דיא מצות · אונ' דיא דא הופֿן צו דער הילף שטארקר גוט צו דער הילף אונ' הילף נון

אֲנִי וָהוּ הוֹשִׁיעָה נָּא איך אונ' ער הילף נון

**הוֹשִׁיעָה** אֶת עַמֶּךָ הילף דיינם פֿולק אונ' בענש דיין ערבא אונ' שפייזא זיא אונ' דר היבא זיא ביש איוויג · אונ' זיא זולן זיין מייני רידא די דוזיגן די איך הון גיבעטן צו פֿור גוט נוהנט צו גוט אונזרם גוט טאג אונ' נאכֿט צו טון גיריכֿט זיינש קנעכֿטש · אונ' גיריכֿט זיינש פֿולקש ישראל זאך טאג אן זיינם טאג · אום ווילן דש זיא זולן ווישן אל פֿולקר דעש לאנדש דש גוט איז דער רעכֿט גוט אונ' איז קיין גוט מֵיר דען ער ·

די הושַׁעְנוֹת זאגט מן אם שַׁבָּת אים סכות עז זייא דז דער איר שט טאג פֿון סוכות אם שבת איז אודר דז דער שבת אים חול המועד גיזעלט ·

# הוֹשַׁעְ נָא

הילף נון ·

| | | |
|---|---|---|
| לְמַעַנְךָ אֱלֹהֵינוּ | אום דיינן ווילן אונזר גוט | הילף נון · |
| לְמַעַנְךָ בּוֹרְאֵינוּ | אום דיינן ווילן אונזר בישעפֿר · | הילף נון |
| לְמַעַנְךָ גּוֹאֲלֵנוּ | אום דיינן ווילן אונזר דר לוזער | הילף נון · |
| לְמַעַנְךָ דּוֹרְשֵׁנוּ | אום דיינן ווילן אונזר פֿורשר · | הילף נון |

# אוֹם נְצוּרָה כְּבָבַת

הילף דעם פֿולק ישראל דז דא ווערט בהויט אז שווארץ אפֿפֿיל דעש

אוין זיא פרויבן אין רעכט דער תורה די דען לייבא דער קוויקט
זיא לערנן דיא רעכט בון שבת זיא בורשן וואש לאשט בור
בוטן איז צו טראגן אם שבת · זי זעכן צוויא טוייזנט איילן בור איין
תחום שבת · אונ׳ זי ווידר קירן אירן בוש בום שבת · דז זכור אונ׳
דש שמור דש אין דען עשרת הדברות שטיט בישטעטין זיא אם
שבת זכור דש מיינט צו גידענקן דען שבת איבר דען וויין בון
קידוש שמור דש מיינט צו היטן דען שבת בון מלאכה טון · זיא
האבן אכט צו איילן דען גאנגן בון שבת · זי קוכן אל דינג אם
פרייטאג צום שבת · זי זיצן אונ׳ ווארטן לאנג ביש דא אויז גיט דער
שבת · איר אונ׳ זעפטונג רויפן זיא צום שבת · איר קלאייד אונ׳
איר גיוואנט בור ווערשילן זיא אם שבת · זויש שבת אופש עשן
זיא אם שבת · דרייא סעודות בשטעטין זיא צו עשן אם שבת
איבר צוויא גאנצי ברוט מאכן זיא ברכות אם שבת · זי בישיידן
זיך ערלייא גימאך דא מן ניט טאר טראגן בון איינם צום אנדרן אם
שבת · די מצוה בון דען ליכט אנצוינדן די צוינדן זיא אן צום שבת
קידוש איבר דען וויין מאכן זיא אם שבת · זיבן ברכות אורן
זיא אים שמונה עשרה אם שבת · זיבן רופן זיא אויף צו דער
תורה אז רעכט איז אם שבת · דו זולשט זי מאכן ערבן דען טאג
דער דא איז אייטל שבת · היליף נון ·
אני והוא איך אונ׳ ער היליף נון ·

# בהושעת אב המון

אז דו הושט גיהולפן אברהם אונזרן ואטר דער דא ווארף אויף דיך
זיין גאב אויס זיינן ווילן דר צאייגשטו דיך אונ׳ דו מאכשט אנטריינן
אין בון ולאמא דעש קאלך אובן אזו היליף אונז נון · אז

דו הושט גהולפן זיינם זון יצחק דער דא איבר ענטוורט זיין אייגין
פיל צום שעכט מעשר דו זאגשט צו אברהם זיינם ואטר דיין האנט
זולשטו ניט אן אין זעבדן אזו הילף אונש נון · אז דו
הושט גהולפן יעקב דער דא ראנג מיט דעם ענגיל אונ׳ דו מאכשט
אנטרינן אין בון דער ויינטשאפט בון עשו אזו הילף נון ·
אז דו הושט גהולפן יעקבש קינדן דא זיא קאמן איבר די שטט
שכם זיכר אונ׳ דר שלוגן זי דו דר שרעקשט אירי לאיידינר דא זי
צוהן דש זיא גנמן זיכר אזו הילף נון · אז דו הושט
גהולפן ישראל דען ראיינן בון מצרים דיא זיא מאכטן ערבייטן
הערטליכן מיט ציגיל דיא מצריים גידרטן אין דש טיף מיר אז איין
שטיין אזו הילף נון · אז דו הושט גהולפן משה רבינו
דא ער וואר בור בארגן אין דער לאדן אונ׳ שוואם אויף דעם וויער
דו בויגשט איןווידר צו שוסא זיינר מוטר אזו הילף נון ·
אז דו הושט גהולפן אהרן הכהן דער וואר אוים וואונדן מיט
זיינן קליידרן אונ׳ גט וואר אויף אין צורנין דער ווארהאפטין משה
באט בור אין אונ׳ ער וואורד גישטערקט אזו הילף נון ·
אז דו הושט גהולפן דוד דעם קונינג דא ער וואורד איבר ענטוורט
אין האנט ישבי דער גיתי אין נוב אונ׳ אבישי האלף אים אונ׳ ער
דר שלוג דען פלשתי אזו הילף נון · אז דו הושט גהולפן שלמה
דעם קונינג דא ער וואר בור וואנגלט זיבן יאר בון זיינר וואונונגא
דו לגשט צו העלפן אים אונ׳ דו ווידר קירשט אין צו זיינר הערברג
אזו הילף נון · אז דו הושט גהולפן אליהו הנביא דא ער
צו האקט דען שטיר אונ׳ דו הושט דיך גקירט צו זיינם אופפר אובן
אים הייל דו הושט זיבר וועק גנומן אז ווער עש גיספלאשטרט
גוועזן דש בייער אונ׳ דש וואשר אין דער גרובן אזא הילף נון ·
אז דו הושט גהולפן אלישע דער דא שרייא צו דיר דא
עש וואר גישטורבן דש קינד דו ווידר קירשט אים זיין זיל אונ׳ עש

וואורד ווארם וﭏייש דש קינדא אזו הילף נון · אז דו
הושט געהולפֿן די דא הויטן דיא מצות אונ׳ די דא הופֿן צו דער הילף
שטארקר גוט צו העלפֿן · הושענא הילף נון
אני והוא איך אונ׳ ער הילף נון ·

## הושיעה

את עמך · הילף דיינם פֿולק אונ׳
בענש דיין ערבא אונ׳ שפייזא זיא
אונ׳ דר היבא זיא ביש איוויג · אונ׳
זי זולן זיין מייני רידא די דוזין די איך הון געבעטן צו פֿור גוט נוהנט
צו גוט אונזרם גוט טאג אונ׳ נאכֿט צו טון גערירכֿט זיינש קנעכֿטש אונ׳
גערירכֿט זיינש פֿולקש ישראל זאך טאג און זיינם טאג · אוים ווילן דש
זיא זולן ווישן אל פֿולקר דעש לאנדש דז גוט איז דער רעכֿט גוט אונ׳
איז קיין גוט מיר דען ער ·

דיא הושענות זאגט מן אם הושענא רבה

# הושע נא

הילף נון

למענך אלהינו אוים דיינן ווילן אונזר גוט הילף נון ·
למענך בוראינו אוים דיינן ווילן אונזר בישעפֿר הילף נון ·
למענך גואלנו אוים דיינן ווילן אונזר דר לוזער הילף נון ·
למענך דורשנו אוים דיינן ווילן אונזר פֿורשר הילף נון ·

## למען

אמתך · אוים ווילן דיינר ווארהייט אוים
ווילן דיינר זיכֿרהייאט אוים ווילן דיינר
אכֿפרקאייט אוים ווילן דיינר תורה אוים

וואלן דײנר ביטערינגנא אוים וואלן דײנר גדעכטניש אוים וואלן
דײנר גנודא אוים וואלן דײנר גיטא אוים וואלן דײנר אײניקײט ·
אוים וואלן דײנר איר אוים וואלן דײנר לערנער אוים וואלן דײנש
קוניגרײכש אוים וואלן דײנר איוויקאײט אוים וואלן דײנר שטערק
אוים וויל דײנר שונהאײט אוים וואלן דײנר גרעכטיקאײט
אוים וואלן דײנר האײליקאײט אוים וואלן דײנר דר בארמונגא דער
ויל זײן אוים וואלן דײנר שכינה אוים וואלן דײנש לובש הײליג נון ·

**אערוך** שועי · איך וויל אן ריכטן מײן גבעט
אין דעם הויז דא איך אינן תפילה טוא
איך הון אנפליקט אן דעם ואשט טג בון
יום כיפורים מײן מישטוט איך הון דיך גבורשט אם זעלבן טאג צו
העלפן מיר ור נים צו שטים מײנש גשרײא אונ דר צאײג דיך אונ
הײליג מיר גדענק אונ דאר בארם דיך מײן העלפר לעבנדיגר גוט
רעכט דו זולשט דר מײען מיך גוטר גוט אן מײן גשרײא קיר דיך
ער זול באלד קומן מײן העלפר · ואר דערבא דען יצר הרע דער
מיך בוזא מאכט דש ער מיך ניט נוך בוזר מאכט איל גוט
מײנר הוילי איוויקליך צו העלפן מיר ור טראג נון זונדא מײנר
בושהײט אויבר ואר אונז מײן מישטוט קיר דיך צו מיר אונ הײליג
מיר מײן שופפאר דער גרעכט העלפר אנטפאנג נון מײן
גשרײא דר הויך דיא הערשפט מײנר הוילי אומעכטיגר גוט
מײן העלפר דו זולשט דר לויכטן אונ זולט העלפן מיר הושענא
הײליג נון

**אדרך** האושיע · הער גוט דער העלפר · און דיך
קאן נימנט העלפן דו בישט אײן שטארקר
אונ אײן העלפר איך בין ור ארמט אונ ער
קאן מיר העלפן דער שטארק גוט דער העלפר אונ ער בישירמט

וא

אונ׳ ער הילפט די דיך אן שרייען דען זולשטו העלפן דיא צו דיר
הופן דען הילף ישראל דיא דא זיין דיין לעמר די זולטו מאכן זאט
דיא פרוכט זולשטו מירן אלי באזים זולטו גרנין מאכן אונ׳ זולט זיא
פלעטן דש דיא ערדא ניט אויבל וואכשט דש אופש זולטו זיסא
מאכן אונ׳ זולשט אים העלפן די וואלקן זולטו מכן וואשר ציהן די
שטורים ווינד צו פר וואגן די וואלקן פון צו פר מיידן דו אופנשט
דיין האנט אונ׳ מאכשט זאט דייני דורשטיגי זולשטו מאכן זאט
דיא דיך אן רופן דען זולשטו העלפן דו בישט איין מאיינשטר צו
העלפן דיא דיך זוכן דען הילף דיינן גנאכבן זולשטו העלפן
הילף נון ·

**אדם** אֲנִי חוֹמָה הילף דעם פולק ישראל דיא דא זיין
אין דער אֱמוּנָה אז שטארק אז איין מויער דיא
דא זיין לויטר אז דיא זון זי זיין פר טריבן אונ׳
אב גקירט פון ארץ ישראל · זיא זיין גגליכן צו איינם טייטל בוים
זיא לושן זיך דר שלאגן אום דיינן ווילן אונ׳ זיא זיין גיאכט אז
דיא שוף דיא מן וויל שעכטן · זיא זיין פור שפראייט צווישן דען
פולקרן דיא זיא דער צוירנן · זיא בינגערן זיך צו בהעפטן אן דיך
זי לאדן דיין יוך אויף זיך זי זיין איין איינינגש פולק צו אייניגן דיך
זיא זיין ביצוואונגן אים גלות זיא לערנן דיין פורכט זיא לושן
זיך צו ספלוקן דען קינבאקן אירש בארטש זיא לושן זיך אידרמן
שלאגן זיא ליידן וואש דו אויף זיא שיקשט אים גלות זי זיין ארם
אונ׳ דר שרוקן דיא דא זיין ווארדן דר לוזט דורך משה רבינו
דער דא היש טוֹבִיָה זיא זיין גגליכן צו שוף דער קדשים דיא
זאמלונגא יעקב זי זיין גצייכנט מיט דיינם נאמן · זי שרייאן
הילף נון זיא פור לושן זיך אויף דיך הושענא הילף נון ·

**אדם** וּבְהֵמָה דעם מענשן אונ׳ דעם ויך הילף נון
דער דא איז ולאייש אונ׳ אוטם אונ׳ גיל אודרן

גיבאיין אונ׳ אויך גיריכט גיט גלייכניש אונ׳ בוריס אונ׳ גיברוטרט
זיין שונהייט איז צו טורהייט גיגליכן אונ׳ איז גיגליכן גלייך אז דש
ויך שונהייט אונ׳ גישטאלט אונ׳ הוך. דר נויאונג בון דער ערדן
דיא פפלאנצונג בון דען באוימן בון ארץ ישראל דיא בור וואושט
איז דיא קעלטר אונ׳ דש שטיינדין גיטראייד דיא וויין גארטן אונ׳
די טענן באוים. צו דער ערדן בון ארץ ישראל די דא איז גבייכנט
מיט מצות. שטארקי רעגן צו מאכן וואכשן דיא ווארץ דיא
ערדא צו בשטעטיגן דיא באוים אויך צו ריכטן דיא גוטן שפייזא
צו מירן די בלויט צו שטערקן די שפרושונג צו בירעגנן קאלטי
וואשר צו שטראמן דיא קליינן שפרעה רעגן צו געבן די ערדא
צו דר הוהן דיא דא העגנט אויך ניכש. הילף נון

# למען

איתן. אוים ווילן אברהם אונזר ואטר דער
דא וואורדא גיווארפן אין ולאמן בוייער
אום ווילן זיינן זון דער דא וואורדא גיבונדן
אויף הולץ אונ׳ בוייער אוים ווילן דען שטארקן יעקב דער דא
ראנג מיט דעם ענגיל דער דא וואר אייטל בוייער אוים ווילן די
באניר דיא דו הושט גיבוירט אין דער וואושטנייא מיט ליכט אונ׳
וואלקן דעש בוייער אוים ווילן משה רבינו דער דא וואורד אויף
גיברוכט צום הימיל אונ׳ וואורדא גילובט אז דיא ענגיל דיא דא זיין
אייטל בוייער אוים ווילן אהרן הכהן דער דיר דינט אז די ענגיל
בוייער אוים ווילן דער ביהעפטונג עשרת הדברות די דא זיין
וואורדן געבן אים בוייער אוים ווילן דעש משכן דש דא וואר
בדיקט מיט וואלקן בוייער אוים ווילן בירייטונג דעש בערג סיני
דא דו דיך אויף הושט דר צאייגט אים בוייער אוים ווילן ליבשפט
דעש משכן דש דו הושט ליבא בום הימיל בוייערן אוים ווילן
משה רבינו דער דא גילושטט צו ביטן ביז עש ור זאנק דש בוייער
אוים ווילן אהרן הכהן דער דא נאם איין פפאן בול בוייער אונ׳

טעט אבא דען גרים צורן דער דא בראן אז איין בֿוייער אוים
ווילן אליה הנביא דער דא ראך גרושי ראכֿונג מיט בֿוייער אוים
ווילן יהושע דער דא אוני׳ הובא זיין האנט צו גוט אוב׳ זיא נידרטן
שטיין דעש בֿוייער אוים ווילן שמואל הנביא דער דא ברוכֿט
איין יונג שוני׳ צו אוספר גאנצן אים בֿוייער אוים ווילן דוד המלך
דער דא שטונדא אין דער שוייער אוב׳ ער ווארדא גיווערט מיט
בֿוייער אום ווילן שלמה המלך דער דא באט אין דער עֲזָרָה אוב׳
עש נידרט דש בֿוייער אוים ווילן אליהו הנביא דער דא ווארדא
אוני׳ גבראכֿט מיט ספֿערדן אוב׳ רוייטר בֿוייערן אוים ווילן דיא
הייליגן חנניה מישאל אוב׳ עזריה דיא דא ווארדן גיווארפֿן אין איין
קאלך אובֿן אינש בֿוייער אוים ווילן דניאל דער דא זאך ויל ציהן
מול ציהן טויזנט שארן ענגיל אוב׳ בעך בֿוייערן אוים ווילן בֿור
וואשטונג דיינר שטאט ירושלים די דא איז ור ברענט אים בֿוייער
אוים ווילן די גיבורט דער הערן בֿון יהודה די דו ווערשט מאכֿן
אז איין קעשיל בֿוייער הילוי׳ נון ·

**תתברך** ׃ ישם דו זולט געבן אונז צו איינם שם טוב
אוב׳ צו לובא דו זולשט טון אונש צו אונזרם
טאייל אוב׳ ערבא דו זולשט דר הוהן אונז
צו אלר אוברשט · דו זולשט אוני׳ ריכֿטן אונז צו איינם גליבטן
ויין גארטן דו זולשט שטעלן אונש אז איין באוים דער גיספֿלאנצט
איז בייא בעך וואשר דו זולשט דר לוזן אונש בֿון אלרלייא פלאגא
אוב׳ קראנקייט דו זולשט קרונן אונש מיט איינר גיקרונטן ליבא
שאפֿט דו זולשט דר וראייען אונש אים הויזא דער שול דא וויר
תפֿילה טון · דו זולשט בֿוירן אונש אוני׳ וואשר רואונג אלוועגן
דו זולט בֿוירן אונז מיט ווישהייט אוב׳ קלוגהייט · דו זולט קלאיידן
אונש אין הערשאפֿט שטערק אוב׳ אין אכֿפרקייאט · דו זולשט
קרונן אונש מיט איינר גקרונטן קרון דו זולשט רעכֿט ורטיגן

אונש אין איינם גיבאנטן פלאט  דו זולשט פלאנצן אונש אין דען
רעכט ווערטין שטיינא  דו זולט לוייטזעלין אונש מיט דרבארמונג
אונ׳ דר בארמיקייט  דו זולשט גידענקן אונש אז ישראל דיא דא
אוין׳ גינגן אויש דער וואישטנייא  דו זולט העלפן אונש מיט דיינר
גרושן מאכט  דו זולשט בישונן אונש מיט גרושר לויטרקייט  דו
זולשט ביהעפטין אונז אז איין גירטל דיא דא איז אויף וואונדן · דו
זולט מאכן גרייכן אונש דז ענדא פון דער גאלה  דו זולט ברענגן
אונש אין דש בית המקדש מיט גזאנג אונ׳ מיט פרייד  דו זולשט
בישונן אונז מיט הולן׳ אונ׳ מיט פריידא  דו זולשט שטערקן אונז
צו דעם גליבטן ווין גארטן דז בית המקדש  דו זולשט הערצן אונז
מיט גבוייא דיינר שטאט ירושלים אז אם אירשטן ·  דו זולשט דר
וויקן אונש אויבר אלי פולקר צו דר היבן  דו זולשט אונזר גידענקן
צו פריידא אונ׳ וואון ·  דו זולט מאכן רואטן אונז אין איינר ואיישטן
וואיידא צו ערבן  דו זולשט שטערקן אונש גוט יעקב אל וועגן ·

הילן׳ נון

אנא הושיעה נא  איך ביט דיך הילן׳ נון ·

# כְּהוֹשַׁעְתָּ אֵלִים

אז דו הושט גיהולפן ישראל דא זיא ווארן אין מצרים מיט דיר · דא
דו בישט אויש גאנגן צו הולן׳ דיינש פולקש  אזא הילן׳ אויך נון ·
אז דו הושט גיהולפן דעם פולק אונ׳ זיינם גוט · די דא פורשטן נוך
דער הולן׳ גוט  אזא הולן׳ נון ·  אז דו הושט גיהולפן דער
ברומונגא דעש היר · אונ׳ מיט אינן ווארן מלאכים דעש בורא  אזו
הילן׳ נון ·  אז דו הושט גיהולפן ישראל דען ראיינן פון הויזא
דא זיא זיין גיוועזן קנעכט · זיא ווארן גלייך אז העטן זי דען בורא

זעלבשט מיט אירן הענדן מאכן ערבטן אזא הילף נון ·
אז דו הושט געהולפן ישראל דיא שיר ווערן פור זנקן אין טיפניש
דער שטויק פום מיר : דיין ווירדיקייט מאכטן זיא מיט אינן דורך
דש מיר איבר ווארן אזא הילף נון · אז
דו הושט געהולפן ישראל דיא דא זאכן וַיּוֹשַׁע יי׳ אוב ער האלף גאט ·
צו אירם אויז ציהר איז עז געפוינטלט וַיּוֹשַׁע אוב ער ווארדא געהולפן
גאט אזא הילף נון : אז דו הושט געהולפן דא דו זאגשט
וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם אוב איך וויל אויז ציהן אייך · דש ווערט בישאיידן
וְהוֹצֵאתִי אִתְּכֶם אוב איך וויל ווערדן אויז געצוגן מיט אייך אזא הילף
נון · אז דו הושט געהולפן דענן דיא דא אוים רייניגן דש
מִזְבֵּחַ · דיא דא זיין בילאדן מיט וואיידן צו אוים רייניגן דש מזבח
אזא הילף נון : אז דו הושט געהולפן מיט וואונדר דעם אָרוֹן דא
ער ווארד פור זינדט דש ער געוואן ווארדא · ער לאיידיגט דיא
פְּלִשְׁתִּים מיט גרים צורן אוב אים ווארדא ווידר געהולפן אזא הילף
נון · אז דו הושט געהולפן דען קהילות דיא דו גען בָּבֶל זענדשט
דו דר בארמיגר דורך אירן ווילן ווארדשטו דאר געזענדט אזא
הילף נון · אז דו הושט געהולפן דער ווירדיקייט געשלעכט יעקב
· דו זולשט ווידר קירן אוב זולשט מאכן ווידר קירן די ווידר קירונג
דער געצעלט בון יעקב אוב הילף נון · אז דו הושט געהולפן דיא
דא הויטן דיא מצוות · אוב דיא דא הופן צו דער הילף שטארקר גאט
צו דער הילף אוב הילף נון
אֲנִי וָהוּא הוֹשִׁיעָה נָּא איך אוב ער הילף נון

**אבא**

אָנוֹן איך ביט דיך ור ניים די געבעט פון דענן
דיא דא גרישטן דיין הילף מיט ווידן דעש
באך דר מאייען זיא זיך מיט דיר אוב הילף נון
· איך ביט דיך דר לוזא ישראל די דא זיין שטאק דייגר פפלאנצונג
דיא רשעים זולשטו אויש קירן אוב הילף נון · איך ביט

דיך לונגו דער זיכרהאייט בון דער מילה דיא דא איז אן אונש דיין
זינן אונ׳ דיא רשעים צו דער ערדן זולשטו מאכן ור זינקן אונ׳
הילף נון · איך ביט דיך גידענק זכות אברהם
דער דיך מאכט דר קענן דיין גינודא זולשטו אונש לושן ווישן אונ׳
הילף נון · איך ביט דיך ישראל דען ראיינן הערצן ווען דו ווערשט
טון וואונדר זא ווערט צו ווישן דש עש איז דיין וואונדר אונ׳ הילף
נון · איך ביט דיך גוט דער דא הוט ויל קראפט גיבא אונש
דיין הילף אונזרן בורדרן הושטו עש גשווארן אונ׳ הילף נון ·
איך ביט דיך דר בויל דיא בינער דיינש בולקש דיא דיך
ביטן אז דיך יצחק הוט גיבעטן אם בערג מוריה אונ׳ הילף נון ·
איך ביט דיך גוט שטערק ישראל די דא זיין באוים דיינר ספלאנצונג
דיא שטארקן רשעים זא דו ווערשט מאכן בור וואגן אונ׳ הילף
נון · איך ביט דיך גוט אופן אונש די בהעלטניש דיינר רעגן
די ערדא בון זיא זולשטו טון זעטן אונ׳ הילף נון · איך ביט
דיך דיא דיך אן רופן זולשטו מאכן שאלן ווײדא זי אין דיינר גוטן
ווײדא אונ׳ הילף נון · איך ביט דיך דיין ספורטן זולשטו אויף
ברענגן בון אירר בור וואנשטונג דש בית המקדש זולשטו טון דר
לייכטן אונ׳ הילף נון · אנא אל נא הושע נא והושיענא
איך ביט דיך גוט נון הילף נון אונ׳ הילף נון

אל בא

גוט נון ויר זיין בור אירט אז איין בור לורן שוף אונזרן נאמן זולשטו בון דיינם בוך ניט אב מעקן הילף נון אונ׳ הילף נון ·
גוט נון ווײדא דיין שעפליך ישראל דיא אל טאג ווערדן דר שלאגן דיא ליידן דיין צורן אים גלות אונ׳ לושן זיך אים דיינן ווילן דר שלאגן הילף נון אונ׳ הילף נון · גוט נון דייני שוף אונ׳ שוף דיינר ווײדא דיינם ווערק אונ׳ דיינר געלין הילף נון אונ׳ הילף נון :

גָט נון די ארזן שוף אויף איר גיבעט ענטוורט אין אין דער צייט
דיינש נעטן וויל הילף נון אונ׳ הילף נון · גָט נון דיא דא אויף
היבן צו דיר איר אויגן אירי ווייבט זולן זיין אז ווערן זיא ניכש הילף
נון אונ׳ הילף נון · גָט נון צו דענן דיא דא אים סוכות ווען
דז בית המקדש שטיט גישן צו דיר וואשר אז פון קוועל ברונן דער
הולף זולן זיא שופפן וואשר הילף נון אונ׳ הילף נון · גָט נון
זיא זולן אויף גין צו ציון דיא העלפר דיא דא זיין אן דיך גהעפט אונ׳
מיט דיינם נאמן ווערט אין גיהולפן הילף נון אונ׳ הילף נון ·
גָט נון דר צאיין דיך אין רוטן קליידר צוירן צו אויש לערן פון דער
וועלט אלי ועלשר הילף נון אונ׳ הילף נון · גָט נון אונ׳ גדענקן
דו זולשט גידענקן די דא ווערדן גיקויפט אום איין האלבי מוש אונ׳
איין גאנצי מוש הילף נון אונ׳ הילף נון · גָט נון דיא דיך
פורשן מיט צווייען פון ווידן איר גשרייא פור נים פום היאיל הילף
נון אונ׳ הילף נון · גָט נון בענש מיט קרוננן דז יאר אונזרי זאנג
אין אונזרם גיבעט פור נים נון הילף נון אונ׳ הילף נון ·

אנא אל נא הושענא והושיעה נא אבינו אתה ·

איך ביט דיך גָט נון הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו ·

# למען

תמים בדורותיו · אים ווילן נח דער דא
וואר גאנץ ורום אין זיינן גבורדן : דער דא
אנטראן פון דעם מבול אים ווילן זיינר
גרעכטיקייט · ער וואורד בשירמט פון ור ולוצונג דא עש קאם דש
מבול וואשר · דעם פולק ישראל די דא זיין שטארק אין דער אמונה
אז איין מויער · הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו
אים ווילן אברהם דער דא וואר גאנץ ורום אין אל זיינן ווערקן · ער
וואורד ור זוכט מיט צייהן ור זוכונג · דא ער זך די ענגיל זא שפרך
ער עז זול ווערדן גינומן נון איין וויניג וואשר דעם פולק ישראל די

דיא דא זיין לויטר אז דיא זון · הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו

אוים ווילן יִצְחָק דער דא וואר יונג אונ׳ איין אייניגר זון · אונ׳ וואורד גיבורן דא אַבְרָהָם וואר הונדרט יאר אלט · ער שראיי וואו איז דש לאמפא צו אופפר · זייני קנעכט זאייטן אים דז בוטן ברוט מיר הבן גיבונדן וושר · דעם בֿולק ישראל די דא זיין ור טריבן אונ׳ אב גיקירט בֿון אֶרֶץ ישראל הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו

אוים ווילן יַעֲקֹב דער זיך בֿורדרט אונ׳ אנפפינג דיא בְּרָכָה דער דא וואורדא גיהאשט בֿון עֵשָׂו אונ׳ ער הופט צו דיינם נאמן ער דר הילט דיא שונ׳ מיט דען שטעבן אן טרענק דש וואשר דעם בֿולק ישראל דיא דא זיין גיגליכן צו איינם טייטיל באוים הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו

אוים ווילן אַהֲרֹן דער דיר וואר גירעכֿט צו זיין דיין כהן אז איין חָתָן אין שוינן קליידרן ער דינעט ער וואורדא ור זוכֿט מיט ור זוכֿונג קרינג דעש וואשר דעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דז דא איז גיהיישן דער בערג דער גיטא הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו

אוים ווילן דער דא וואורד בישוינט צו זיין איין הער אויבר זייני ברוידר יְהוּדָה דער דא שטערקט אן זיין ברוידרן דש ער וואורד דיא אירשט צאל בֿון דען ויר באנירן בֿון אים קאמן מלכים דיא דא גיוועלטיגטן אן דען בֿולקרן דיא דא זיין שטארק אז איין וואשר ניט אום אונזרן ווילן נוייערט אוים דיינט ווילן הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו

אוים ווילן משה רַבֵּינוּ דער דא וואר דעמויטיג אונ׳ ווארהפטיג דער מיט זיינר גירעכֿטיקאייט שפייזט ישראל מיט דעם מָן ער וואורדא גיצוהן צו איינם דר לוזר אונ׳ וואורד אויש גיצוהן אויש דעם וואשר דעם בֿולק ישראל דיא דא ווערדן גילונגט אז דער מורגן הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו ·

אוים ווילן אלעזר דען דו מאכשט אז די ענגל ער קלידט אן אורים
אונ תמים אים ווארדא געבוטן צו קומן אין דש בית המקדש מיט
הייליקייט דם אונ וועשונגן וואשר דעם בולק ישראל דיא בון
דיינר ליבא וועגן קראנק זיין היילי נון אונ היילי נון אונזר ואטר
בישטו ·
אוים ווילן מרים די נביאה דיא דא מאכט טאנצן דיא שארן צו דען
געוושטין אונ דורשטין הערצן וואר זיא אז איין קוועל ברונן דען
אוים אירן ווילן גינגן אויי אונ נידר דער ברונן וואשר דעם בולק
ישראל דיא דא האבן גוטי געצעלטר היילי נון אונ היילי נון אונזר
ואטר בישטו ·
אוים ווילן יהושע דער זיך ניט אבא טעט בום געצעלט אונ דיא
ווישזאמקייט אויי אים זיא דר לוייכטט דא ער איבר דען ירדן בור
דא ווארדן זיא געשפאלטן דיא וואשר דעם בולק ישראל די דא זיין
שוין אונ לויטר היילי נון אונ היילי נון אונזר ואטר בישטו ·
אוים ווילן גדעון דער דא לערנט צו זעהן איין גוטש צאייכן ער
שרייא וואו זיין די וואונדר ער דרוקט אויז טאויא בון דער געשורנן
וואל איין בעקן בול וואשר דעם בולק ישראל דיא דא זיין געהיישן
איין כלה בון דעם וואלד היילי נון אונ היילי נון אונזר ואטר בישטו
אוים ווילן דער דרייא הונדרט מאנן דיא דא מאכטן
איין בונט צו שטרייטן דיין שטרייט דז דורך איר האנט דו געבשט
דיין הוילי זיא ווארדן געווייטרט בון דעם בולק דא זיא לאספטן
מיט אירן הענדן דש וואשר דעם בולק ישראל דיא ניט האבן
געלשט אן דיר היילי נון אונ היילי נון אונזר ואטר בישטו ·
אוים ווילן שמשון דער שטארק דער דא וואר איין איינגר זון אונ
די לאיידיגר די פלשתים ער דראש בון דער טראכט ווארדא ער
צו איינם נזיר געהאיילגט אויש דעם גרויבן דעש קינבאקן דו
שפאלטשט צו אים וואשר אוים ווילן דיינש הייליגן נאמן היילי נון

אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו ׃

אום ווילן דעש נוטן שמואל הנביא דער דא ניבנן אונ׳ וואר דא איין אבגר
אי אכפרר פון שטרייטיקייט דעש הערצן דיא זאמלונג ישראל ער
מאכט פור מיידן דא זי ווידר קורטן פון זינדן ער גבוט צו שופטן
וואשר דעם פולק ישראל דש דא איז צינליך אז ירושלים הילף נון
אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו ׃

אום ווילן דוד דער קוניג דער דא שפראכן מיט נגאנגא ער לערנט
דיא תורה מיט ארלייא כלי זמרים ער גוש אויז פור אים דז וואשר
דא אין גלוישטט צו בית לחם פור דעם טור צו טרינקן וואשר
דעם פולק ישראל דיא אן דיך הופן הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר
ואטר בישטו ׃

אום ווילן אליהו הנביא דער ראיין דער דא אויף ניבנן אין הימל אים
שטורם ווינט דא ער ראכונגטעט אונ׳ מאכט ווידר קירן דען צורן
דורך זיין גיבעט נידרט דש פוייער פום הימל אונ׳ עש אב לעקט
גלאט אויף דיא עש אונ׳ דש וואשר דעם פולק ישראל דיא דא האבן
אויך דש מיינט סנהדרין אז דיא ווייער הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר
ואטר בישטו ׃

אום ווילן אלישע דער דא דינט זיינם ר׳ מיט ווארהייט צווייפעלטיגן
ווייזאגנגן וואורד אב גשאיידן אויף אין ער נאם דש כלי זמר דא
ער מיט דונעט דא ווארדן די גרובן פול וואשר דעם פולק ישראל
דיא דא אן הובן בייא דעם מיר מי כמוך ווער איז אז דו הילף נון
אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו ׃

אום ווילן דעש קוניג יחזקיהו דער אל מול טראכטעט צו טון דיין
ווילן ער שרייא אויש דש דייני שונף ישראל זולטן תשובה טון דא
ער קם סנחריב דער גוטש לישטרר דא איילט ער אונ׳ ור שטופפט
די קוועל ברונן וואשר דער שטאט ציון די דא איז איין שוני קרון
הילף נון אונ׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו ׃

אוים ווילן דניאל חנניה מישאל אוב׳ עזריה די נוך דיר בורשטן אים
גלות אוב׳ דייני האייליכי ראט וואורדן אין אנבליקט דרום דש זיא
זיך ניט בור אונראייניגן וואלטן דרום הישן זי אין געבן גמויש אוב׳
וואשר דעם בולק ישראל דיא דיך אן רויפן אים לאיידא הילף נון
אוב׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו ·

אוים ווילן עזרא דער דא לערנט ווייזהאייט אוב׳ בור נופט ער
וואר איין ביהענדר שרייבר אוב׳ אנבליקט דיא אמנה ער מאכט
אונז קלוין דיא זאגבון דער תורה די דא זיין גנאליכן צו בעך וואשר
דער שטאט ירושלים דא אינן זיין גיזעשן ויל בולק הילף נון אוב׳ הילף
נון אונזר ואטר בישטו ·

אוים ווילן ישראל די דא קומן הוייט מיט גאנצם הערצן זי ור גישן
איר גיבעט צו דיר מיט גאנצם הערצן זי האיישן דיר אן שטארקי
רעגן וואשר דעם בולק ישראל דיא צו דיר האבן גיזונגן אוני דעם
מיר הילף נון אוב׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו ·

אוים ווילן ישראל דיא דא זאגן ער זול זיך אכפרן דיין נאמן אוב׳ זי
זיין דיין אירבא אוב׳ דיין בולק זי זיין דורשטיג צו דיינר הוילף אים
לאנד דז דא איז מוידא אוב׳ דורשטיג נוך וואשר דעם בולק ישראל
דעם דו הושט אויש גישפעהט דש ארץ ישראל דא זיא אינן זולן
רואן הילף נון אוב׳ הילף נון אונזר ואטר בישטו

הושענא אל נא הושיעה נא הושע נא סלח נא והצליחה נא
והושיענו אל מעזינו ·

הילף נון גוט נון הילף נון הילף נון בור גיבא נון אוב׳ מאך בינאדיקן
נון אוב׳ הילף אונש גוט אונזרר שטערק ·

**תענה** אמונים · דו זולט ענטוורטן ישראל דען
ווארהאפטיגן · דיא דא ור גישן צו דיר איר
הערץ אז וואשר אוב׳ הילף נון · אוים ווילן

אברהם דער דא קאם אין פֿייער אונ׳ אין וואשר · ער גיבוט אונ׳
זאגט עש זול ווערדן גינומן איין ווינג וואשר · אונ׳ מאך ביגלויקן נון
אונ׳ הילף אונש גאט אונזרר שטערק

דו ענטווארישט דען באכירן פֿון ישראל דא אין וואורדן גישפאלטן צו
שטויקן די וואשר אונ׳ הילף נון · אוים ווילן יצחק דער דא ווארדא
גיבונדן אין ספורטן דעש היאיל · ער ווידר קירט אונ׳ גרובא דיא
ברונן וואשר · אונ׳ מאך ביגלויקן נון אונ׳ הילף אונש גאט אונזרר
שטערק

דו ענטווארישט דען ראיינן ישראל דא זיא רואעטן בייא דען צוועלף
קוועל ברונן וואשר אונ׳ הילף נון · אוים ווילן יעקב דער דא וואר
גלאט אונ׳ ער שילעט די שטעבא אונ׳ שטעלט זיא אין טרענק דעש
וואשר · ער הובא אויף אונ׳ טעט אבא דען שטיין פֿון ברונן דעש
וואשר · אונ׳ מאך ביגלויקן נון אונ׳ הילף אונש גאט אונזרר
שטערק

דו ענטווארישט ישראל דיא דא אירבטן דיא תורה די דא איז גיגליכן
צו וואשר אונ׳ הילף נון · אוים ווילן דיא דא גרובן מיט אירן שטעבן
וואשר צו בירייטן צו אירן קינדן וואשר · אונ׳ מאך ביגלויקן נון
אונ׳ הילף אונש גאט אונזרר שטערק

דו ענטווארישט ישראל די דיך באטן אין דער וואושטניי אום וואשר
אונ׳ הילף נון · אוים ווילן משה רבינו דער דא וואר ווארהפטיג אונ׳
גאבא אין גינוג וואשר · ער שלוגא דען פֿילזן דש הר אויש גינגן דיא
וואשר · אונ׳ מאך ביגלויקן נון אונ׳ הילף אונז גאט אונזרר שטערק

דו ענטווארישט ישראל דא זיא זאגטן גיא אויף דו ברונן וואשר אונ׳
הילף נון · אוים ווילן משה דער דא ווארד ביפולהן ביי דעם האדריג
וואשר · צו טרענקן דיא דורשטיגן ישראל אונ׳ איר ויך וואשר ·
אונ׳ מאך ביגלויקן נון אונ׳ הילף אונש גאט אונזרר שטערק

דו ענטווארישט דען הייליגן ישראל די דא גושן אים סוכות צו דיר

וואשר אונ׳ הילף נון · אוים ווילן דָוִד המלך דער האייבט זינגר דער
דא גילושט צו טרינקן וואשר · אונ׳ ווידר קֵיריט אונ׳ בֿוֹר נושא בֿון
דיינן וועגן דש וואשר · אונ׳ מאך בינגליקן נון אונ׳ הילף אונש גָט
אונזרר שטערק

דו זולט ענטוורטן דען דיא מיט ניר ארלייא פסלאנצונגא · דש זיין
דער לולב אונ׳ דש אֶתְרוֹג אונ׳ דש הֲדַס אונ׳ דיא וואיידן דיר אן
האיישן וואשר אונ׳ הילף נון · אוים ווילן דש בית המקדש דש דא
ווערט זיין איין ורשפרונג דעש וואשר · דו זולשט אופֿנן די ערד
אונ׳ זולשט מאכֿן טריפֿן דיא הימל וואשר · אונ׳ מאך בינגליקן נון
אונ׳ הילף אונז גָט אונזרר שטערק

## רַחֵם נָא קְהַל עֲדַת יְשֻׁרוּן · סְלַח וּמְחַל עֲוֹנָם · וְהוֹשִׁיעֵנוּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ

דר בארים דיך נון אויבר דיא זאמלונג דער גימיין ישראל · ור גיבא
אונ׳ ור ציהא אין אירי זינד · אונ׳ הילף אונז גָט אונזרר הוילף

אז כְּעֵינֵי עֲבָדִים · גלייך אז דיא אויגן דער קנעכֿט
הופֿן צו האנט אירן הערן · אזא קומן וויר בֿור דיר
צו ווערדן גירייכֿט · אונ׳ הילף אונש גָט אונזרר
הוילף

גיהערשטר הער אלר הערן זיא ראייכן זיך אן אונש דיא קרינגר ·
זיא דרעשן אונש אונ׳ מאיינשטרן אונש אנדרי הערן און דיך אונ׳
הילף אונש גָט אונזרר הוילף

מיר גינעהן הוייט מיט גיבעט צו דיר דר בארמיגר אונ׳ לייטזעליגר
גָט · אונ׳ וויר דר צילן דייני וואונדר מיט רֵידא אונ׳ הילף אונז גָט
אונזרר הוילף · ארץ ישראל דש דא גלישט מילך אונ׳ הונינג
איך ביט דיך לוש עש ניט ווערדן דויר · ריגונג וואשר אין איר
בוּיכֿטיקייטא דו זולשט בינדן

אונ׳ הילף אונש גאט אונזרר הוילף · ג דו הושטער שניטן איין
זיכרהאייט צו דער ערדן · די וויל דיא טאגן ווערן אויף דער ערדן
דש דו ניט מין וועלשט ברעכן אן איר קיין בריך אונ׳ הילף אונש גאט
אונזרר הוילף · א ספלאנגן אונש אין דעם וואיישטן לאנדא דורך
האנט זיבן אונ׳ עכט הערן · גירעכטר צדיק גאט דער ווארהפטיג
אונ׳ הילף אונש גאט אונזרר הוילף ·

מיר ביטן דיך דו זולשט אונז זעטן מיט וואשר אז דיא ווידן בייא
דען בעך וואשר איך ביט דיך גדענק אונש די גישונגן דעש וואשר
אונ׳ הילף אונש גאט אונזרר הוילף · דיא מיר ערלייא
באוים בוסן לולב אז וויא זיא גיספלאנצט זיין אזא טראגן זיא זיא אין
אירר תפילה ענטוורט אין מיט שטים איר גיבעט אונ׳ הילף אונז
גאט אונזרר הוילף · הקבה דער דא וואורקט הוילף ענטוורט
צו קירן דיך אן איר גיבעט מאך גירעכט זיא גאט דער שטארק צו
דער הוילף אונ׳ הילף אונש גאט אונזרר הוילף · אן שטים
איר שטוראן זולשטו דיך קירן דו זולשט אופנן דיא ערדא אונ׳ זיא
זול וואכשן דיא הוילף דו מאיינשטר צו העלפן דער ניט בינערט אן
בושהאייט אונ׳ הילף אונז גאט אונזרר הוילף · דיא ספורטן
דעש היאיל זולשטו אויף טון אונ׳ דיין גוטי ביהעלטניש זולטו אונז
אופנן דו זולשט אונש העלפן אונ׳ דען קרינג זולשטו ניט אן ציהן
אונ׳ הילף אונש גאט אונזרר הוילף ·

# קול מבשר ואומר

איין שטים פון איינם בוטן ברוטער ער זול אונז בוטן ברוטן אונ׳
זול זאגן ·

**אדיר** די וואורהייט דיינר הוילי זי איז קומן שטיק
מיינש ורויינדש הקבה נון דיז ער קומט
ער זול בוטן ברוטן אונ' זול זאגן · ער
קומט מיט ניהן מול טויזנט שארן נו שטין אויף דעם בערג
בייא ירושלים דער דא היישט הר הזתים ער זול בוטן ברוטן אונ'
זאגן ער גבלעזט מיט דעם שופר ער טוטשט אונטר אים דער
בערג ווירט גשפאלטן ער זול בוטן ברוטן אונ' זול זאגן ·
ער קלופפט אונ' לונט אונ' ער ארשיינט אונ' ער ווערט אב טון הלב
דען בערג בון מזרח ער זול בוטן ברוטן אונ' זול זאגן ·
ער הוט בשטעטיגט די רידא זיינר זאגן אונ' ער קומט ער אונ' אל
זייני הייליגי מיט אים ער זול בוטן ברוטן אונ' זול זאגן
אונ' אל דיא דא קומן אין דיא וועלט איין שטים ווערט גהורט אין
דער וועלט ער זול בוטן ברוטן אונ' זול זאגן ·
דער זומן ישראל דיא דא זיין גלאדן מיט מצות בון דער טראכט אן
ער הוט דר נומן זיא אז איין קינדא בון גדערם זיינר מוטר ער זול
בוטן ברוטן אונ' זול זאגן ·
זי הוט גוויעט ירושלים אונ' הוט גוואונן ישראל די דא זיין גהיישן
מי זאת ווער איז דיז ווער הוט גהורט אז דיז ער זול בוטן ברוטן
אונ' זול זאגן ·
דער ראיין הקבה הוט גוואורקט אלש דיש ווער הוט גזעהן אז
דיז ער זול בוטן ברוטן אונ' זול זאגן ·
די הוילי אונ' די נייט האבן זיך בור איינט אוב עז ווערט גשטיפט
די ער דא אין איינם טאג ער זול בוטן ברוטן אונ' זול זאגן ·
דיא שטרקן הייאיל בון אובן אונ' אונטן אוב ווערט גבורן איין גאנץ
בולק אויף איין מול ער זול בוטן ברוטן אונ' זול זאגן ·
נו דער נייט זא ער ווערט דער לוזן זיין בולק דער בורכטזם נו
נייט דעש אובנט ווירט עז ליכט זיין ער זול בוטן ברוטן אונ' זאגן ·

דיא בְּנֵי אוֹשִׁיעִים דיא זולן אוני׳ גן צוים בערג ציון ווען זי׳
הוט געוויאעט אונ׳ הוט אויך געוואונן ציון ער זול בוטן ברוטן אונ׳
זול זאגן ·
עש זול ווערדן געהורט אין אל דיינן געמערקן דר ווייטר די שטאט
דיינר געצעלט ער זול בוטן ברוטן אונ׳ זול זאגן ·
טוא ביז גן דַּמֶּשֶׂק דיין רואונג אנטפאנג דייני זון אונ׳ דייני טוכטר
ער זול בוטן ברוטן אונ׳ זול זאגן ·
וראייא דיך ישראל דיא דא איז געהאיישן רוז דעש פלון ווען זיא
זיין אוני׳ געשטאנדן דיא זְכִיּוֹת דער אֲבוֹת דיא דא ליגן אונ׳ שלופן
אים גראב צו חֶבְרוֹן ער זול בוטן ברוטן אונ׳ זול זאגן ·
קירט אייך צו מיר זא ווערט אייך געהולפן ווען איר הוייט אין
מיינר שטים ווערט הורן ער זול בוטן ברוטן אונ׳ זול זאגן ·
דיא שפרושונג דעש מאן דער צֶמַח האיישט דש איז דָּוִד דער
קונינג געעלברט ער זול בוטן ברוטן אונ׳ זול זאגן ·
שטיט אוני׳ איר אֲבוֹת דיא דא ליגן אין דער ערדן וואכט אוני׳
אונ׳ זינגט דיא דא רואטן אין דער ערדן ער זול בוטן ברוטן אונ׳ זול
זאגן : ירושלים דיא דא איז געוועזן בול בולק אין זיינם
מאכן קונינג דען טורן הוילי׳ זיינש קונינגש ער זול בוטן ברוטן
אונ׳ זול זאגן · נאמן דער געזעגנפטן שטאט בָּבֶל צו טון בור
לירן אונ׳ זול טון גנוד צו זיינם געזאלבטן צו דָּוִד ער זול בוטן ברוטן
אונ׳ זול זאגן · גיב דיין הוילי׳ דיינם בולק ישראל דיא דא
זיין געוועזן בון איוויג צו דוד אונ׳ צו זיינם זומן ביז איוויג ער זול
בוטן ברוטן אונ׳ זול זאגן ·
דז זאגט מן דרייא מול

# קוֹל מְבַשֵּׂר מְבַשֵּׂר וְאוֹמֵר

איין שטים בון איינם בוטן ברוטער ער זול אונש בוטן ברוטן אונ׳
זול זאגן ·

# הוֹשִׁיעָה

אֶת עַמֶּךָ · הילף דיינם בֿולק אונֿ
בענש דיין ערבא אונֿ שפייזא זיא
אונֿ דר היבא זיא ביש איוויג · אונֿ
זי זולן זיין מייני רידא די דוזיג די איך הון גיבעטן צו בֿור גוט נוהנט
צו גוט אונזרם גוט טאג אונֿ נאכֿט צו טון גיריכֿט זיינש קנעכֿטש אונֿ
גיריכֿט זיינש בֿולקש ישראל זאך טאג אן זיינם טאג · אויף ווילן דש
זי זולן ווישן אלי בֿולקר דעש לאנדש דז גוט איז דער רעכֿט גוט אונֿ
איז קיין גוט מיר דען ער

דש זאגט מן אם שמחת תורה אי מן דיא ספר תורות אויש היבט

# אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת

דו הושט דיך דר צאייגט צו לושן ווישן דש דו בישט גוט אונֿ איז
קיינר מיר און דו אליין · אֵין כָּמוֹךָ עש איז קיינר אז דו אונטר
דען אבגוטר גוט אונֿ מן ויגדט ניט אז דייני ווערק · וְעוֹשֵׂה
צו דעם דער דא טוט גרושי וואונדר אליין ווען צו איוויג איז זיין
גינודא · וְאִמְרוּ אונֿ זאגט הילף אונש גוט אונזרר הולף אונֿ
זאמיל אונש אונֿ בשירם אונש בֿון דען בֿולקרן צו לובן צו דיינם
האיליגן נאמן אונֿ צו זיין זיך ברויאן מיט דיינם לובא יְהִי
יְיָ ער זול זיין גוט אונזר גוט מיט אונש אז ער איז גיוועזן מיט
אונזרן בֿורדרן ניט ער זול בֿור לושן אונש אונֿ ניט ער זול ור לושן
אונש · מִי כָּמוֹךָ ווער איז אז דו אונטר דען שטארקן גוט
ווער איז אז דו בישונט מיט האיליקייט בֿורכֿטזם לובא ער טוט
וואונדר · יְהִי כְּבוֹד זיא זול זיין דיא איר גוטש צו איוויג ער
זול זיך ורייאען גוט אן זיינן ווערקן · יְהִי שֵׁם ער זול זיין דער
נאמן גוטש גילובט בֿון איצונט אן ביש איוויג · יְיָ מֶלֶךְ גוט איז

M. T. AKADÉMIA KÖNYVTÁRA

קוניג גָט הוט גקוניגט גָט ווערט קוניגן אימר אונ׳ איוויג ·
יי׳ עוז גָט די תורה זיינם בֿולק ער גיבט גָט ער זול בענשן זיין
בֿולק ישראל מיט ורידא · וְיִהְיוּ אונ׳ זיא זולן זיין נון אונזרי
זאנג צו גוטם וילן צו בֿור דיר הער איבר אל דיא וועלט · שְׁמַע
הור ישראל גָט אונזר גָט איז איין איינגר גָט · וַיְהִי
בִּנְסֹעַ הָאָרֹן אונ׳ עש וואר דא ער צוג דער שריין אונ׳ ער זאייט
מֹשֶׁה דר צאייג דיך גָט אונ׳ זיא ווערדן זיך בֿור שפראייטן דייני
ויינדא אונ׳ זיא ווערדן וליהן דייני ויינדא בֿון בֿור דיר · קוּמָה
דר צאייג דיך גָט צו דיינר רוא דו אונ׳ דער שריין דיינר שטערק ·
כֹּהֲנֶיךָ דייני כהנים זי זולן אן קליידן גרעכֿטיקייט אונ׳ דייני חֲסִידֶיךָ
זיא זולן זינגן · בַּעֲבוּר אים וילן דוד דיינן קנעכֿט זולשטו
ניט לושן לער ווידר קירן אנצליט דיינש גזאלבטן · כִּי מִצִּיּוֹן
ווען בֿון ציון זי גיט אויש דיא תורה אונ׳ די רידא גָטש בֿון ירושלים
ווען מן דא האלט זא היבט מן אל די ספר תורות אויש
אונ׳ זאנגט גַדְּלוּ ·

גַּדְּלוּ לַיְיָ אִתִּי אכֿפרט גָט מיט מיר אונ׳ ויר וואלן
דר הֹהן זיין נאמן מיט אננדר · רוֹמְמוּ
דר הוהעט גָט אונזרן גָט אונ׳ נאייגט אויך
צו דעם שעמיל זיינר בֿוש האיילג איז ער · רוֹמְמוּ דר
הוהעט גָט אונזרן גָט אונ׳ נאייגט אויך צו זיינם האיילגן בֿערג
ווען ער איז האיילג גָט אונזר גָט · וַיֹּאמַר אונ׳ ער ווערט
זאגן אם טאג דען זעלבגן היא איז אונזר גָט דא ויר האבן גיהופֿט
צו אים אונ׳ ער ווערט העלפֿן אונש דיזר איז אונזר גָט דא ויר
האבן גיהופֿט צו אים ויר וואלן ורוליך זיין אונ׳ וואלן זיך וראייען
אן זיינר הילף ·

אָנָּא איך ביט דיך גָט הילף נון אָנָּא איך ביט דיך גָט מאך בגליקן
נון · אָנָּא איך ביט דיך גָט ענטוורט אונז אם טאג זו ויר דיך אן

רויפֿן · אֱלֹהֵי גָאט דער דא וואייש אלי גֶהֱמִיט הילף נון ·
בוֹחֵן דער דא פרובֿט אלי הערץ מאך בגלויקן נון ·
גוֹאֵל שטארקר לזר ענטוורט אונז אם טאג זא וויר דיך אן רויפֿן ·
על הכל

ווען מן וויל איין היבן זאגט מן דש

## שִׂישׂוּ וְגִילוּ

בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה פֿראייעט אייך אונ׳ זייט פֿרוליך אם שמחת תורה · אונ׳ געבט דיא אֵיר צו דער תורה ווען עש איז בעשר איר קאויפֿמן שאץ מֵיר דען אלי סְחוֹרָה מֵיר דען גייא גולד אונ׳ פערליך איז זי ווירדיג · וויר וואלן זיך פֿראייען אונ׳ וועלן פֿרוליך זיין מיט דער דוזיגן תורה ווען זיא איז אונזר שטערק אונ׳ אונזר ליכֿט

## אֲהַלֵּל אֱלֹהַי

איך וויל לובן מיין גאט אונ׳ וויל מיך פֿראייען אן איס · אונ׳ איך וויל טון מיין הופֿנונג אן איס איך וויל לובן אין האייליכֿן רוטא זייבש בעשטן בוֹלקש גאט מיין שוֹפֿר איך בישויץ מיך אן איס · וויר וואלן זיך פֿראייען אונ׳ וועלן פֿרוליך זיין מיט דער דוזיגן תורה · ווען זיא איז אונזר שטערק אונ׳ אונזר ליכֿט

## בְּכָל לֵב

מיט גנצם הערצן וויל איך זינגן דיין גירעכֿטיקאייט · אונ׳ איך וויל דר צֵילן דיין לובא דיא וויל איך לעבא וויל איך קוינדן דייני וואונדר אוים וויל דיין גנודא אונ׳ אום ווילן דיין ווארהאייט וויר וואלן זיך פֿראייען אונ׳ וועלן פֿרוליך זיין מיט דער דוזיגן תורה ווען זיא איז אונזר שטערק אונ׳ אונזר ליכֿט

**גדול הרש** דו דר לויזער אייל אונש אליהו הנביא דען גוטן בוטן ברוטר ווען דו בישש איין טורן איין שטארקר אונ׳ איין גוטר זא ווערדן די דר לויזטן לובן דיך מיט וואל גימוטם הערצן לובט צו גוט ווען ער איז גוט · ויר וואלן זיך וראייען אונ׳ וועלן ורויליך זיין מיט דער דוזין תורה · ווען זיא איז אונזר שטארק אונ׳ אונזר ליכט

**דגול באול בא** דו גיבאנירטר גוט דר לויז נון מייני גימאיין · ווען עז איז קיין האיילינר אז גוט אליין זא ווערדן די גיבאנירטן ישראל לובן דיך גוט ווער קאן אויש רידן אל דיא שטערק בון גוט ויר וואלן זיך וראייען אונ׳ וועלן ורויליך זיין מיט דער דוזין תורה · ווען זי איז אונזר שטערק אונ׳ אונזר ליכט

**הלא באהבתו** בור וואר אויס וויל זיין ליבשאפט הוט ער דר וויילט אן אונש · מיין זון מיין אירשטר הוט ער גירופן אונש · לובא אונ׳ שונהאייט דער תורה הוט ער מאכן קלויגן אונש ווען צו אויזן איז זיין גינודא מיט אונש ויר וואלן זיך וראייען אונ׳ וועלן ורויליך זיין מיט דער דוזין תורה ווען זיא איז אונזר שטערק אונ׳ אונזר ליבט

**אשריכם** וואל אייך ישראל וואל אייך ישראל וואל אייך ישראל דש ער הוט דר וויילט אן אייך גוט אונ׳ הוט מאכן ערבן אייך דיא תורה · בון דער מדבר איז זי ווארדן גיגעבן

**התקבצו** מלאכים זיא זאמלטן זיך די מלאכים איינר צו דעם אנדרן · צו גיין משה רבינו דער דא איז גיהיישן זה משה · אונ׳ זיא זאגטן איינר צום אנדרן · ווער איז דער אונ׳ וואו איז דער דא גרינ׳ משה רבינו אן דען כסא הכבוד

אונ׳ גוט שפרייטט איבר אין זיין וואלקן

## מִי עָלָה לַמָּרוֹם

וועֶר איז אויף גאנגן צום הימל ·
וועֶר איז אויף גאנגן צום הימל ·
וועֶר איז אויף גאנגן צום הימל · אונ׳ הוט גינידרט דיא תורה דיא דא
איז איין שטארקי צור זיכרונגן ·

## מֹשֶׁה עָלָה לַמָּרוֹם

מֹשֶׁה איז אויף גאנגן צום
הימל · נְתַנְאֵל איז אויף
גאנגן צום הימל · שְׁמַעְיָה איז אויף גאנגן צום הימל · אֲבִיסוֹכוֹ
איז אויף גאנגן צום הימל · אֲבִיזָנוֹחַ איז אויף גאנגן צום הימל ·
חֶבֶר איז אויף גאנגן צום הימל · יְקוּתִיאֵל איז אויף גאנגן צום הימל
· טוֹבִיָה איז אויף גאנגן צום הימל · יֶרֶד איז אויף גאנגן צום הימל
אונ׳ הוט גינידרט די תורה די דא איז איין שטארקי צור זיכרונגן ·
די זיין אלז נעמן בון משה רבינו

## אָגִיל וְאֶשְׂמַח

איך וויל מיך וראייען אונ׳ וויל זיין
ורוליך אם שמחת תורה · קומן
ער ווערט קומן מָשִׁיחַ דער דא הייסט צֶמַח אם שמחת תורה
די תורה איז איין באוים דעש איוויגן לעבן צו אל דער וועלט איז זיא
איין איוויגש לעבן · ווען מיט דיר איז דער אורשפרונג דעש איוויגן
לעבן

## אַבְרָהָם שָׂמַח

אַבְרָהָם הוט זיך גיוראייעט אם שמחת
תורה · יִצְחָק הוט זיך גיוראייעט
אם שמחת תורה · יַעֲקֹב הוט זיך גיוראייעט אם שמחת תורה
מֹשֶׁה הוט זיך גיוראייעט אם שמחת תורה · אַהֲרֹן אוט זיך
גיוראייעט אם שמחת תורה · יְהוֹשֻׁעַ הוט זיך גיוראייעט אם
שמחת תורה · שְׁמוּאֵל הוט זיך גיוראייעט אם שמחת תורה ·
דָוִד הוט זיך גיוראייעט אם שמחת תורה · שְׁלֹמֹה הוט זיך
גיורייאעט אם שמחת תורה קומן ער ווערט קומן משיח דער דא

האיישט נאמה אם שמחת תורה · דיא תורה איז איין בוים דעש
איוויג לעבן צו אל דער וועלט איז זיא איין איוויגש לעבן · ווען מיט
דיר איז דער אורשפרונג דעש איוויג לעבן · יהללו זי זולן לובן דען
נאמן גוטש ווען ער איז שטארק זיין נאמן אליין ·

**הודו** זיין לובא איז אויף דער ערדן אונ׳ אים היממל
אונ׳ ער הוט דער הובן דיא הערשאפט צו
זיינם פולק לובא צו אל זיינן חסידים צו קינדר
ישראל זיין נעשט פולק לובט גוט ·

דען מעריב זאגט מן דיא אירשט נאכט פון פסח

# בָּרְכוּ אֶת יי הַמְבֹורָךְ

לובטש גוט דער דא איז געלובט ·

# בָּרוּךְ יי הַמְבֹורָךְ לְעוֹלָם וָעֶד

געלובט זייא גוט דער דא איז געלובט צו אוימר אונ׳ איוויג

**בָּרוּךְ** אַתָּה · געלובט זיישטו גוט אונזר גוט קוניג
דער וועלט דער מיט זיינר רידא מאכט
ווינשטר די אובנט מיט ווישהייט ער אופנט
דיא פפורטן אונ׳ מיט ור שטענדיקייט ער ור ענדרט די צייט
אונ׳ ער ור וועכשלט דיא צייט אונ׳ ער אורדנט דיא שטערן אין
אירר היטונג אים היממל נוך זיינם ווילן בישאפט ער טג אונ׳ נאכט
ער טוט אב דש ליכט פון פור דער ווינשטרניש אונ׳ דיא
ווינשטרניש פון פור דעם ליכט אונ׳ ער מאכט איבר וארן דען

טאג אונ׳ ברענגט דיא נאכט אונ׳ ער שיידט צווישן טאג אונ׳ נאכט
גאט דער הער איז זיין נאמן · גאט דער לעבנדיג אונ׳ דער אייביג
שטעטליך ער זול קיניגן איבר אונז אייביקליכן ·

ליל שמורים דיא נאכט דער הויטונג הוט גאט גטאיילט · אין
האלב דער נאכט צווישן מצרים דא ער איש גגנגן · דו
שטארקר גאט אויף די רשעים זולטו טאילן זיא אז דו זיא פור הושט
גיטאיילט · אונזר ורויינד הקבה דער דא מאכט וינשטר דען אובנט
זא וואלן וויר לובן אין מיט בגירינגן לייבא · גלובט זיישטו גאט דער
דא מאכט וינשטר דיא אובנט

**אהבת** עולם · איין אייביגי ליבשאפט דיין פֿולק
ישראל דו הושט ליבא די תורה אונ׳ מצות
גזיין אונ׳ גריכט הושטו גלערנט אונש ·
דרום אזא גאט אונזר גאט זא וויר אונש לייגן אונ׳ זא וויר אויף שטין
וואלן וויר רידן אן דיינן גזיצן · אונ׳ וויר וואלן זיך וראייען אין רידא
דיינר תורה אונ׳ אין דיין מצות אוימר אונ׳ אייביג · ווען זי זיין אונזר
לעבן אונ׳ לענגא אונזרר טעג אונ׳ אן אינן וואלן וויר טיכטן טאג אונ׳
נאכט · אונ׳ דיין ליבשאפט זולטו ניט אב טון פֿון אונז צו אייביקליכן

ליל שמורים איין נאכט דער הויטונג איז די דוזיג נאכט
אונ׳ ער הוט בירייט זיא גאט אויף לעתיד לבא מיט
דער זאג אין האלבא דער נאכט דז מיינט דער טג דער ניט ווערט
זיין טאג נוך נאכט גזיין זיינר ליבשאפט זול ער גדענקן · צו דען
קינדרן דען דא וואורד גיטאיילט די נאכט · גלובט זיישטו גאט דער
דא הוט ליבא זיין פֿולק ישראל אל מלך

**אמת** עש איז וואר אונ׳ ווארהפטיג · דש אלש אונ׳
איז בישטעטיגט אויף אונז · דז ער איז אונזר
גאט אונ׳ ניאנט און ער · אונ׳ וויר זיין ישראל

זיין פֿולק · דער דא הוט דר לויזט אונש פֿון הענדא דער קוניגן
אונזר קונינג דער אונז דער לוזט הוט פֿון טענר אלר שטארקן דער
נוט דער זיך ביצאלט פֿון אונזרן וועגן פֿון אונזרן ליידינגן אונ' דער
דא ביצאלט ור געלטונג צו אלן ויינדן אונזרש לייבש · דער דא טוט
גרושי דינג דיא ניט צו פֿורשן זיין אונ' וואונדר און צאל · דער דא
הוט גיטון אונזר זיל אין דז לעבן אונ' ער הוט ניט לושן גלייטן אונזר
פֿוש דער דא מאכט טרעטן אונש אויף דיא הויך אונזרר ויינדא אונ'
ער הוט דר הובן אונזר הערשאפֿט אויבר אל אונזרי ויינדא · דער
אונז הוט גיטון רוכונג אונ' צאייכן אן פרעה צאייכן אונ' וואונדר אים
לאנד קינדר חם דער דא הוט גשלאגן מיט זיינם צורן אל די אירשטן
צו מצרים אונ' ער הוט אויז גיצוהן זיין פֿולק ישראל פֿון צווישן זיא צו
וריאונג איוויג · דער דא מאכט אויבר וארן זייני קינדר צווישן דיא
שטויק דעש מירש אירי נוך יאגר אונ' אירי ויינד אין די אפגרונד דא
ער הוט ור זענקט · זיא זוהן זיין קינדר זייני שטערק זיא לובטן
אונ' זי ביקענטן צו זיינם נאמן אונ' זיין קוניגרייך מיט גוטם ווילן זי
אנפפינגן אויף זיך משה אונ' קינדר ישראל צו דיר זי שראייען איין
גיזאנגן ·

פסח דש קרבן פסח אושן זיא איילנדינג אונ' וואונדר זיא
זאהן אין טעג וייערונג דעש פסח · דען פסח זיין
ויר שולדינג צו הויטן צו אלן גיבוירדן קיר דיך צו אונש צו וויזן אונז
אין טעגן וייערונג דעש פסח · אם פסח ער גיבוט די פיין פֿון
דעם גלות מצרים אויף דיא ווארהאפטיגן ישראל ויר הונדרט יאר
גיציילט אין טעגן וייערונג דעש פסח · אם פסח דש רעכט פֿון
דען שמיטות דיא דניאל הוט גיזאגט ער זול דר פֿוילן אונ' דען טאג
דער ראכונג ער זול אנבליקן אין טעג וייערונג דעש פסח · אם
פסח ער דר שלוג דיא אירשטן פֿון חם די בכורים פֿון ישראל ער
דר בארמט אין טעג וייערונג דעש פסח · דער פסח איז

ביראייט צו ריכֿטן אן אים דיא רשעים אונ׳ ווערדן הינטן נוך אויף
גן צו ציון די העלפֿר אין טעג ווייערונג דעש פסח · אם פסח
איין גיזאנגא אין מצרים ווורדא גיגעבן צו דר לויזן דיא קינדר בֿון
אבֿרהם אין טעג ווייערונג דעש פסח · אם פסח איין שווערט איין
שארפֿש אויף דיא רשעים דורך די האנט בֿון הקבה דער דא איז
לויטר אונ׳ רוט אין טעג ווייערונג דעש פסח · אם פסח
ער שעפֿטט די קינדר בֿון כוש דש איינט די מצריים אונ׳ ער צוך
אויש זיין בֿולק מיט גרושר גוטא אין טעג ווייערונג דעש פסח ·
אם פסח צו דעם ליבן נעשט דש איז ירושלים די דא איז ור וואושט
איין זאמיל דש בֿולק דז דא איז ור וואגלט אין טעג ווייערונג דעש
פסח · אם פסח ער הוט ור שניטן דיא מצריים דיא דא טעטן
אויף ישראל צינז אונ׳ ער צוך אויש זיין וואלק מיט צאייכֿן אין טעג
ווייערונג דעש פסח · אם פסח אונזרי ביצווינגר ער זול
ביצווינגן אונ׳ זול האיילן אונש בֿון וואונדן אין טעג ווייערונגא דעש
פסח · אם פסח ער דר בֿולט די ברואונג בֿון ישראל דיא לער
ווארן אונ׳ ער אויש ראייש מצרים די דא זיין גיגליכֿן צו איינר ווין
רעבא אין טעג ווייערונג דעש פסח · אם פסח די הערשאפֿט
דעש ליידינגר ער זול נידרן ורייד זיינש בֿולקש ער זול צוויבֿעלטיגן
אין טעג ווייערונג דעש פסח · אם פסח ער ענטוורט דיא
מוטווילין מצריים צום מורט אונ׳ ער האיילט זיין בֿולק ישראל בֿון
ברויכֿניש אין טעג ווייערונג דעש פסח · דער פסח אוים ווילן
אלי בֿולקר ער איז גיהויט אונ׳ רובֿונג זיינש בֿולקש אז דא איז ווארדן
גיזאגט אין טעג ווייערונגא דעש פסח · אם פסח ער מאכֿט
אנגשטן די הויזר דער מצריים אונ׳ ער פרויבֿט אן דעם סיין בֿון
ישראל דיא דא זיין גיהויט אין טעג ווייערונג דעש פסח · אם
פסח די שונהייט דער לאיידינגר צו דער גרובן זאמיל דש בֿולק דש
דא איז איין גיגראבן אין טעג ווייערונג דעש פסח · אם

פסח ער קנויפסט דען לאיידינר דש ער ווארדא בור לורן אונ׳ ער
דר לוזט די ליבן בום דינשט אין טענווייערונג דעש פסח ·
אם פסח דיא הופרטיגן אונ׳ דיא מוטווילין דו הושט צו בוירט ·
אונ׳ דיין גיזילין הושטו אנטשפוזט אין טענווייערונג דעש פסח ·
אם פסח ער טעט אין אל מצריים הוייזר קלאנג אין זיינם אויש
גן אין דער מיטר נאכט אין טענווייערונג דעש פסח · דער
פסח איז ביראייט אונ׳ איז איין גיגראבן צו איינם צאייכן צו וויזן
אונש וואונדר אין טענווייערונג דעש פסח ·

**פֶּסַח** אם פסח לובט מן צו דעם דער דא רואט אים היאיל זיין שטערק דיא רידטן דיא נוהטן אונ׳ דיא וערן שטערק זיינר איר אים מיר זי אן
שריבן גיזאנג אונ׳ לובא זיא זאגן אונ׳ זיא וראייעטן זיך · מיט
וראייד אונ׳ מיט גיזאנג אונ׳ מיט גרושר וראייד אונ׳ זיא זאגטן אל צו
מול · מי כמוך ווער איז אז דו אונטר דען שטארקן גוט
ווער איז אז דו בישונט מיט האיליקאייט בורכטזם לובא ער טוט
וואונדר · מַלְכוּתְךָ דיין קויניגרייך זיא זוהן דייני קינדר
דו שפאלטר דש מיר צו בור משה ·

**לֵיל** די נאכט דער הויטונג איין צאייכן איז זיא וְעָתִיד לָבֹא דער אוברשט ווען ער ווערט קומן
גדענקן ער ווערט גדענקן זיין בולק זיין נוהבטש
אונזר שופפר איז ער ויר· וואלן ורוליך זיין אונ׳ וואלן אונש וראייען
אן אים · דיזר איז שופפר אונזרר הוילי דיא אופבטן דען מונט
אונ׳ זי זאגטן · גוט ער זול קויניגן אויאר אונ׳ איווינג ·

**וַיֹּאמֶר** אונ׳ עש איז ווארדן גיזאגט ווען ער הוט גילוזט גוט יעקב אונ׳ ער הוט דר לוזט אין בון האנט איינש שטארקן מיר דען
ער ·

ליל שִׁמּוּרִים · הוט גאט דיא נאכט גירופן וועז אן דער
.. נאכט הוט ער צו ברוכן דיא שטאנגן דעש יאָך פון
מִצְרַיִים די דא זיין גיגליכן צו איינם קאלב צו ברעכן ער זול צו ברעכן
דש פולק דיא דא צו מאלן אונש אונ׳ עשן אונ׳ זול מֵירן צום אנדרן
מול אן דער נאכט צו דר לויזן אונז · גילובט זיישטו גאט דער דא הוט
דר לויזט ישראל

# הַשְׁכִּיבֵנוּ

מאך ליגן אונש גאט אונזר צו וריד
אונ׳ מאך אונש ווידר אויף שטין
צו לעבן אונ׳ שפרייט איבר אונש
איין הֻיטא דיינש ורידש אונ׳ בירייט אונז מיט גוטם רוטא צו פור
דיר · אונ׳ הילף אונש אום וויל דיין נאמן אונ׳ בשירם אום
אונש אונ׳ טוא אב פון אונש דען ויינדא דען מורט אונ׳ דז שווערט
אונ׳ דען הונגר אונ׳ טרוייאעריקייט אונ׳ טוא אבא דען שָׂטָן פון
פור אונש אונ׳ פון הינטר אונש אונ׳ אים שאטן דיינר ועטיך דו
זולשט פור בערגן אונש · ווען אונזר הויטר אונ׳ אונזר בשירמר
בישטו ווען גאט איין קוניג איין דר בארמיגר בישטו · אונ׳ הויט
אונזר אויש גין אונ׳ אונזר קומן צו לעבן אונ׳ צו ורידא פון איצונט אן
ביז איוויג אונ׳ שפרייט אוויבר אונז איין הֻיטא דיינש ורידש

ליל שִׁמּוּרִים דיא נאכט דער הויטונג מאכט ער הורן צו
.. דעם פולק דעם גליבטן דז ער זיא הַאט בשירמט פון
האבט דער מצריים איין הוילף זול דיא נאכט אויך זיין צו ירושלים
דיא דא איז גיהאיישן בַּת רַבִּים מיט זענפטיקייט אונ׳ מיט וריד און
אנגשט זולן ישראל דארינן ליגן ·

יָה שִׁמּוּרִים לְשׁוֹמֵר ישראל דז איז איין נאכט דער הויטונג צו דעם
שומר ישראל ·

# אֶזְכְּרָה

איך גידענק דיא יאר פון איוויג דיא טעג די דא
: : זיין גיוועזן פון פור מולש · אין דען שוכן

הושטו איין שונן טריט דו ישראל טוכטר דעש הערן הקבה דער
דא איז גיוועזן פֿור דער וועלט · צו ירושלים דעם גימערק דעם
הוהען דש גימערק פֿון דעם יונגשטן שבט דש דא גיוועלטיגט אן
דען ויינדן · גליך אז די מלכים צו גוטש הויזא אן דען רגלים ווער
איך מיך פֿור וואגן · צו ווערדן גיזעהן אין דעם הובֿא פֿום בית
המקדש מיט איינם קרבן פֿור גוט צו פֿויר קומן · אונ׳ מיט דעם
בלוטא פֿון מיינן קרבן פסח דש האיילין מזבח צו מאכן רוטא

**זבח** דש טעגליך אופפֿר דש דא איז גיזוינדרט צו גוט אובנט
אונ׳ מורגנש · דש האט זיין גיזעצן אונ׳ זיין
רעכֿט דש גנץ יאר ווען מן עש זולט גינעהן · און אם ערב פסח
מושט מן עז איין וויניג פֿודרן צו גנעהן · דא ירושלים נוך גישטאנדן
איז דיא גירעכֿטיקאייט איבר נעכֿטיגט אין צווישן איר · אבר
איצונד זא מן ניט מיר טאר קרבנות ברענגן · אונ׳ דש בית המקדש
איז פֿור וואושט זא לושטא מיך דיר צו דינן מיט דעם מונד דש זול
דיר זיין צו איינם זוישן גישמאק

**מדבר** ירושלים די דא איז גיהאיישן וואושטנייא דיינר
וואונונגא דיא דא איז ורייזא דער גאנצן וועלט אונ׳
איר וואון · עש וואורד גישעכֿט דרינן דש קרבן פסח מיט דרייא
שארן · דיא לויים אורדנטן דש גיזאנג פֿון הלל מיט אירם לובא ·
דיא יונגן כהנים שטונדן צאיילן ווייזא נוך דעם גורל · אן דען זייטן
פֿום גרונט ועשט דעש מזבח צו שפרענגן דז בלוטא פֿון דען קרבן
פסח · אונ׳ צו דעמפֿן דיא איגנוואיידא אוין׳ אופפֿר שטול אירר
מוישונגא ·

**רעים** דיא גיזעלשפֿט די זיך דרוין׳ גיצילט האטן די אושן
עש בייא דער נאכֿט גיברוטן · זעכֿצין ארלייא
מצות בידורפֿט עש אונ׳ וירר כוסות מיט ווין · סויקן אונ׳ ספֿאייסן
טרוין גישלעכֿט יהודה אונ׳ כל ישראל דיא אים לאנדא זאשן · גוט

דער דא בישטעטיגט ריד זיינש קנעכטש אונ' זיין רוטא איז וויטר
דו זולשט זאגן צו ירושלים דש זיא זול ווערדן ביזעצט אונ' ציון אז
איר גיעגן זולטו קרונן איר מויאר אונ' איר פאלש אין דער סוכה פון
ירושלים זולטו דיך דר מאייען אין אירם שאטן · דען וורשטו
ווידר בינערן שעפטונגא גירעכטיקייט אוספר אונ' פוייער אוספר
גלובט זיישטו גאט דער דא שפראייט איין הויט דעש ורידש אויף
אונש אונ' אויף אל זיין פולק ישראל אונ' אויף ירושלים

**וידבר** אונ' ער רידט משה דיא ימים טובים גאטש צו
קינדר ישראל

**ליל** דש מעריב זאגט מן דיא אנדר נאכט פון פסח
שמורים · אן דער נאכט דער היטונג גאט דער
דא איז דש ליכט פון ישראל דיא דא זיין האיילינג
אונ' פורכטזם אז דיא גיבאנירטן מלאכים · אין
צוען דען רוטא פון זיינן מלאכים ער געגבנט דא ער זיך דר צאייגט
זיין אכפרקאייט פון דעם זעלבן מול אן זיא זאגן מיט זאמלונגא ·
וויל לובא · צו קינדן אם מורגן דיין גינוד אונ' דיין ווארהייט אן דער
נאכט · גלובט זיישטו גאט דער דא מאכט וינשטר דיא אובנט ·
אהבת ביז אן איוקליכן

**ליל** שמורים · אן דער נאכט דער היטונגא ער טעט
וואונדרן די טיפן ור הולן עצות די ער פור לענגשט
זיך בירוטן האט · אונ' אן דער זעלבן נאכט אז איין דר צוהר זייני
קינדר פום דינשט ער טעט אויף ברעגן זיא · ביהעפטונג איינר
איינין ליבשאפט הוט ער געמאכט זיא צו דר הוהן זי פון וועגן דער
ליבשאפט דיא גאט הוט צו ישראל צו איוינג · גלובט זיישטו גאט דער
דא הוט ליבא זיין פולק ישראל ·
אל מלך אונ' אמת ביז אן צו דיר זיא זאגן איין גיזאנג ·

ליל שִׁמּוּרִים די נאכט דער הויטונג דער שטארק אונ׳
דער שון צו זיינם לובא · איין געדעכטניש הוט ער
געטון צו זיינן וואונדרן · אן דער נאכט וייערונג דעש פסח ·
אן דער נאכט דער הויטונגא איך וויל בישוינן דען דער דא ור גילט
גינודא · זיין לובא איז אין זאמלונגא דער חֲסִידִים אין דער נאכט
וייערונג דעש פסח · דיא נאכט דער הויטונג איז קומן בון שֵׁשֶׁת
יְמֵי בְרֵאשִׁית צו ווערדן גיזאגט צו אונש דיא נאכט צו הויטונג · אין
דער נאכט וייערונג דעש פסח · אן דער נאכט דער הויטונג
אונש וויל מיינש קָרְבַּן פסח · עש זול ווערדן גויש אוני׳ איש מיין
רֵידא אין דער נאכט וייערונג דעש פסח · אן דער נאכט
דער הויטונגא דש ליכט דער וועלט הוט ער גיפורט · אן ואנג
דיינר רידא ער דר לויכט אין דער נאכט וייערונג דעש פסח ·
אן דער נאכט דער הויטונג ער גינעהט דער אן גינעם הֶבֶל צו דינן
בון אֵירשטן זיינר שוני׳ אונ׳ בון אירם אוינשליט · אין דער
נאכט וייערונג דעש פסח · אן דער נאכט דער הויטונג ער
טראט דער שטערן בון מִזְרָח · דער קלוג אַבְרָהָם דער דא היש
אֵיתָן הָאֶזְרָחִי · אין דער נאכט וייערונג דעש פסח ·
אן דער נאכט דער הויטונג ער יאגט דיא ויר קוניגן אונ׳ ור ולאגט
זיא איר שווערט קאם אין איר הערץ · אין דער נאכט וייערונג
דעש פסח · אן דער נאכט דער הויטונג זיא ווארדא גלובט
שָׂרָה אים גרובשאפט אין גיברונטרטן קליידן ווער זיא וואל ווירדיג
גיוועזן דש זיא זולט ווערדן גיברוכט צום קוניג · אין דער נאכט
וייערונג דעש פסח · אן דער נאכט דער הויטונגא
ווארדא פַּרְעֹה ור שטושן אונ׳ ור שלאיפט הינטר זיך אונ׳ וואנדר
אוני׳ מִצְרַיִם · אין דער נאכט וייערונג דעש פסח · אן דער
נאכט דער הויטונג ווארד ביטעדינגט צו צו ברעכן אונזר יאך דייני
וואונדר אונ׳ דייני גידאנקן זיין בון אונזרן וועגן · אין דער נאכט

גייערונגא דעש פסח · אן דער נאכט דער הויטונגא ער
וואורד גישטרופט שטיל מיט דר שרעקניש · אֲבִימֶלֶך אים טראוים
דער נאכט · אין דער נאכט גייערונג דעש פסח · אן דער
נאכט דער הויטונגא אויף דיא מוטווילן מִצְרַיִם זיין גיוואלט ער ור
גושא · ער זענדט זיין הנט אוב ור קירט זיא אין דער נאכט
גייערונגא דעש פסח · אן דער נאכט דער
הויטונגא ער ווארנט מיט גיטן דש ער זולט שווייגן לָבָן דען אֲרַמִּי
אים טרויאם · אן דער נאכט גייערונגא דעש פסח
אן דער נאכט דער הויטונג די לושטין רִבְקָה די בְּרָכוֹת זי ולייסט
דש זיא קאמן צו יעקב אירם זון אן דער נאכט גייערונג דעש פסח
